STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01231

URMENSH UN VILDER

Otto Hauser

Permanent preservation of this book was made possible
by David & Goldie Blanksteen
in memory of
Sonia Teichberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כלל-פארלאג

ד"ר אָ. האָוזער

אורמענש און ווילדער

אַ פּאַראַלעל צווישן דער פּאַרהיסטאָרישער צייט
און דער איצטיגער

ייִדיש — ז. קאַלמאַנאָוויטש

כלל-פאַרלאַג
בערלין, 1923, תרפ"ג

K L A L - V E R L A G
BERLIN SW68 / MARKGRAFENSTRASSE 73

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1923.
Gedruckt in der Klal-Druckerei, Berlin.

אינהאַלט:

פונם איבערזעצער . . . . ז. 7

אַריינפיר . . . . „ 9

קאַפּיטל I: די וואוינונג . . . . „ 17

„ II: דערנערונג . . . . „ 31

„ III: דאָס פייער . . . . „ 44

„ IV: כּלי־זיין, געיעג און אינדוסטריע . . . . „ 53

„ V: קליידונג און צירונג . . . . „ 93

„ VI: די שפּראַך . . . . „ 105

„ VII: סאָציאַלע גלידערונג . . . . „ 115

„ VIII: קונסט און קולט . . . . „ 131

„ IX: איפּבּליה . . . . „ 164

פונם איבערזעצער

ביים איבערזעצן דאָס דאָזיגע ווערק איז אויסגעקומען גובר צו זיין עטליכע שוועריגקייטן. אין יידיש זיינען כמעט קיין ביכער אויף דעם געביט ניטאָ. איז דעם איבערזעצער דעריבער אויסגעקומען צו שאַפן די טערמינאָלאָגיע פון דאָס ניי.

דער מאַסן־לייענער וועט אפשר מוזן מאַכן אַ געוויסע אָנשטרענגונג ביים לייענען דאָס ווערק, אָבער עס איז כדאַי: דאָס ווערק פירט אַריין אין אַ נייער וועלט, וואָס דער יידיש־לייענער האָט אַפילו ניט חושד געווען קיין מאָל איר עקסיסטענץ. עס איז אַ פּאָפּולער בוך, אָבער אָנגעשריבן פון איינעם פון די גרעסטע אַווטאָריטעטן אויף דעם געביט. דער איבערזעצער האָט געפילט דעם חוב פאַרן מחבר איבערצוגעבן זיין ווערק אויסגעהאַלטן אין זיין סטיל און ניט אַראָפּלאָזן זיך אַ מדרגה נידעריגער דורך וואָלוועלער „פּאָפּולאַריזאַציע“. דער ליבהאָבער פון יידיש וועט האָפנטליך אויפן איבערזעצער דערפאַר קיין פאַראיבל ניט האָבן.

בנוגע צו איינציגע טערמינעס, זיינען זיי אין דער איבערזעצונג איבערגעגעבן געוואָרן ניט אַזוי, ווי זיי ווערן געברויכט אין דער וויסנשאַפט: Chelléen, Acheuléen, Aurignacien א. אַז. וו., ווייל אין יידיש איז שווער איבערצוגעבן די אויסשפּראַך פון אָט די פראַנצויזישע ווערטער, בפרט איז דער אַקצענט סוף וואָרט דערווידער דעם יידישן שפּראַך־געפיל. עס איז גענומען געוואָרן דאָס שורש־וואָרט, דער נאָמען פון געהעריגן פראַנצויזישן ישוב: שעל, אַשעל, אָריניאַק און אַז. וו. און צוגעגעבן געוואָרן די ווערטער צייט, תקופה, שיכט, ראַסע א. אַז. וו. מען דאַרף דאָך האָבן אין זינען, אַז דאָס זיינען ניט

מער ווי אָפּגערעדטע טערמינען פאַר געווויסע תּקופות אָדער קולטור־מדרגות. ניט נאָר אין די דערמאָנטע ערטער פון פראַנקרייך האָט מען געפונען רעשטן פונם פאַרהיסטאָרישן מענשן, נאָר אויך אַנדערשוואו. און לויט געוויסע סימנים רעכנט מען צו די געפונענע זאַכן אָדער סקעלעטן צו דער אָדער צו יענער תּקופה.

אַריינפיר

דער מענש פון דער פאַרהיסטאָרישער צייט מוז אין די אַנטפּלעקונגען פון זיין קולטור און לויט זיין גאַנצן לעבנס־פיר באַטראַכט ווערן ווי אַ „ווילדער". ווי אַן אינדיווויד שטייט ער ניט אָן אַ זייט פון דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער מענשהייט: ניכער איז ער איינער פון אירע אויסגאַנגס־פּונקטן און דערגרייכט, למשל, אין זיינע ראַסן־ און קולטור־אייגנטימליכקייטן צום סוף פון דער אייז־צייט צו דער מדרגה, וואָס ווייזט אים אונז אין אַזאַ געשטאַלט, אַזוי ווי ער וואָלט געשטאַנען צווישן די איצטיגע נאַטור־פעלקער. אָט דער שטאַרקער אינעווייניגסטער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם פאַרהיסטאָרישן מענשן און דעם ווילדן דערגייט טיילמאָלס צו אַ פולער גלייכקייט: וואָרום די קולטור־אַנטפּלעקונגען פון ביידע גרופּעס דעקן זיך אָפטמאָלס, אַז עס איז ממש אַ חידוש.

מחמת דעם איז מען אָפט נוטה צו ברייננען די נאַטור־פעלקער און די אייז־צייט־פעלקער אַפילו אין אַ ראַסן־אַנטראָפּאָלאָגישער פאַרבינדונג. אַזוי האָט מיין אַמאָליגער לערער זשיראָ נאָך מיט צוויי צענדליג יאָר צוריק גערעדט וועגן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן די עסקימאָסן און צווישן די מענשן פון דער מאַגדאַלען־צייט; ער האָט געמיינט, אַז די ענליכקייט פון די פאַרשיידענע געצייג־טיפּן איז אַ גענוגער באַווייז דערפאַר, אַז די דערמאָנטע צפון־פעלקער שטאַמען דירעקט אָפּ פון די אייז־צייט־מענשן.

ביי די ראָזיגע און ענליכע דרינגענישן האָט מען אָבער פאַרזעהן, אַז אַ סך קולטור־ערשיינונגען זיינען אַ פּראָדוקט פון דער נאָהענטער אַרומיגער סביבה. באַסטיאַן האָט דאָס זעהר כאַראַקטעריסטיש אָנגערופן „געאָגראַפישע פּראָווינץ". איך האָב שוין אין אַ פריהערדיגן ווערק באַטאָנט, אַז דער מענשליכער גייסט שאַפט צו אַלע צייטן און אומעטום גלייכס און ענליכס. עס איז דעריבער ניט קיין חידוש, אויב עס ווייזט זיך אַרויס אַ בולטע

גלייכאַרטיגקייט פון געוויסע קולטור־אַנטפּלעקונגען אין ערטער, וואָס ליגן געאָגראַפיש זעהר ווייט פון אַנאַנד, און אין די פאַרשיידנסטע קלימאַטן. די דאָזיגע גלייכאַרטיגקייט באַווייזט זיך קודם כל אין דער פאָרימונג פון די הילפסמיטלען, וואָס זיינען נויטיג צוליב דעם טעגליכן לעבן — די געצייג און כלי־זיין, — ווייטער אָבער אויך אין די פּראָדוקטן פון צירונג און קונסט. אונזער ווערק וועט באַווייזן אַ סך ביישפּילן דערצו.

פון די אַלע פאַקטן בויט זיך דער בריק צווישן דער פאַרגעשיכטע און געשיכטע, און דער פאַרבינדער־באַלקן ווערט די עטנאָגראַפיע.

די פאָרשונג פון דער פאַרגעשיכטע איז בכל אופן אַ טייל פון דער געשיכטע. אַלע זאַכן, וואָס פאַרנעמען זיך מיטן פּרעהיסטאָרישן מאַטע־ריאַל, ליגן ניט אויסער דעם היסטאָרישן זעה־ווינקל. זיי זיינען, פאַרקערט, אַן אָנהויב פון היסטאָרישע השגות, און אויף פולקום צו פאַרשטיין היסטאָ־רישע פאַקטן קאָנען געוויס מיטהעלפן די ערקלערונגען, וואָס מיר נעמען אַרויס פון די פאַרהיסטאָרישע צייטן.

די געשיכטע פאַרנעמט זיך, אמת, נאָר מיט די פאַרשריבענע געשע־העניש פון עטליכע יאָר־טויזנטער; אָבער ניט אַלץ, וואָס שטייט ניט פאַר־שריבן, דאַרף באַטראַכט ווערן פאַר מוטל בספק. געאָלאָגיע און פאַלע־אָנטאָלאָגיע זיינען אין אַ געוויסער מאָס אויך נאָר ביכער אָהן אותיות, וואָס לאָזן זיך גרינג לייענען, אָבער פאָרט האָבן ביידע דיסציפּלינעס אונז געבראַכט זיכערע ראיות וועגן דעם, אַז מענשן און חיות האָבן עקסיסטירט אין ווייט אָפּגעלעגענע צייטן.

די אותיות פון דער ערד־געשיכטע (געאָלאָגיע) זיינען אַזוי דייטליך און בולט אָנגעצייכנט, ווי די בערג, טאָלן און טייכן פון דעם ערד־אויבער־פלאַך. די רעשטן פון דער אורוועלטליכער פאַונע באַלעבן דורך די ער־קלערונגען פון דער פאַלעאָנטאָלאָגיע דאָס בילד פון די פריהע צייטן פון דער ערד. און פון דער טיפעניש פון דער ערד אַרויס רעדט צו אונז מיט אַ ניט ווינציגער אמתער און לעבעדיגער שפּראַך אויך די קולטור פון אַלטע צייטן. געאָלאָגיע, פאַלעאָנטאָלאָגיע און פּרעהיסטאָריע זיינען באַ־גרינדעט ניט אויף פאַרמעטענע בלעטער, נאָר אויף די אייביגע שטריכן, וואָס אַנטפּלעקן זיך אין דעם לייען־בוך פון דער ערד. דער איבערגאַנג פון דער פּרעהיסטאָריע צו דער געשיכטע איז פאָרגעקומען פאַמעליך, אָבער ניט אָהן אַן אינעווייניגסטן צוזאַמענהאַנג פון סיבה און ווירקונג. אַז מיר באַ־טראַכטן דעם ווילדן אין אורוואַלד, ווערט פאַר אונז פאַרשטענדליך און לעבעדיג דער פּרימיטיווער מענש פון ווייט אָפּגעלעגענע צענדליגער טויזנטער יאָרן.

עס האָט די פונדאַמענטאַלסטע באַדייטונג, אַז גראָד דער עלטסטער טייל פון דער פאַרגעשיכטע זאָל גרונטיק אויסגעפאָרשט ווערן; וואָרום אין אים, אין דער אַלטשטיין־צייט, האָבן זייער אָנהויב די קולטור און דער אָפּשטאַם פונם מענטשן. דאָרט, וואו מיר וועלן ניט אַזוי גיך געפינען קיין ערקלערונג פאַר געוויסע צושטאַנדן צווישן פּרעהיסטאָריע און געשיכטע, וועט אונז לערנען די עטנאָגראַפיע, און דעריבער האַלט איך, אַז מען מוז פאַרשטיין און לערנען פאַרגעשיכטע, עטנאָגראַפיע און געשיכטע, איינגעשלאָסן אויך קולטור־ און קונסט־געשיכטע, אין אַן איינגען צוזאַמענהאַנג.



שטיינערנע געצייג פון דער אַשעל־צייט, געפונען ביים Homo Mousteriensis

דער מענטש פון דער אַלטשטיין־צייט, דער פּאַלעאָליטיקער, שטייט אין זיינע עלטסטע פאַזיסן פון דער שעל־צייט, אַשעל־צייט און מוסטיער־צייט ניט מער אויף דער נידעריגסטער מדרגה. קלאַאַטש האָט אים אַפילו אָנגערופן אַ „חיה צווישן חיות“. אָבער ער האָט דאָך שוין פאַרמאָגט שטיינערנע געצייג, טעכניש פיין געמאַכט ביז גאָר, און מען מעג משער זיין, אַז פריהער זיינען שוין געווען אַ סך פּשוטערע פאָרמען.

דער אַלטער מענטש האָט געוואוסט צו באַנוצן פייער אויף צוצוגרייטן שפּייז, ממילא האָט ער שוין פאַרשטאַנען צו מאַכן פייער. ער האָט פאַרמאָגט אַ כעין פון רעליגיעזע פאָרשטעלונגען; וואָרום, ווי דאָס געפינס פון לע מוסטיער באַווייזט, האָט ער מיטגעגעבן די טויטע אין קבר אַריין כלי־זיין און שפּייז. נאָך איצט שטייען אַ טייל ווילדע ניט אויף קיין העכערער קולטור־

מדרגה, און מיר האָבן געווים ראָס רעכט, ווען מיר האָבן פאַר זיך גלייכע אָדער ענליכע קולטור־אַנטפלעקונגען, צו ציהען מסקנות פונם לעבנס־פיר פון די ווילדע פאַרן לעבנס־פיר פון די פאַרהיסטאָרישע מענשן.

פון אַ טייל געפינסן קענען מיר נאָך אַן עלטערע אַנטוויקלונגס־מדרגה פון דער מענשהייט, ווי די שוין דערמאָנטע פון דער שעל־תקופה. איך מיין די אַזוי אָנגערופענע עאָליטן, די „שטיינער פונם באַגינען". זינט מען



Homo Mousteriensis Hauseri
פון פאָרנט און אין פראָפיל



Homo Aurignacensis Hauseri
פון פאָרנט און אין פראָפיל

האָט זיי אַנטרעקט, גייט אַ שאַרפער וכּוח צווישן די געלערנטע. אייניגע האַלטן, אַז די עאָליטן זיינען נאַטור־פּראָדוקטן, אַנדערע פאַררעכענען זיי פאַר פּראָדוקטן פון אַ באַוואוסטער מענשליכער אַרבעט. דער וכּוח איז נאָך ניט געקומען צום סוף, אָבער עס איז אינטערעסאַנט, אַז נאָך היינט באַגעגע־

טאַבעלע פון די אייז-צייטן און פון די קולטור-פעריאָדן
פון דרומית-מערבית פראַנקרייך

מענשן־ראַסע	בעלי־חיים־וועלט	קולטור־מדרגה	געאָלאָגישע תקופה
קראָ-מאַניאָן שאַנסלאַד אָריניאַק-ראַסע (אָראַנגאָאידע)	פּאָלאַר-הירש; פּאָלאַר-מויז; מאָשוס-אָקס צוזאַמען מיט אייז-פוקס; מאַמאָנט; ווילזטיר; איידל-הירש; אַנטילאָפּע; ווילדפערד	מאַגדאַלען סאָליטרע אָריניאַק	IV. אייז-צייט
שימפּאַנזאָאידע מיקאָק-ראַסע עהרינגסדאָרפער אונטערקינבאַק	אַלטער העלפאַנד; מערקס נאָז-האָרן; היפּאָפּאָטאַם; ווילד-פערד; איידל-הירש; ווילזטיר; היילן-בער (ניטאָ קיין פּאָלאַר-הירש)	מיקאָק נייע קולטור-מדרגה	3-טע צווישן- אייז-צייט
נעאַנדערטאַל- ראַסע (גאָרילאָאידע-ראַסע)	פּאָלאַר-הירש; איידל-הירש; ווילזטיר; מאַמאָנט ווילדפערד; ווילזטיר; היילן-בער; וואָלהאָריגער נאָזהאָרן; היילן-לייב; היילן-היענע; מאַמאָנט; פּאָלאַר-הירש; איידל-הירש	מוסטיער אַשעל II	III. אייז-צייט
אַלטע נעאַנדערטאַל- ראַסע Homo Heidelbergensis	אַלטער העלפאַנד; מערקס נאָזהאָרן; היפּאָפּאָטאַם	אַשעל I שעל	2-טע צווישן- אייז-צייט
		פּראַעשעל	II. אייז-צייט
	מאַסטאָדאָנט; היפּאָפּאָטאַם; נאָזהאָרן	פּראַעשעל	1-טע צווישן- אייז-צייט
		עאָליט לויט ריטאָ	I. אייז-צייט
			טערציער

נען מיר בײַ נאַטור־פעלקער, וואָס שטייען אויף אַ נידעריגער מדרגה, עכטע עפּליטן ווי געצייג; ווען דעם וועט נאָך שפּעטער זײַן די רייד.

זיכער איז בכל אופן, אַז מען קאָן ניט פאַרבינדן מיט אַנאַנד די געצייג־טיפּן פון דער שעל־אַשעל־מוסטיער־תקופה און פון דער מיקאָק־תקופה און אָריניאַק־תקופה, נאָר אַז איטליכער טיפּ פאַר זיך איז די אַנטפּלעקונג פון גאַנץ פאַרשיידענע גייסטיגע און קערפּערליכע תכונות.

די אַווטאָריטעטע פאָרשונגען פונם פאַרשטאָרבענעם ברעסלויער אַנטראָפּאָלאָג הערמאַן קלאַאַטש האָבן באַוויזן, אַז אין דער תקופה פון דער אַלט־שטיין־צייט האָבן שוין געלעבט לכל הפּחות צוויי לחלוטין פאַרשיידענע מענטשן־ראַסעס: די ראַסע פון נעאַנדערטאַל און די ראַסע פונם אָריניאַק־טיפּ. צו זיי קומט נאָך צו אַ דריטע ראַסע, די מיקאָק־עהרינגסדאָרפער, וואָס אירע סימנים זײַנען קענטיק אין די בײדע עהרינגסדאָרפער אונטערשטע קינבאַקן (1914—1916), און וואָס איך וואָלט זי מיט זיכערקייט געוואָלט אַרויסדרינגען פון דער אײַנאַרטיגער קולטור־מדרגה פון דער מיקאָק־צייט.

אויב עס איז ריכטיג, ווי קלאַאַטש מיינט, אַז עס איז פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דער נעאַנדערטאָל־ראַסע און דעם גאָרילאַ־צווייג פון די מענטשן־מאַלפּעס, און צווישן דעם אָריניאַק־טיפּ און דער אָראַנג־אוטאַנג־גרופּע, דעמאָלט קאָנען די אַנאַטאָמישע סימנים פון די עהרינגסדאָרפער אונטערקינבאַקן אָנווייזן, אַז די דאָזיגע דריטע פּאַלעאָליטישע ראַסע האָט אַ שייכות מיט דער שימפּאַנזע־משפּחה. די דאָזיגע אונטערקינבאַקן, וואָס געפינען זיך איצט אין שטאָטישן מוזיי פון ווײמאַר, באַווײַזן אַן אַבסאָלוטע פאַרשיידנקייט פון אַלע פּאַלעאָליטישע מענטשן־רעשטן, וואָס זײַנען ביז איצט באַקאַנט.

די קולטור־שיכטן, וואָס פון זיי שטאַמען די עהרינגסדאָרפער געפינסן, שאַפן אַ גאַנץ נייעם אַלגעמיינעם איינדרוק, און ווי ווייט איך קען די פּאַלעאָליטישע געצייג־פאָרמען, בין איך משער, אַז קיין איינע פון די דרײַ מענטשהייטס־גרופּעס האָט זיך ניט געקאָנט אַרויסאַנטוויקלען פון איינער אָדער פון דער אַנדערער. פאַרקערט, איך בין איבערצייגט, אַז די ראַסע און די קולטור־פּראָדוקטן שטאַמען אָפּ פון פאַרשיידענע וואָרצלען.

די נעאַנדערטאָל־ראַסע איז געקומען קיין אייראָפּע פון אַפריקע אין איינעם מיטן אַלטן העלפאַנד און מיט מערקס נאָזהאָרן, די אָריניאַק־ראַסע איז געקומען פון אַזיע אין איינעם מיטן באַהאָרטן מאַמאָנט און דעם וואָלהאָריגן בעהעמאָט. אַזעלכע וואַנדערונגען דאַרפן מיר זיך מסתּמא ניט פאָרשטעלן ווי יענע קאָמפּאַקטע מאַסן פון דער שפּעטערדיגער תקופה פון דער פעלקער־וואַנדערונג, נייערט זיי זײַנען פאָרגעקומען איינציגע גרופּעסווייז און גאָר

פּאַמעליך, האָבּן גערויערט הונדערטער און טויזנטער יאָרן און האָבּן זיך אויס־געשפּרייט אויף ריזיקע שטרעקעס. בּכל אופן האָבּן מיר בּיז אַהער געפונען נאָר די סימנים פון איינציקע טשאַטעס, אַזוי ווי משפּחות, וואָס האָבּן זיך בּאַזעצט דאָרט, וואו עס איז זיי געפעלן געוואָרן, און האָבּן זיך אָפּטמאָלס אויפגעהאַלטן דאָרט דורות לאַנג. די איינציקע קיבּוצים זיינען געווען איינג פאַרשלאָסן אין זיך, אָבּער צוגלייך שטרייננג אָפּגעזונדערט פון אַלע איבּעריקע משפּחות, וואָס זיינען אינם קאַמף פאַרן קיום געווען קאָנקורענטן, און ממילא שונאים.



1, 2 שטראַלן־ביין און 3, 4 עלנבויגן־ביין
פונם Homo Aurignacensis און Homo Mousteriensis

אַן ענליכע ערשיינונג בּאַגעגענען מיר נאָך איצט בּיי די קליינצאָליקע שבטים פון טייל נאַטור־פעלקער, וואָס שטייען אויף אַ נידעריקער מדרגה, אַשטייגער, אין דרום־אַמעריקע און אין נײַ־גווינעאַ. די אָפּזונדערונג איז דאָ אַזוי ווייט דורכ־געפירט, אַז שוין אויף גאָר אַ קליינעם מהלך איז די שפּראַך אַן אַנדערע און געצייג און כּלים פאַרן לעבּנס־בּאַדאַרף אונטערשיידן זיך אָפּטמאָלס שאַרף פון אַנאַנד. וועגן די פּאַוּוערנאַ־אינדיאַנער אין בּאָליוויע דערציילט ערלאַנד נאָר־דענסקיעלד, אַז אין זייער גאַנצן קול־טור־פאַרמעג האָבּן זיי מער גאָרנישט שותּפותדיקס מיט די שכנישע שבטים, ווי איין מוזיקאַלישן אינסטרומענט און איין האַלז־בּאַנד. אין קיסר־ווילהעלם־לאַנד אויף נײַ־גווינעאַ האָט כּמעט איטליכס דאָרף אַן אייגענעם דיאַלעקט, וואָס שוין אין דער סבֿיבֿה פון אַן ערך צוויי מייל פאַרשטייט מען אים ניט. בּיי די פּאַפּואַסן גייט די פאַרבּינדונג ניט אַרויס איבּער די גרענעצן פון אַ משפּחה אין איין דאָרף. צעקריגן זיך צוויי משפּחות, גייט די שוואַכערע אַוועק און גרינדעט פאַר זיך אַ נייעם ישוב.

בּיי די איצטיקע נאַטור־פעלקער פאַרהאַלטן אָפּטמאָלס די אויסשפּרייטונג פון איינציקע שבטים אַזעלכע נאַטירלעכע מניעות, וואָס, געקוקט פון אונזערע קולטור־דערגרייכונגען אַראָפּ, וואָלט אַפילו ניט געווען כּדאַי וועגן זיי צו רעדן. אויך די וואַנדערונגען פון די פאַרהיסטאָרישע מענשן זיינען מסתּמא אָפּגע־

שטעלט געוואָרן צייטווייליג דורך ענליכע שטערענישן. לכתחילה, און מסתמא אין משך פֿון אַ היפּש לאַנגער צייט, איז דאָס וואַסער געווען פֿאַרן פֿאַרהיסטאָרישן מענשן אַ שיידוואַנט, וואָס ער האָט עס ניט געקאָנט גובר זיין. אַפילו שמעלערע טייכן, וואָס ער האָט ניט געקאָנט אַריבערגיין, גלייך מיט די חיות און נאָך זיי, האָבן געשטעלט אַ גרענעץ פֿאַר זיין שטרעבונג זיך אויסצושפּרייטן. רוגענדאַס זאָגט, אַז די באַטאָקודן, בעת זיי האָבן זיך צוערשט באַוויזן ביים ברעג ים, האָבן זיי נאָך פֿון קיין שיפֿלאַך ניט געוואוסט, און דעריבער האָט אַ קליין שטראָמיג טייכל באַשיצט קעגן זייערע אָנפֿאַלן. אַז די גרויסע וואַסער־מאַסן פֿון דער אויסגייענדיגער אייז־צייט האָבן גענומען גיסן זיך אין די טאָלן אַראָפּ, זיינען די טייכן געוואָרן ברייטער און שטראָמיגער, ווי זיי זיינען דאָס ביי היינטיגן טאָג. דער פֿאַקט איז אויך דערוויזן דורך מיינע אייגענע אויספאָרשונגען ביי די ברעגעס פֿון דעם וועזער־טייך. דאָ געפֿינען מיר שטיין־אָפּלעגערונגען אויף אַ מהלך פֿון 60—80 מעטער פֿונם איצטיגן טייך־געלעגער פֿון דער וועזער, וואָס באַווייזן דייטליך גענוג, ווי ברייט און מעכטיג ס'איז אַמאָל געווען דער טייך, וואָס פֿליסט איצט אַזוי רוהיג אין דער דאָרדאָן אַריין. ער האָט געמוזט פֿאַר־צאַמען דעם וועג די פֿאַרהיסטאָרישע פֿעלקער.

ערשטער קאַפּיטל

די וואוינונג

די בעלי־חיים פֿאַרשטייען אויף דעם אָדער יענעם אופן צו געפינען זיך אַן אָרט אויף אָפּרוה און שוץ. דער דאַקס, דער פוקס, דער מוילוואָרף זיינען אמתע היילן־איינוואוינער. די פֿויגלען בויען זיך נעסטן, טייל פון זיי, ווי די וועבער־פֿויגלען, גאַנצע דערפֿער. די בינען שטעלן אויף קונציג זייער אַרכיטעקטאָניש שיין געבוי. די טערמיטן שאַפֿן זיך נעסטן מיט געדרייטע קאָרידאָרן און גענג. דאָס אויפגעשראָקענע געווילד זוכט זיך צו באַהאַלטן אין געדיכטעניש פון וואַלד, און ווען אַ געיאָגטער פֿויגל וויל זיך גיך ראַטעווען, באַהאַלט ער זיך צווישן די צווייגן פון בוימער און קוסטעס.

דער פֿאַרצייטיגער מענש, וואָס מיר מעגן אים מיט פולן רעכט באַטראַכטן פֿאַר אַ חיה, הגם, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר אַן אינדיוויד פון אַ העכערן מין, וואָס איז גוואַלדיג אַנטוויקלונגס־פייהיג, האָט מן הסתם אויך אינסטינקטיוו געזוכט שוץ פֿאַר זיך דאָרט, וואו די גאַנצע חיות־וועלט אַרום אים, וואָס איז אים דערין געווען אַ מוסטער און ווענגווייזער. ווי ווייט מען דאַרף דאָ אָננעמען אינסטינקט אָדער גייסטיגע כשרונות, אומבאַוואוסטזיניגע נטיות אָדער לאָגישן פֿאַרשטאַנד — דאָס לאָזט זיך כמעט ניט באַשטימען. אין אייראָפּע געפינען מיר די עלטסטע סימנים פונם פרימיטיוון מענשן שטענדיג אין אַזעלכע געגנטן, וואָס זיינען געווען רייך מיט נאַטירליכע שוץ־בילדונגען. ווען מיר גייען נאָך דעם נעאַנדערטאָל־מענשן אויף זיינע וואַנדערונגען פון ישוב צו ישוב, ווען מיר נעמען אָן אין איינעם מיט קלאַאַטש, אַז ער האָט אַריינגעוואַנדערט אין אונזער איצטיגער אייראָפּע פון דרום־זייט אָדער פון דרומית־מערבית, וועלן מיר אים באַגעגענען שטענדיג דאָרט, וואו די געאָלאָגישע פֿאָרבאַדינגען פונם ערד־אויבערפלאַך האָבן פֿאַרגרינגערט די אויסבילדונג פון היילן און שפּאַלטן.

2

אַ וואוינונג אויף אַ בוים אין נײַ־גווינעאַ (לויט קריגער)

באַטראַכטן מיר, למשל, די ראַסע פון לאַ מיקאָק, וואָס מיר מעגן משער זיין, אַז איר צוואַנדערונג און קולטורעלע אַנטוויקלונג גייט פון צפונית־מזרחית קיין דרומית־מערבית. שטענדיג זעהען מיר די ישובים האַרט ביי שטיין־היילן אָדער אין היילן ממש, טיילמאָלס אויך ביי פעלזן־רעכער, אָבער אַלץ ניט ווייט פון נאַטירליכע שוץ־בילדונגען. די ראַסע פון אָריניאַק, וואָס איר וועג האָט מסתמא געפירט פון מזרח־זייט צו אונז קיין צענטראַל־אייראָפּע, האָט אונז איבערגעלאָזט און אָפּגעהיט איר וויכ־



היילן־וואוינונגען מיט שטאַלן פאַר בהמות אין דער איצטיגער פאַלעסטינע

טיגסטן פאַרטרעטער — דעם Homo Aurignacensis — און די קולטור־אָפּלעגערונגען, וואָס געהערן צו אים, ווידער אַמאָל אין אַ פעלזן־הייל.

מען קאָן גרינג משער זיין, אַז פון צייט צו צייט איז די מענשן אויסגעקומען צו זוכן זיך און אויסצונוצן אַ סך פשוטערע דירות. דאָס פלעגט געשעהן בעת די ווייטע וואַנדערונגען, וואָס די עלטסטע משפחות זיינען געווען געצוואונגען דורכצומאַכן, בעת עס פלעגן זיך בייטן די אַטמאָספערישע פאַרהעלטענישן און האָבן אַריינגעבראַכט שינויים אין דער בעלי־חיים־ און געוויקסן־וועלט, און ממילא אויך אין דער חיונה פון די מענשן. דעמאָלט פלעגט אפשר דער פאַרהיסטאָרישער מענש אויף ביינאַכט אַרויפקלעטערן אויף אַ בוים, פלעגט

זיך אויפֿזוכן אַ פֿאַרבאָרגן, געשיצט ווינקל אין דער געדיכטעניש פֿון אורוואַלד, אָדער ער האָט אויפֿגעשלאָגן זיין לאַגער אויפֿן ברעג פֿון אַ טייך.

מען האָט דעם בוים אָנגערופֿן „דעם עלטסטן פֿאָטער פֿונם רוה־פּלאַץ פֿון דער מענשהייט“. און דאָס איז ער זיכער געווען — איבערגענומען בירושה פֿון די אבות, פֿון אַ סך פֿריהער, איידער עס הויבט זיך אָן דער באַגינען פֿון דער מענשהייט. אַזוי טוען אויך די גרויסע מענשנמאַלפּעס, דער גאָרילאַ, דער שימפּאַנזע, דער אָראַנג: זיי בויען זיך הויך אין די קרוינען פֿון די וואַלדבוימער „שלאָף־נעסטן“, בויגן צונויף גרעבערע און דינערע צווייגן צו

אַ הייל אין ליכטענשטיין, וואָס איז געווען באַוואוינט ביז אין דער נייסטער צייט

אַ מין פּלאַטפֿאָרם און בעטן זי אויס מיט צווייגן, בלעטער און מאָך. אַזוי האָט מסתּמא אויך דער מענש אין זיינע פֿריהסטע טעג איבער נאַכט געזוכט זיין מקום־מנוחה אין די שפּיצן בוימער צווישן די גרעבערע צווייגן.

נאָך איצט זיינען פֿאַראַן אַ סך נאַטור־פֿעלקער, וואָס האַלטן זיך שטענ־דיג אויף אין בוים־וואוינונגען אָדער זוכן שוץ אין אַזעלכע בעת אַ סכּנה און בויען זיי אויס אַמאָל צו עכטע פֿעסטונגען. דער פֿון דער נאַטור אויסגעהוילטער בוים איז געוואָרן אַ באַהעלטעניש פֿאַרן מענשן, ווי עס שילדערט אונז קוק פֿון די טאַסמאַניער. „זיי וואוינען“, דערציילט דער באַ־רימטער אַנטדעקער, „פּונקט ווי די פֿאַווגען און סאַטירן פֿון די אַלטע דיכטער, אין הוילע בוימער“. דער שטאַם פֿון בוים איז געווען אויסגעהוילט

דורך פייער, און אין מיטן איז געשטאַנען אַ ליימענער פייער־פּלאַץ, וואָס אַרום אים האָבן געקאָנט זיך איינזעצן נאָך אַ 4—5 מענשן. די דאָזיגע וואוינונגען האָבן די מעלה, וואָס זיי זיינען זעהר דויערהאַפטיג, וויל די ווילדע זאָרגן דערפאַר, אַז איין זייט פון שטאַם זאָל בלייבן ניט באַשעדיגט, בכדי אַז דער בוים זאָל קאָנען וואַקסן.

היילן־וואוינונגען און שוץ־ערטער אונטער פעלזן, ווי באַהעלטענישן געגעבן פון דער נאַטור, באַגעגענען מיר נאָך ביי די איצטיגע נאַטור־פעלקער אין אַלע טיילן פון דער ערד. נאָך מער, דער פּאַראַלעל צווישן דעם פּאַרהיסטאָרישן מענשן און צווישן ווילדן מענשן גייט אַמאָל אַזוי ווייט, אַז דאָס בילד איז דאָס גלייכע כמעט אין אַלע פּרטים. דער פּרימיטי־ווער מענש פון דער אייראָפּיי־אישער אייז־צייט האָט, ווי איך וועל דאָס נאָך ווייטער שילדערן, באַפּוצט זיינע היילן מיט פאַרשיידענע מאָלערייען: די געמעלן שטעלן פאָר די היים באַגערטע געיעג־חיות, דער עיקר מאַמאָנט און ביזאָן. פּונקט אַזוי באַפּוצן די דרום־אַפריקאַנישע בושמענער זייערע היילן און גריבער מיט פּשוטע, אָבער זעהר כאַראַקטערי־סטישע פיגורן און געמעלן. דאָ זיינען אויף די ווענט פירגעשטעלט לייבן און העלפאַנדן, זשיראַפן, נאָז־האָרנס און שטרויס־פויגלען — הכּלל, דער גאַנצער רומל געיעג־חיות פון אָט די נעבאַכדיגע ווילדע.

שוץ־דאַך פון בלעטער ביי די אַווסטראַליער

די אַווסטראַליער, וואָס וואוינען געוויינטליך אין סכך־ביידלאַך, קלייבן זיך אַריבער אין היילן אָדער אונטער אַראָפּהייענגענדיגע פעלזן אין דער הייסער צייט, בכדי זיך צו שיצן קעגן די ברענענדיגע זון־שטראַלן. דעמאָלט ווילן זיי זיך דערמיט, וואָס זיי באַפּוצן די ווענט מיט געמעלן אין געלער אָכרע־פאַרב: מיר זעהען דאָ וואַלפיש, קענגורוס, יעגערס מיט וואָרף־בולעוועס און

אָפּטמאָל אויך מענשן־העגט, ענליך ווי מיר זעהען דאָס אויף די ווענט פון דער אַלט־און נײַ־שטיינצײַטליכער הייל פון אַלטאַמיראַ. פּונקט ווי די סיבּירער טשוקטשעס פּלעגט דער פּאַרהיסטאָרישער מענש אַמאָל מסתּמא אויך פּאַרהייגעגן דעם אַרײַנגאַנג צו זײַן וואוין־הייל מיט פעלן, בכדי צו שיצן זיך קעגן ווינט און נעץ.

ס'איז אַזוי נאַטירליך אויסצונוצן היילן פאַר אַ וואוינונג און בּאַהעלטעניש, אַז נאָך בּיז אין דער נייסטער צײַט אַרײַן האָבּן זיי דערצו געדינט,



כּאַלופּקע פון מערב־אַפריקאַנישע נעמאַרן פון פעך און אייזל־זעק

בּפרט בּעת מלחמה־נויטן, און אויך אַנדערש ווען פאַר יחידים און אויך פאַר גאַנצע דערפער. אויך בּיי הײַנטיגן טאָג וואוינט מען נאָך דאָ און דאָרט אין היילן, אַשטיינער, אין ווערזער־טאָל אין פראַנקרייך אין דער סיערראַ דע גראַנאַ בּיי גראַנאַדע אין שפּאַניע און אין דאָרף לאַנגענשטיין בּיי האַלבּערשטאַט אין דייטשלאַנד.

געווים איז אויך דער פּאַרהיסטאָרישער מענש מסתּמא געווען געצוואונגען ווען ניט ווען צו לעגערן זיך מחוץ פון זײַן הייל. דעמאָלט האָט ער מסתּמא זיך געמאַכט דעם אָפּרוה־פּלאַץ, וואָס עס בּויען פאַר זיך אומעטום די אָפּגעשטאַנענסטע ווילדע: אַ פּרימיטיוו בּיידל פון צווייגן. לכתּחילה איז ער אין

אַזעלכע פאַלן, למשל, בעת אַ גערעג, פּשוט אַריינגעקראָכן צווישן געדיכטע קוסטעס, בכדי זיך צו שיצן קעגן רעגן און ווינט, ווי דאָס טוען נאָך היינט, אַשטייגער, די סאַקאַי אויף סומאַטראַ, די בושמענער און אַנד. אָבער באַלד האָט ער זיך מסתּמא אויסגעלערנט, ווי צו מאַכן זיך אַ שוץ־דאַך קעגן שלעכטן וועטער פון אָפּגעבראָכענע צווייגן. ביי טאַציטוסן געפינען מיר מכח דעם אַ זעהר אינטערע־



א קיילאַכדיג ביידל בעתן בויען (אויסטראַליע)

סאַנטע ידיעה. דער רוימישער היסטאָריקער, וואָס האָט אונז איבערגעלאָזט אין זיין „גערמאַניאַ“ בכלל אַ זעהר ווערטפולן עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל, רעדט דאָ וועגן די „משוגעדיג ווילדע“ פענען. „די ערד איז זייער געלעגער“, דערציילט ער, „זייערע קינדער האָבן קיין אַנדער באַהעלטעניש ניט פאַר רעגן און ווילדע חיות, ווי אַ שוץ־דאַך פון געפלאָכטענע צווייגן“.

אַזוי בויען זיך נאָך היינט די דרום־אַמעריקאַנישע פייער־לענדער אַ שוץ־דאַך אָדער ריכטיגער אַ ווינטשירעם אויף אַזאַ אופן: זיי שטעקן אַריין אין דער ערד אַ פּאָר גראָבע צווייגן באַדעקט מיט בלעטער און דינע צווייגלאַך און לייגן אָט דאָס געשטעל אַרום מיט גראָז־בינטלאַך. דער בושמען פון

דרום־אַפריקע קלייבּט זיך אויך אויס אַ קוסט, רייסט אַראָפּ די צווייגן, וואָס שטערן אים, פלעכט צונויף די איבעריגע, ווי עס לאָזט זיך, און פאַרשטאָפּט די לעכער, וואָס בלייבּן, מיט בלעטער און טרוקענע וויטשקעס; אַזוי אַרום ווערט אַ שוץ־דאַך. עס איז פּונקט הויך גענוג, אַז ער קאָן זיך אונטן צונויפדרייען ווי אַ קנויל און אויסשלאָפן זיך. אין צענטראַל־אַוסטראַליע האָט אַזאַ שוץ־דאַך די פאָרם פון אַ האַלבּן קופּל, די לעכער זיינען אויסגעפילט מיט גראָז און ערד. אין געגנטן, וואו עס זיינען פאַראַן מאָסקיטאָס, מאַכט דער אַוסטראַליער אָט דעם שוץ־דאַך אין דער געשטאַלט פון אַ בּינען־קאָרבּ, מיט אַ גאַנצן קופּל. די באַטאָקודן פון אינעווייניגסטער בּראַזיליע שטעקן אַריין אין דער ערד גרויסע געפעדערטע פאַלמען־בּלעטער אין אַ קרייז אָדער אָוואַל אַזוי, אַז די שפּיצן זייערע בּויגן זיך אַריבּער פון זיך און בּילדן אַזוי אַרום אַ מין דאַך. אַ שטאַרקן שוץ קעגן רעגן קאָנען אַזעלכע בּלעטער־דעכער, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרשאַפן. נאָר מען דאַרף האָבּן אין זינען, אַז דער ווילדער, וואָס איז געוווינט אַרומצוגיין נאַקעט, פילט ניט אַזוי שטאַרק דאָס שלעכטע וועטער, ווי מיר.

דער צווייגן־געפלאָכטענער דאַך האָט נאָך געקאָנט דינען דעם ספּעציעלן צוועק, צו באַשיצן דאָס פייער קעגן ווינט און נעץ.

אין דער אַלטער שטיין־צייט האָבּן מענשן זיך אויפגעהאַלטן אין פרייע, ניט־באַשיצטע ערטער, ווייזט אויס, נאָר צייטווייליג. קיין עצם קולטור־אָפּלעגערונגען געפינען מיר טאַקע אין אַזעלכע ערטער ניט. וואו ניט וואו געפינט מען צעשפּרייט זאַכן, וואָס לאָזן זיך אָנשטויסן, אַז אין דעם אָרט זיינען פאַרהיסטאָרישע מענשן פאַרבּייגעגאַנגען. נוצליך און ווערטפול פאַר דער וויסנשאַפט זיינען על פּי רוב נאָר יענע ערטער, וואו דער אַלטער מענש האָט זיך איינגעזעסן. די איינגעזעסנקייט דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, ניט שטענדיג פאַרשטיין ווי אַ דויערהאַפטיגן ישוב. וואָרום דער כּח פונם אַלטן שבט שטייגט און פאַלט אין איינעם מיט דער אַרומיגער חיות־וועלט, אין איינעם מיט יענע פיל מעגליכקייטן, וואָס האָבּן געמוזט אים פאַרשאַפן די דערנערונג פאַר זיין גוף. די אָפּלעגערונגען אין אַלע יענע ערטער, וואָס איך האָבּ אויסגעפאָרשט, בּאַווייזן, אַז די קיבוצים פון דער אורצייט זיינען טיילמאָלס אין משך פון אַ סך דורות, אַפילו אין משך פון יאָרטויזנטער, געבּליבּן זיצן אויף איין אָרט.

די טייך־שטרעמונגען פון אַ לאַנד האָבּן דעם וואַנדערער געוויזן דעם וועג. אין פליינען האָט ער געקאָנט גרינגער און פרייער זיך בּאַוועגן, איידער אויף הייכקייטן, וואָס, בּאַוואַקסן מיט געדיכטן נידער־וואַלד, זיינען געווען פאַר אים אַ שטערניש ניט בּייצוקומען. פאַזע די טייכן האָט ער אויך

געפונען אַלץ אויף אויפצוהאַלטן זיין קיום: זאַפטיגע קרייטעכער, געווילד, וואָס איז אַהער געקומען זיך אָנטרינקען אָדער וואָס האָט דאָ געהאַט זיינע פיטער־פּלעצער, און אין טייך גופא האָט ער געזעהן פיש, וואָס שוין אַ פּרימיטיווער אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז זיי זיינען פאַר אים אַ גוטער מאכל.

פונם דרום־שפּיץ פון שפּאַניע ביז ווייט קיין צפון־אייראָפּע געפינען מיר די רעשטן פונם אַלטן מענשן על פי רוב אין היילן. דאָרט האָט ער זיין



אריינגאַנג אין אַ ניי אַנטדעקטער הייל

ערשטע היים אין עצם זין געמאַכט. דער פעלז־דאַך איז געווען זיין באַהעל־טעניש־אָרט, זיין לאַגער־פּלאַץ און איז סוף כל סוף זיין קבר געוואָרן. מיינע פאָרשונגען אויף לאַ מיקאָק האָבן באַוויזן, ווי פאַלש עס איז געווען צו ערקלערן דעם דאָזיגן ישוב, ווי אַ „פריילופט־סטאַנציע“. אויך דאָ איז איבערן ישוב אַראָפּגעהאַנגען אַ שטאַרק אַרויסגעשטאַרצטער שוץ־דאַך פון פעלזן־שטיין, און אונטער אים געפינען מיר איצט געצייג און וואָפן פון דער ראַסע פון לאַ מיקאָק.

אַז מען האָט אָנגעהויבן דורכצופאָרשן די גרויסע היילן פון דרום־פראַנק־רייך, האָט מען געפונען אויף זייערע ווענט פאַרשיידענע פיגורן און געמעלן.

ערשט מיט אַ צייט שפּעטער, נאָכדעם, אַשטייגער, ווי עס זיינען באַקאַנט געוואָרן די קונסטווערק פון פאָנט־דרע־גאָם ביי לעז־אייזי, האָבן אייניגע פאָרשער דערקלערט, אַז צווישן אָט די גראַווירונגען אין פעלז האָבן זיי אַנטדעקט אויך צייכענונגען, וואָס באַטייטן נישט אַנדערש, נאָר דאָס בילד פון אַ „געצעלט". איך האָב דאָס אויסגעפאָרשט גענוי אויפן אָרט און האָב אַרויסגעפונען, אַז אָט די געמעלן פון געצעלטן זיינען ניט פון זעלביגן מין, ווי די אַרומיגע שטריכן פון דער אַלט־שטיין־צייט. די עכטקייט פון די געצעלט־געמעלן האָט מען געוואָלט דערווייזן דורך דער סברא, אַז די מאָלער האָבן געקאָנט אויף זייערע ווייטע וואַנדערונגען ערגעץ באַגעגענען פעלקער, וואָס האָבן געוואוינט אין געצעלטן. נאָר דאָס לאָזט זיך בשום אופן ניט באַווייזן. און עס איז קיין שום יסוד ניטאָ אָנצונעמען, אַז די מענשן פון דער פּאַלעאָליטישער צייט זאָלן האָבן געדאַרפט זוכן שוץ אין געצעלטן. זיי האָבן שטענדיג און אומעטום געוואוינט נאָר אין אַזעלכע געגנטן, וואו זיי האָבן געפונען נאַטירליכע דירות אין היילן און פעלז־שפּאַלטן.

דער פעלזן־מאַסיוו, וואו עס געפינען זיך די היילן, לכל הפּחות, אינם טאָל פון וועזער, באַשטייט פון אויסבילדונגען פון אויבערשטן קרייט. דער מאַטעריאַל איז ווייך און די אַטמאָספערישע אויסעסונגס־פּראָצעסן ווירקן אויף אים לייכט. אין אָנהויב ווינטער, ווען עס גייט רעגן, זאַפּט דער קרייטקאַלך־פעלז אַריין גוואַלדיגע מאַסן פייכטקייט. דורך שפּאַלטן אויפן אויבערפלאַך דרינגט אַריין וואַסער און קלייבט זיך צונויף אין דער טיף. שפּעטער, ווען עס קומען די קאַלטע ווינטער־טעג, און די טעמפּעראַטור פאַלט אַראָפּ ווייט אונטער נול, ווערט דאָס וואַסער אין די שפּאַלטן געפרוירן, און היות ווי אייז פאַרנעמט מער אָרט ווי וואַסער, ווערט דער פעלז פונאַנדערגעריסן. די שפּאַלטן ווערן ברייטער, שטיקער געשטיין ברעקלען זיך אָפּ, און אַמאָל פאַלן אַראָפּ גאַנצע פעלז־מאַסן. זיי בלייבן ליגן גאַנצערהייט אָדער צעברעכן זיך אויף שטיקער, וואָס שפּרייטן זיך אויס איבער די אָפּלעגערונגען פון די אַמאָליגע הייל־איינוואוינער, פאַרדעקן זייערע ישובים, אַזוי אַז דער פאָרשער קאָן צו זיי נאָר שווער צוקומען. אין אַלע פּאַלעאָליטישע ישובים טרעפט מען גרויסע פעלז־שטיינער, וואָס מען מוז זיי אַפריהער אויפרייסן און אַוועקשאַרן, און ערשט אונטן אַנטפּלעקן זיך די רעשטן פון אַן אַמאָליגן, לאַנג פאַרשוואונדענעם לעבן.

דער פּאַלעאָליטיקער גופא פלעגט פון אַזעלכע ישובים אַנטלויפן און זיך אומקערן צו זיין אַלטן אַרבעטס־פּלאַץ ערשט נאָכדעם, ווי דאָס פאַלן פון די בערג האָט זיך געהאַט איינגעשטילט. דעמאָלט אָבער האָבן די פעלז־שטיינער אים לחלוטין ניט געשטערט, נאָר אַדרבא, ער האָט צווישן זיי און

צווישן דעם אַלטן פעלז־דאַך געפונען נאָך אַ בעסערן שוץ קעגן אַ שלעכ־טער וויטערונג. הינטער אַזעלכע אַראָפּגעפאַלענע שטיינער האָט ער אויפס ניי זיך באַזעצט און זיין לאַגער־פייער צום וואַרעמען אָנגעצונדן. דעריבער געפינען מיר אַרום אַזעלכע איינפאַל־ערטער נייע קולטור־שיכטן. דאָס, וואָס מען געפינט אין זיי, אונטערשיידט זיך ניט אין דער טעכנישער אויס־פירונג פון די אַלע קליינע חפצים, וואָס מען קאָן געפינען אונטערן פעלז: דערפון איז געדרונגען, אַז אָט דער צווייטער ישוב הינטערן פעלז איז אין צייט און אין קולטור ניט שטאַרק פאַרשיידן פון דער איבעריגער מאַסע פון זעלביגן שיכט.



פעלזן־לאַנדשאַפט ביי דער וועזער (לאָזשרי באַס)

אָט דער אופן צו באַנייען דעם ישוב נאָך קאַטאַסטראָפאַלע פעלזן־איינפאַלן געפינט מען ביז אין דער נייסטער צייט אַריין. מיט אַן ערך העכער הונדערט יאָר צוריק זיינען אַראָפּגעפאַלן גוואַלדיגע פעלזן־שטיינער פון די לאָזשרי־בערג אַראָפּ און האָבן באַגראָבן אונטער זיך הייזער און שטאַלן פון מאָדערנע מענטשן אין איינעם מיט זייערע איינוואוינער. נאָר באַלד האָבן זיך ווידער איינגעפונען דאָרט נייע איינוואוינער, און מיר זעהען איצט איבער און נעבן די רעשטן פון אַלטע איינפאַלן ווידער אַלטע הייזלאַך און שפייכלערס — אין אַזאַ מנוחה ושלוה, אַזוי ווי דער אַלטער פעלז וואָלט קיין מאָל ניט געהאַט פאַרטריבן דעם שטערער פון זיין רוה. עס איז דעם מאָדערנעם מענטשן גאָר ניט אַרויף אויפן זינען אויסצובויען זיין פשוט שטיבל ערגעץ

אַנדערש, ווי דאָרט, וואו זיינע אבות אבותיו האָבן געלעבט: ביים פעלז־ראַנד און אין אַלטן שטיין־שפּאַלט. אַזוי איז אויך געווען דער מנהג פונם היילן־איינוואוינער פון די לאַנג פאַרשוואונדענע צענדליגער טויזנטער יאָרן. תמיד האָט ער זיך צוריק אומגעקערט צום אָרט פון זיין ערשטן ישוב. ער האָט אַפילו ניט געקלערט אויפצושלאָגן געצעלטן אין פרייען פליין, ביים טייך אָדער אויף וואַלד־באַדעקטע הייכקייטן. וואָרום דער נאַטירליכער שטיין־שפּאַלט האָט אים אַ סך בעסער געשיצט קעגן ווילדע חיות און קעגן די

מאָדערנע היילן־וואוינונג אין וועזער־טאָל. שלאָס־חורבה ביי לעד־אייזי

בייזע צפון־ און מערב־ווינטן, איידער יעטווידער לאַגער אויף דער פרייער לופט, וואו ער וואָלט געקאָנט לעבן נאָר, ווען ער וואָלט געהאַט אַ קינסטליכן דאַך איבערן קאָפּ.

דער טאָל פון וועזער איז זעהר רייך מיט ישובים־פּלעצער פון דער אַלט־שטיין־צייט. די געאָגראַפישע לאַגע פון דער געגנט און די תכונה, וואָס אין איר בילדן זיך אויס פעלז־שפּאַלטן און היילן, זיינען געווען מסוגל דערצו, מער ווי אַנדערע געגנטן, אַז דאָרט זאָלן זיך באַזעצן ניט־אַנטוויקלטע שבטים. אין די אָפּלעגערונגען, וואָס זיינען געוואָרן דורך דער אַרבעט פון די איינוואוי־

נער, אין אָט די אָהן אַ שיעור רייכע קולטור־שיכטן פון אַ ווייט אָפּגעלעגענער צייט, קאָנען מיר, ווי אין אַ בוך, אַרויסלייענען, ווי אַזוי דער מענש האָט אין יענעם אָרט געלעבט, און ווי אַזוי זיין גייסטיגע און קערפּערליכע אַנטוויקלונג איז טריט ביי טריט געגאַנגען פאָראויס. דער טאָל פון ווזער איז די קלאַסישע געגנט פאַר שטודיען אין דער פריהסטער געשיכטע פון דער מענשהייט, וואָרום דאָ געפינען מיר אַלע אַנטוויקלונגס־סטאַדיעס ניט נאָר פון איין שבט, נייערט פון פאַרשיידענע מענשן־ראַסן, איינע נאָך דער אַנדערער.



ישוב אונטער פעלזן ביי לעז־אייזי

דער טייך ווזער פליסט אַרויס הויך אויבן ביים צענטראַל־פּלאַטאָ פון מילוואַש. ווען מיר גייען פאַזע אים שטראָם אַראָפּ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אויפן בולטסטן אופן אין גרויסע שטריכן אַ טייל פון דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער מענשהייט. בפרט פון דעם פונקט, וואו דער ווזער נעמט אין זיך אַריין דעם נעבן־טייך קאָרעז, באַקומען מיר וויכטיגע אָנלען־פּונקטן אויף צו באַשטימען דעם וועג, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט דער ישוב פון די פּאַלעאָליטישע שבטים. אין אַלע זייטן־טאָלעכלאַך געפינען זיך שטיין־שפּאַלטן מיט מער וויניגער רייכע שפּורן פון אַלטע ישובים. און וואָס ווייטער מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין טאָל, אַלץ מער וואַרפט זיך אין די אויגן די געדיכט־

קייט פון זיי. בּיזן אָרט, וואו דער וועזער פּאַלט אַריין אין ראָרדאָן, געפינען זיך
הונדערטער אַלטע ישוב־פּלעצער, וואָס זייערע קולטור־רעשטן געהערן צו די
פּאַרשיידענע תּקופות פון דער אַלט־שטיין־צייט. איך האָב שוין בּיי פריהער־
דיגע געלעגנהייטן אָנגעוויזן דערויף, אַז בּאַזועצט זיינען געוואָרן נאָר יענע
פעלזן־דעכער, וואָס האָבּן דעם אַריינגאַנג קיין דרום און קיין מזרח. וואָ־
רום נאָר יענע האָבּן געשיצט קעגן ווינט און רעגן. און דעם פּאַקט, אַז
די געזינטסטע דירה איז די, וואָס איז געווענדט צו דער זון, האָבּן אויך
אויסגענוצט די יורשים פון די פּאַלעאָליטיקער. נאָך איצט זיינען די פעלז־
דעכער, וואָס אונטער זיי האָבּן אַמאָל געוואוינט יענע פּרימיטיווע יעגער־
נאָמאַדן, אויסגענוצט געוואָרן צוליבּ וואוינונגען פאַר מאָדערנע מענשן.
די פעלזן־וואַנט איז על פּי רוב טרוקן, און עס זיינען נויטיג נאָר צוויי קליינע
זייטן־ווענט און אַ פּשוטע פראָנט־מויער, און דאָס הויז איז פאַרטיג. אַ טייל
פון דאַך ווערט געבּילדעט נאַטירליך דורכן אַראָפּהיינגענדיגן פעלז, און
עס זיינען גענוג עטליכע בּאַלקנס אויף צו מאַכן דעם דאַך פון פּשוטן הויז.

צווייטער קאַפּיטל

דערנערונג

ווי נאָר דער אַלטער מענטש האָט זיך איינגעאָרדנט זיין דירה אין פּשוטן פּעלזן־באַהעלטעניש, ווי נאָר ער האָט זיך געפילט געשיצט קעגן אָנפאַלן מצד פיינטליכע חיות און מענטשן, האָט זיך אַרויסגערוקט אויפן ערשטן פּלאַץ זיין אמתער לעבנס־צוועק: ער האָט געדאַרפט זיך פאַרשאַפן שפּייז פאַר זיין גוף; ער האָט געמוזט זאָרגן צו שטילן זיין הונגער. קיין גרויסער איבער־קלייבער אין דעם פּרט האָט דער מענטש פון דער אייז־צייט ניט געקאָנט זיין, ווייל זיין געצייג איז געווען פּרימיטיוו. אָבער אויך דער ווילדער מענטש פונם אורוואַלד נעמט אין אַ נויט אַלץ, וואָס קאָן פאַרטרייבן דעם הונגער. ביי דעם פאַרהיסטאָרישן מענטשן, סיי דעם ווילדן מעגן מיר זיך פאָרשטעלן ווי „אַלץ־עסערס" אין פולן זין פון וואָרט. אין דעם פּרימיטיוון צושטאַנד האָבן ביידע צו אַ שטיקל געבראָטנס ניט געקאָנט דערלאַנגען. איידער זיי האָבן פאַרמאָגט אין זייער רשות דעם כּח פון פייער, האָבן זיי געמוזט עסן רויערהייט אַלץ, וואָס דער צופאַל אָדער געיעג האָט זיי געבראַכט פאַר רויב.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז אינם רוב קינבאַקן פון דער אייז־צייט זיינען די ציין זעהר שטאַרק אָפּגענוצט (למשל, ביים ניט לאַנג געפונענעם אונטערשטן קינבאַק I פון עהרינגסדאָרף). מחמת דעם קאָן אויסווייזן, אַז דער אינדיווידן, וואָס צו אים האָט אָט דער קינבאַק געהערט, האָט געהאַט מער יאָרן, ווי אין דער אמתן. די ציין זיינען מסתמא אַזוי אָפּגענוצט דערפאַר, ווייל זיי האָבן צופיל געמוזט אַרבעטן אויף צו צעקייען די שפּייז אָדער זיי האָבן באַדאַרפט טון אויך אַנדערע אַרבעטן, וואָס ביי היינטיגן טאָג פאַרשפּאָרן די ציין זיי צו טון. ענליכס באַמערקן מיר אויך ביי געוויסע נאַטור־פעלקער, למשל, ביי די עסקימאָסן, וואָס פּרעפּאַרירן („וואַלקן") לעדער דורך קייען מיט די ציין. „די פעל, אָפּגערייניגט פונם

פעטס“, שילדערט דער אַלטער קראַנץ, „ווערט צעטיילט בעת דער סעודה צווישן די מאַנסבּלען, בּפרט די אורחים, ווי אַ כּיבּוד, זיי זאָלן עס אויס־קייען, און עס ווערט אָנגענומען, ווי אַ צוקערקע“.

פאַר די ציין איז אויך שווער צו צערייסן און צו צעקייען דאָס רויע אָדער ניט געהעריק געקאָכט פלייש. בּיים רוב נאַטורפעלקער (למשל, נעגערס, אינדיאַנער, אויך בּיי די נײַ שטיין־צייט־מענשן) ווערן האַרט געטריקנטע תבואה־קערנער צעמאָלן צו מעל צווישן האַנט־שטיינער. די מעל ווערט מחמת דעם אויסגעמישט מיט גראַניט־ און קוואַרץ־שטויבּ, און בּיים עסן ווירקט אָט דער שטיין־שטויבּ, אַז די ציין זאָלן אָפּגעשליפט ווערן. דער רייזנדער יאַקאָבּסען מיינט, אַז בּיי די אינדיאַנער, וואָס וואוינען אויף די בּרעג־לענדער פון צפונית־מערבית־אַמעריקע, ווערן די ציין שטאַרק אָפּ־געניצט דערפאַר, ווייל בּיי זיי איז אַ מנהג צו קאָכן דורך שטיינער: אין אַ כּלי מיט וואַסער ווערן געוואָרפן אויפן פייער אָנגעגליהטע שטיינער, בּיז דאָס וואַסער נעמט זידן; דערמאָלט לייגט מען אַריין די שפּייז, וואָס מען וויל קאָכן. בּעת אָט די שטיינער פאַלן אַריין אין וואַסער, בּרעקלען זיך פון זיי אָפּ שטיקלאַך, און מיט דעם געקעכטס קומען זיי אַריין אין מויל צווישן די ציין, וואָס ווערן מחמת דעם אָפטמאָלס אָפּגעשליפט בּיזן סאַמע גומען. ווי אַ „געפעס“ פאַר דער דאָזיגער קאָכעניש מיטן שטיין האָט לכתּחילה געדינט אַ גריבּל אין דער ערד, לויט ווי דאָס שילדערט סירוויל וועגן די מאַאָרים אין נײַ־זעלאַנד. די „אַסיניבּאָין“ (דאָס הייסט „שטיינקאָכערס“), וואָס געהערן צו די סיוקס־אינדיאַנער, פלעגן אויסבּעטן דאָס גריבּל מיט דער פעל פון דער חיה, וואָס איר פלייש האָבּן זיי בּאַדאַרפט קאָכן. די דאָזיגע מעטאָדע איז, לויט ווי די עטנאָגראַפיע ווייס, דער ערשטער אופן צו קאָכן. אפשר האָט ער געדינט שוין אין דער אַלטער שטיין־צייט. און דערפון טאַקע זאָל זיך נעמען, וואָס די ציין פון די פּאַלעאָליטישע קינבּאַקן זיינען אַזוי אָפּגעניצט. אַזוי האָט זיך איין מאָל אַרויסגעזאָגט אויך היילבּאָרן.

אין די ערשטע פּעריאָדן פון דער אַלט־שטיין־צייט האָט זיך מסתמא דעם מענשן נאָך ניט איינגעגעבּן אַרויסצובּאַקומען פיש פון טייך. לכל הפּחות, מיר געפינען פיש־בּיינדלאַך ערשט פון דער מיטלסטער פּאַלעאָליטי־שער צייט, פון דער צייט פון אָריניאַק בּיז צום סוף פון דער אַלט־שטיין־צייט. אין יענע תּקופות אָבּער לאָזן די פיל געמעלן אויף די הייל־ווענט, אויף הערנער פון פּאָלאַר־הירשן, אויף שטיינער און בּיינער דערקענען, אַז דער פּאַרהיסטאָרישער מענש האָט די נערעוודיגע טייך־איינוואוינער מיט גרויס חשק געכאַפּט. קאַרפּן און פיש ענליך צו העכט זיינען דעמאָלט, ווייזט אויס, שטאַרק פאַרשפּרייט געווען. צו גלייך מיט די פיש־געמעלן אין

דער מיטלסטער אַלט־שטיין־צייט געפינען מיר צווישן די רעשטן פונם שטיין־צייט־יעגער אויך אַ נייעם אינסטרומענט — דאָס איז אַ קליינער רינגער שפּליטער פון פייער־שטיין, צוגעשפּיצט פון איינעם אָדער פון ביידע עקן, וואָס מיר מעגן אים דערקלערן פאַר אַ ווענטקע צו כאַפּן פיש.

חוץ פלייש, האָט דער מענטש פון דער אייז־צייט געוויס שוין אויך פאַר־שטאַנען אויסצונוצן קרייטעכצער און וואָרצלען. מיר ווייסן, אַז אין יענע צייטן זיינען געוואַקסן סאָסנעס, יעגלעס, איירל־יעגלעס און אויך דעמבעס, טאָפּאָלן, לינדנבוימער און בערקעס. אין די וואַרעמערע צווישנצייטן געפינען מיר בוקס־בוימער, וועלישע ניס, האָרן־בוימער און לינדנבוימער.



ווילדפערד און ביזאָן

וואַנט־געמעלן פון דער אייז־צייט אין דער הייל פון ניאָ ביי טאַראַסקאָן (לויט קאַרטאַילאַק און ברעיל)

צווישן די רעשטן, וואָס זיינען געפונען געוואָרן ביי איין אַשעלן־מענטש פון לע־מוסטיער, באַגעגענען מיר אַ סך אָנגעבראָכענע שטיקער קנאָכן פון ביזאָן — דאָס זיינען רעשטן פון אַ טויטן־מאָלצייט. ווען מיר באַ־טראַכטן גענויער די ביינער, וואָס מען געפינט נעבן די פייער־פּלעצער, דערקענען מיר אין גרעסטן רוב פון זיי ביינער פון ביזאָנען. אָט דער אור־אָקס איז מסתּמא געווען אין איינעם מיטן פּאָלאַר־הירש די באַ־ליבסטע שפּייז פונם הייל־מענטש.

ווען אין אַ וואָסער עס איז געגנט איז קלענער געוואָרן די צאָל חיות, וואָס מען קאָן אויף זיי גיין אויף געיעג, אָדער ווען די חיות האָבן זיך אַריבער־געקליבן אין אַנדערע קאַנטן איבער וואָסערע עס איז קלימאַטישע סיבות, דעמאָלט זיינען דעם יעגערס לעבנס־תּנאים שווערער געוואָרן, און די נויט האָט אים געצוואונגען נאָכצוגיין די חיות. דאָס געמליכע איז די עקסיסטענץ פון די אינדיאַנער פון דער אַמעריקאַנער פּרעריע געווען אָפּגעהאַנגען דער־פון, צי אויף זייערע געיעג־פּלעצער באַגעגענען זיך בופלאָקסן, צי ניט.

פון די איבעריגע בעלי־חיים־רעשטן מעג מען דרינגען, אַז אויך אַנדערע חיות האָבן דעם אורמענטשן געדינט פאַר שפּייז. דער יעגער—נאָמאַר פון



הערנער פונם Bos primigenius און פון ריזן־הירש

דער אַלטער שטיין־צייט האָט פאַרשטאַנען צו פאַרשאַפן זיך שפּייז פונם היילן־בער, פונם מאַמאָנט און אַפילו פונם היילן־לייב און טיגער און באַזונדערס אויך פון ווילדן פערד.

זינט דער פאַרהיסטאָרישער מענטש האָט געהאַט פולקום אין זיין רשות דאָס פייער, וואָס האָט אים אַמאָל איינגעיאָגט שרעק, בייט זיך אויך זיין שטייגער לעבן. בכלל בלייבט ער דער „אַלץ־עסער", וואָס געווען, אָבער עס ווייזט זיך דאָך אויס, אַז מיטן גרעסטן חשק האָט ער געגעסן געבראָטן פלייש; וואָרום אַרום די פייער־פּלעצער ליגן גאַנצע הויפנס ביינער און קאָפּ־טיילן פון געהרגעטע חיות. אַ גאַנץ היפּשער טייל פון די ראָזיגע רעשטן טראָגט אויף זיך סימנים פון געברענטס, דאָס הייסט, אַז עס שטאַמט פון געווילד, וואָס איז געבראָטן געוואָרן אויף פייער.

יעדער גרעסערע שרפה אין אורוואַלד אָדער סטעפּ האָט דעם מענטשן פאַרשאַפט פלייש פון די חיות, וואָס זיינען דערביי אומגעקומען. און ביי אָט די מאָלצייטן, וואָס זיינען אים אָנגעקומען אָהן גרויסער טרחה, האָט ער געמוזט איינזעהן, אַז דאָס פלייש איז לא די וואָס בעסער צו פאַרדייען,



דער מאַמאָנט (לויט ע. פורדריניע)

און ממילא האָט מען געקאָנט מער עסן — און דער ווילדער האָט טאַקע ליב אין דער אכילה מער די כמות, ווי די איכות — נאָר אויך אַז עס שמעקט בעסער: די שטאַרק פאַרקוילטע פלייש־קאָרע האָט עפּעס געזאַלצנס, וואָס האָט געדאַרפט זיין אָנגענעם דעם גומען פונם ווילדן. און נאָך אַ וויכטיגע זאַך: דאָס פייער האָט דאָס פלייש איינגעטריקנט און געמאַכט דערפון קאָנסערוון. וואָס איז שייך אָט דעם קאָנסערווירן, האָט דער מענש אומעטום געקאָנט זעהן, ווי פיש, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער יבשה, זיינען דורך זון און ווינט אויסגעטריקנט געוואָרן און צוגעפּאַסט פאַר שפּייז. בכל אופן האָט ער געוויס שוין זעהר פריה נאָכגעמאַכט די נאַטירליכע ערשיינונגען פון טריקענען און וויאַנזלען, און איז אויף אָט דעם וועג געקומען בהדרגה צום באַקן. פיש טריקענען די ווילדע נאָך היינט פּשוט אויף דער לופט; אויך ביי אונז קולטור־מענשן האָבן געטריקנטע פיש נאָך אַן אָנגאַנג. די טיבו־רעשאַרדן, וואָס וואַנדרעווען אַרום איבער סאַהאַראַ, האָבן אַ מנהג, אַז ווען עס פאַלט ביי זיי אַ קעמל, צעשניידן זיי זיין פלייש אין לאַנגע, שמאָלע פאַסן און לאָזן עס טריקענען אויף פעלזן, צעגליהט פון זון, בכדי דאָס מיטצונעמען ווי צידה לדרך. אַ סך ווילדע, וואָס געפינען זיך אויף אַ נידעריגער מדרגה, ווי די אַוסטראַליער, פייערלענדער, בושמענער, די אינדיאַנער פון גראַן־טשאַקאָ (צענטראַלע דרום־אַמעריקע) און אַנדערע, בראָטן דאָס פלייש פון קלענערע חיות פונקט אַזוי, ווי די שרפה אין סטעפּ

האָט געלערנט דעם פּאַרהיסטאָרישן מענטשן, ד. ה. זיי לייגן פּשוט אַרויף דאָס פלייש אויפן פייער אָדער לייגן עס אַנידער נעבן פייער.

בכדי צו פאַרהיטן, אַז דאָס פלייש זאָל אין גאַנצן ניט פאַרקוילט ווערן, איז דער מענטש געפאַלן אויפן פּשוטן שכל, צו בראָטן עס עטוואָס אָפּגערוקט פון פייער: ער האָט גענומען אַרויפשטעקן די שטיקער פלייש אָדער פיש אויף הילצערנע שטעקנס און האַלטן זיי אַזוי איבערן פייער. אַזוי אַרום איז מען געקומען צום געדאַנק צו מאַכן באַזונדערע בראָט־געשטעלן פון



א נעגער בראָט פלייש

פיר צווייגן, געקרייצט פאַרוויז, ווי גאָפּלען, און שטאַנגען געלייגט איבער זיי. אַזעלכע געשטעלן באַגעגנט מען נאָך ער היום ביי אַ סך ווילדע אין פאַרשיידענע ערטער פון דער ערד. דאָס דאָזיגע בראָט־געשטעל, אַגב, רופט די עטנאָגראַפיע אָן מיטן נאָמען, וואָס עס האָבן דעם געגעבן די מזרח־בראַזילישע טופּי־אינדיאַנער: „בוקאַן". דערפון האָבן אויך די אייראָ־פּייאישע יעגער און שפּעטערדיגע פּיראַטן אויפן אינזל האַאיטי, וואָס האָבן אויף אַן ענליכן אופן געבראָטן פלייש, געקראָגן דעם נאָמען „בוקאַניער".

אַן אַנדער וועג צו דערגרייכן דעם זעלבקן צוועק האָט געפירט צום ערפינדן דעם ערשטן בראָט־ און באַק־אויוון — דאָס איז געווען די קאָמבי־

נאַציע פון דער באַאָבאַכטונג איבערן טריקענען אויף דער זון און פון וויאַנדלען אויפן פייער. מען האָט אויסגענוצט ניט דאָס פייער גופא, נאָר גליהענדיג אַש אָדער שטיינער, צעהיצט אין פייער. אַזוי צעלייגן די פּאַסטוכער־פעלקער פון מזרח־סודאַן זייער שאָף־פלייש, צעשניטן אויף רינגפּאַסן, אויף אָנגעגליהטע שטיינער אָדער אין הייסע אַש־הויפנס. אַזוי פלעגן אַמאָל טון אויך די שומרונים ביים באַקן זייער פסח־לעמעלע. די קאַליפאָרנישע אינדיאַנער באַקן זייער ברויט פון אייכל־מעל — „בראָטן" און „באַקן" אונטערשיידן זיך דאָך נאָר לויטן מאַטעריאַל — אויף אַזאַ אופן:



בראָטן אויף אַ האָלץ־געשטעל. מזרח־אפריקע. (לויט קונערט)

דעם טייג צעקנעטן זיי צו פלאַכע פלאָדנס, וויקלען זיי אַרום אַרום אַ הייסן שטיין און לייגן עס דערנאָך אַריין אין הייסער אַש אָדער צווישן גליהענדיגע שטיינער, ביז זיי וועלן פאַרטיג ווערן. די פּאַטאַגאָניער בראָטן גרויס געווילד (למשל, שטרויס־פויגלען) אַזוי: זיי נעמען אַרויס דאָס אינגעווייט, פילן אָן דעם בויך מיט גליהענדיגע שטיינער און לייגן אַריין דאָס גאַנצע אין גליהענדיגער אַש.

בכדי צו שיצן הייסע אַש, גליהענדיגע שטיינער, דאָס פייער צום בראָטן, עס זאָל ניט גיך אָפּגעקילט אָדער אויסגעלאָשן ווערן, איז מען מסתמא באַלד געפאַלן אויף דער המצאה, צו באַהאַלטן זיי אין נאַטירליכע און שפּעטער אין קינסטליכע גריבער. די נעגריטאָס אויף די אַנדאַמאַנען באַנוצן



פרימיטיווע אופנים צו בראָטן (לויט ע. קראַוזע)

הוילע בוים־שטאַמען פאַר „בראָט־אויווגס“, און פונקט אַזוי האָבן געטאָן די אירלענדער נאָך אין XVI־טן יאָרהונדערט. די דרום־אַפריקאַנער קלייבן אויס אַמאָל טערמיטן־בערגלאַך, וואָס האָבן די געשטאַלט פון באַק־אויווגס. על פי רוב אָבער גראָבן די ווילדע צוליב דעם אויס אַ גרוב אין דער ערד, לייגן זי אויס מיט שטיינער, צינדן אָן דערויף אַ פייער, און אַז דאָס איז אויסגעברענט און די שטיינער גענוג דערהיצט, דעמאָלט ווערט דאָס פלייש אַוועקגעלייגט דערויף, צוגעדעקט מיט צווייגן און בלעטער, און איבער דעם ווערט נאָך אַרויפגעלייגט אַ שיכט אָנגעגליהטע שטיינער און די גרוב פאַרשאָטן. אָט דער אופן צו באַקן און צו בראָטן איז באַוואוסט אין דער גאַנצער וועלט און איז בלי ספק אומעטום זעלבשטענדיג אַנטדעקט געוואָרן.

נאָך אַ שריט ווייטער, און מיר קומען צום פייער־פלאַץ מיט דער אויבערשטער בראָט־פלאַטפאָרם. מען האָט נאָר באַדאַרפט מאַכן אַזוי, אַז צווישן ביידע שיכטן שטיינער זאָל מען קאָנען אָנצינדן פייער, און דעמאָלט האָט מען געקאָנט אויבן אַוועקלייגן דאָס פלייש וויאָזוי אָדער בראָטן.

קאָכן אונטערשיידט זיך פון בראָטן דער עיקר דורך דער ראָלע, וואָס דאָס וואַסער שפּילט דערביי ווי אַ פאַרמיטלער. לויט דעם, וואָס מיר ווייסן וועגן דעם פון דער עטנאָגראַפיע, איז דער איבערגאַנג פון בראָטן צום קאָכן אין זיין פשוטסטער פאָרם געשעהן אַזוי, אַז מען האָט די ערד־גרוב אָנגעפילט מיט וואַסער, געוואָרפן אין איר אָנגעגליהטע שטיינער, ביז דאָס וואַסער האָט גענומען זידן, און דערנאָך אַריינגעלייגט די שפּייז, וואָס מען האָט באַדאַרפט קאָכן. אַזוי פלעגן אַמאָל טון די מאַאָרים. אַ סיוקס־שבט, וואָס די שכנים האָבן אים, נאָך אָט דער מעטאָדע, אַ נאָמען

געגעבן „אַסיניבאָין“, ד. ה. „שטיינקאָכערס“, פלעגט, ווי שוין דערמאָנט, אויסבעטן די גרוב מיט דער פעל פון דער חיה, וואָס איר פלייש האָט מען באַראַרפט קאָכן. אַנדערע אינדיאַנער־שבטים, געוויסע סיבירישע פעל־קער, די אַלטע סקיטן, וואָס העראָדאָט דערציילט וועגן זיי, אַפילו נאָך אין XVI־טן יאָרהונדערט די געלישע באַפעלקערונג פון די העברידן און די אירלענדער פלעגן פונקט אַזוי קאָכן דאָס געווילד אין דער אייגענער פעל און דורך צעגליהטע שטיינער.

עס לאָזט זיך משער זיין, אַז אויך דער פאַרהיסטאָרישער מענש האָט געקאָכט אויף אַזאַ שטייגער. עס איז אָבער אַ גרויסער ספק, צי אַזוי איז עס טאַקע געווען, וואָרום אויף צו ברייננגען וואַסער, דאַרף מען האָבן כלים. אמת, די נאַטור גופא האָט געקאָנט צושטעלן כלים, אַשטייגער, די שאָ־לעכץ פון קאָקוס־ניס אָדער אויסגעהוילטע קירבעסן און אפשר אויך די היפּטביין־לעכער פון די זוויגערס פון דער אייז־צייט. אָבער אַזעלכע כלים, וואָס זאָלן אים ריכטיג קאָנען דינען, האָט דער מענש זיך געשאַפן ערשט נאָכ־



1. קאָך־פייער פון די נעגערס. 2. פייער־פּלאַץ פון בעדואינער. 3. פלייש־בראָטן ביי איצטיגע נאַטור־פעלקער. 4. פייער־פּלאַץ ביי היילן־מענשן

דעם, ווי די טעפּערײַ איז אַרויסגעפונען געוואָרן. און ווי וויט מיר ווייסן, איז פון קיין טעפּער־אַרבעט אין דער אַלט־שטיין־צייט נישט צו מערקן.

בכלל מעגן מיר זיך אויסמעלן, אַז דער אורמענש איז ניט געווען קיין גרויסער איבערקלייבער אין דערנערונגס־מיטלען. וואַרפט מען אַ בליק אויפן מעניו פון די ווילדע, זעהט מען באַלד, אַז עס איז, פשוטו כמשמעו, קיין איין זאַך ניט געווען, וואָס דער מענש זאָל ניט האָבן ערגעץ וואו און ערגעץ ווען אַריינגעשטאָפּט אין זיין מאָגן. דאָס איז שייך ניט נאָר צו אַלץ, „וואָס קריכט און פליהט", דאָס איז שייך אויך צו זאַכן, וואָס, לויט אונזער פאָר־שטעלונג, קאָן מען זיי אין מויל ניט אַריינגעמען, ווי קאָרע פון בוימער, פויל־האָלץ און ערד. דער מענש ווענדט זיך פון קיין זאַך ניט אָפּ, וואָס ער קאָן ווי עס איז צעבייסן און צעמאָלן מיט זיינע ציין, מיט וואָס ער קאָן אָנפילן זיין מאָגן און שטילן זיין הונגער. דער עקל פאַר אַ באַשטימטער זאַך נעמט זיך, לויט ווי פעשעל האָט דאָס זעהר ריכטיג איינגעזעהן, פון אַן אָנגענומענעם הסכם אָדער פון מורא פאַר אַן אומבאַקאַנטער זאַך. הונגער איז שטענדיג, ווי דאָס גלייכוואָרט זאָגט, געווען דער בעסטער קוכער. און די בלומרשט העכסט ציוויליזירטע מענשן האָבן זיך אין פּרט פון עקל ניט שטאַרק וואָס איבערצונעמען אַנטקעגן דעם ווילדן, וואָס פאַרשלינגט אַלץ: עסט מען דאָך נאָך רויע אויסטערן, וואָס ווערן באַטראַכט ווי באַזונ־דערע דעליקאַטעסן, אָדער די נעסטן פון סאַלאַנגאַנען, וואָס זיינען געמאַכט פון קלעפּיגן שפּייעכץ פון די דאָזיגע פויגלען און פון אַנדערע ניט נאָר אַפּעטיטליכע באַשטאַנד־טיילן; מען פאַרמיאוסט אַפילו ניט קיין ווערים — די לעצטע באַזונדערס דעמאָלט, ווען זיי זיינען שוין געלעגן אין מאָגן פון שנעפּן און אַ ביסל פאַרדרייט.

פּונקט אַזוי ווי אונזערע קליינע קינדער טראָגן צו צום מויל אַלצדינג, וואָס עס פאַלט אַריין צו זיי אין די הענטלאַך, אַזוי האָט מסתמא דער מענש לכתחילה געפּרובט עסן אַלצדינג, וואָס ער האָט געקראָגן צו כאַפּן. דער־נאָך האָט ער בהדרגה גענומען אויסקלייבן פון אַלע זאַכן יענע, וואָס האָבן אים בעסער געשמעקט און וואָס זיינען גרינג צו פאַרדייען. אַז ביים דאָזיגן אָפּקלייב האָט אים געדינט די באַאָבאַכטונג, וואָס ער האָט געמאַכט איבער דעם, ווי אַזוי עס דערנערן זיך איניגע חיות, אין דעם קאָן קיין ספק ניט זיין. דער מיסיאָנער פעטער קאָלב דערציילט אונז נאָך פון די האָטענטאָטן, אַז צום אָנהויב פון XVIII־טן יאָרהונדערט האָבן זיי געזוכט שפּייז פאַר זיך צווישן יענע וואָרצלען און קרייטעכער, וואָס עס פרעסן די פּאַוויאַנען און אַנדערע חיות.

דאָ וואָלט איך וועלן אָנווייזן עטליכע מאָדנע געריכטן, וואָס געפינען זיך אויפן שפּייז־צעטל פון די איצטיגעווילדע מענטשן. דאָ דאַרף מען אָנרופן צוערשט ווערים, הוסעלניצעס און לעלעס; צווישן זיי ווערן די רעגן־ווערים געגעסן אויך אין כינע. די קאָסוס־רויפּע האָט גוט געשמעקט די אַלטע רוימער. אין צענטראַל־צעלעבעס לעקט מען די פינגער פון לעלעס פון קאָרע־באַבעלאַך, אין מיטל־קאַליפאָרניע — פון וועספּן. די מינאַהאַסער אויף צפון־צעלעבעס האַלטן באַזונדערס פון אַ מין באַנד־וואָרים, וואָס געפינט זיך אין דער בלינדער קישקע פון בײטל־בער, די סיבירער טשוקטשעס פון די ניסלאַך פון פּאָלאַרהירש־פליג און פון דער פליג גופא. ביי דער אָזערע ניאַסאַ (דרומית־מזרחית־אַפריקע) באַקט מען אַ קוכן פון מוקן. אָט די חיהלאַך פון קאָפּ־האָר, וואָס זינט דעם קריג האָט מען ווידער אָנגעהויבן מכּח זיי צו רײדן, באַטראַכטן כמעט אַלע ווילדע פאַר אַ באַזונדערס געשמאַקן ביסן. אַן עלטערער פאָרשונגס־רייזנדער דערציילט מכּח דעם זעהר אַ כאַראַקטעריסטישע מעשה וועגן די אַביפּאָן (דרום־אַמעריקע): „ווען אַן אינדיאַנערין טרעפט אָן ביים מאַכן דעם טואַלעט אַ באַזונדערס פעטע לויז, איז זי דערמיט מכבד איר שכנה. זי טראָגט עס איר אונטער, אַזוי ווי מיר טראָגן עמיצן אונטער אַ שמעק טאַבאַק“. ביי די נעגער־שבטים ביי דער אָזערע לוהאָנדראָ (דייטש־מזרח־אַפריקע) זײנען געטריקנטע זשאַבעס אַ דערנערונגס־מיטל פאַרן פאָלק. אין סורינאַם עסט מען רוי אָדער געבראָטן און ווי אַ נאַשערײַ די גרויסע, רויטע פעטע מוראַשקעס, אַזוי ווי ביי אונז ערטערווײז עסן די קינדער מיט חשק מאַי־באַבעלאַך. די ווערדאַס אויף צײלאָן דערנערן זיך טײלמאָלס מיט קאָרע פון בוימער, און ביי די איטעלמעס ווערט די קאָרע פון בערעזעס און ווײדנבוימער מיט פיש־רויג גערעכנט פאַר אַ באַזונדער געשמאַק מאכל. איבעריגנס, מישן נאָך ביי היינטיגן טאָג די ווייסרוסן צו צו זײער ברויט־מעל קאָרע פון בוימער און מעקענע.

מיר קאָנען זיך לחלוטין ניט פאָרשטעלן, ווי אַזוי מ׳עסט לײם, און דאָך איז עס ביי אַ סך פעלקער, און ניט נאָר ביי ווילדע, אַ מאַכל. אָט זײנען עטליכע ביישפּילן פון אייראָפּע: די פּויערים אַרום אָכּרידאַ אין מאַקעדאָניע מישן צו לײם צו זײער ברויט; דאָס נעמליכע טוט מען אין דער געגנט פון אָליאַסטראָ אויף סאַרדיניע מיט די קוכן פון אייכל־מעל. אויך אין פּערסיע מישט מען צו לײם און מאַגנעזיאַ־ערד צו דער מעל אָדער מען עסט זי רוי און געבראָטן. ביי די דינג־דינג אין מערב־סודאַן איז, ווערליג באַרט דערציילט, לײם אויסגעמישט מיט פוטער אַ הויפּט־געריכט. אין סענעגאַמביען מישט מען צו צו רייז און צו אַנדערע שפּייזן אַ מין פעטע

ווייסע לייט; אַפילו אייראָפּייער געפעלט אַזאַ רייז, און זיי פּאַרטראָגן דעם מאכל אָהן צו ליידן דערפון. די רוסן האָבן זיך אויסגעלערנט עסן לייט פון די קאַמטשאַדאַלן, איטעלמעס און קאָריאַקן; זיי מישן צו לייט צו מילך. נאָר דער עיקר איז פאַרשפּרייט דער מנהג צו עסן ערד אין צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע. אַלכסנדר פאָן הומבאָלדט האָט אונז דערציילט מכּח דעם פּרטים וועגן די אָטאָמאַקן, וואָס וואוינען ביים טייך אָרינאָקאָ. אָט די אינדיאַנער, וואָס „וואוינען אין מיטן די שענסטע און פעטסטע געגנטן", שטילן חדשים־לאַנג זייער הונגער נאָר מיט ליים־ערד. זיי קלייבן אויס צום עסן גראָד אַזעלכע שיכטן, וואָס האָבן די פעטסטע, שמוציגסטע ערד מיטן ערגסטן ריח. ביז אַ פונט טעגליך עסן זיי דאָס אויף און מאַכן נאָך דערפון גרויסע קניידלאַך אויף באַוואָרענען זיך פאַר אַ נויטפאַל און באַהאַלטן דאָס אין זייערעביידלאַך.

אָט די עטליכע ביישפּילן זיינען גענוג צו ווייזן, אַז דער מענש איז נאָך ביי היינטיגן טאָג אַן „אַלץ־עסער" אין ברייטסטן זין, און אַזוינער איז אויך געווים געווען דער פאַרהיסטאָרישער מענש.

מיר דאַרפן זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס פאַרהעלטעניש צווישן יענער און דער חיה, וואָס ער האָט געיאָגט, איז לכתחילה געווען גאָר אַנדערש, ווי מיר באַמערקן דאָס ביי היינטיגן טאָג. כל זמן די חיה האָט נאָך ניט דער־וואוסט זיך, אַז דער מענש איז „דער מוראדיגסטער רויבער אויף דער ערד", לויט ברעמס אַן אויסדרוק, האָט זי פאַר אים לחלוטין זיך ניט גע־שראָקן. דאָס קאָן מען זעהן נאָך היינט אין אַזעלכע געגנטן, וואָס דעם מענשנס פוס האָט נאָך קיין מאָל ניט באַטראָטן. אַזוי רינגלען די פינג־ווינען אַרום נייגעריג די פּאָלאַרריזנדער, גייען זיי נאָך ביז אויף די שיפן אַרויף, לאָזן זיך כאַפּן גרינג און לאָזן אַרויסנעמען אייער פון זייערע נעסטן. מערקער דערציילט פון דער דייטשער מזרח־אַפריקע, אַז די מאַסאַי עסן ניט קיין פלייש פון דערהרגעטע חיות און יאָגן זיך ניט נאָך זיי; דעריבער באַווייזן זיך אָפט וואַלד־חיות נעבן די דערפער און פאַשען זיך אַמאָל אין איינעם מיט די נעגערס בהמות. איך האָב אַמאָל געזעהן גרויסע טשאַטעס זעבראַס, גנוס און אַנטילאָפּעס, וואָס האָבן רוהיג און אָהן אַ סימן פון שרעקעוודיגקייט געצופּט גראָז אין איינעם מיט די רינדער־טשערעדעס פון די מאַסאַי.

אַזוי אַרום איז פאַרן אורמענש לכתחילה געווים געווען אַ גרינגע זאַך צו דערהרגענען אַ חיה מיט אַ שטעקן אָדער מיט אַ שטיין. די ספּעצ־ציפישע נייגעריגקייט פון די וואַלד־חיות האָט מסתמא כסדר צוגעבראַכט דעם יענער אַלץ פרישן רויב. עס האָט בלי ספק געדויערט אַ היפּש לאַנגע צייט,

בּיז די חיות־וועלט איז דורך דער געניטשאַפט פון דורות געוואָר געוואָרן, אַז דער מענש איז פאַר איר אַ סך אַ געפערליכערער שונא, ווי אַלע אירע חברים אין איינעם מיט אַלע נאַטור־כּחות. קלאַאַטש האָט דער ערשטער באַטאָנט, וואָס פאַר אַ באַטייט אָט די פאָרשטעלונג האָט אויף צו דער־קלערן, ווי אַזוי האָבן די מענשן־טשאַטעס אַזוי גיך זיך אויסגעשפּרייט איבּער ווייטע שטרעקעס. „נאָכדעם ווי די ווילדע באַנדע יעגערס האָט געהאַט אָפּגעטאָן איר אַרבּעט אין איין געגנט, דאָס הייסט, נאָכדעם ווי די חיות האָבן גענומען פאַרשטיין, אַז אָט די אורחים זיינען זייערע ערגסטע שונאים, האָט די באַנדע געדאַרפט נאָר אַריבּערקלייבּן זיך אין אַ נײַ אָרט, בכדי דאָרט ווייטער מיט מער פרישקייט אָנצוהויבּן די שחיטה צווישן די חיות. אָבּער אַזוי אַרום האָט אָט די מענשן־באַנדע צעטראָגן די התחלות פון קולטור איבּער ווייטע שטרעקעס און אַזוי האָט די מענשהייט זיך אויסגע־שפּרייט איבּער גאָר דער ערד“.

דריטער קאַפּיטל

דאָס פייער

פון אַ סך געפינסן ווייסן מיר, אַז שוין דער פאַרהיסטאָרישער מענטש האָט געוואוסט צו באַגיין זיך מיט פייער. אָט דער נאַטור־כּח, וואָס האָט פריהער אַרויפגעוואָרפן אַן אימה, איז איצט געוואָרן דער אָפּשייד־סימן און די מאָס פאַר „קולטור“ און שאַפט דעם „להבדיל“ צווישן „מענטש“ און „בעל־חי“. דאָס, וואָס דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט צו געוועלטיגן איבערן פייער, אַליין עס צו מאַכן, זאָגט קלאַאַטש, איז געווען דער ערשטער טראָט צו באַפרייען זיך פון דער ממשלה פון די אויסוויינגסטע תּנאים, דער ערשטער טראָט אויפן וועג איינצושפּאַנען די נאַטור־כּוחות.

אין איטליכן אַלטן ישוב וואַרפן זיך אונז באַלד אין די אויגן די ווייט אויסגעשפּרייטע שיכטן פון אַש און קוילן. דערפון איז געדרונגען, אַז זינט די עלטסטע צייטן האָט דאָס פייער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינם לעבן פון די פּשוטסטע יעגער־נאָמאַרן.

זינט דאָס פייער איז אַנטדעקט און באַוועלטיגט געוואָרן, האָט דער מענטש, ווי געזאָגט, געמאַכט דעם ערשטן און באַטייט־פולסטן שריט אין דער קולטור אַריין. דורכדעם אַליין אונטערשיידט ער זיך שוין קענטיג פון דער חיה, וואָס ער האָט געקראָגן אין זיין רשות דעם כּח פון יענעם נאַטור־עלעמענט, וואָס האָט אויף אים פריהער אָנגעוואָרפן אַן אימה, וואָס ער האָט זיך געפילט בכּח צו מאַכן פייער אין איטליכן באַליביגן אָרט און צו איטליכער צייט, וואָס אים האָט געפּאַסט, און אויך דאָס פייער אונטערצוהאַלטן, ווי לאַנג ער וויל. קיין שום חיה, אַפילו די העכסט־אַנטוויקלטע מענטש־מאַלפּע קאָן ניט מאַכן קיין פייער מיט אַ כּיון אָדער אַ פּשיטא שוין עס אונטערהאַלטן צוליב איר טובה וועגן. גאָר די עלטסטע ראַסן פון דער אורוועלט האָבן נאָך דעם געבענשטן כּח פונם פייער ניט געוואוסט. דאָך געפינען מיר שוין

אין אַ זעהר פריהער צייט אין דער תּקופה פּונם Homo Mousteriensis דעם מענשן ווי אַ בעל־הבית פונם פייער. די ערשטע און עלטסטע סימנים פון דעם דערגייען, ווערליג איך האָב געקאָנט אַרויסזעהן בּיי מיינע אויסגראָבונגען, בּיז צו דער תּקופה פּונם אַשעל־מענש. פאַר אָט דער תּקופה מעג מען אָננעמען די צייט פון הונדערט מיט פערציג טויזנט יאָר, אויב מען מעג בּכלל דאָ רעכענען מיט אונזערע רעלאַטיווע צאָלן.

אין גאָר דער ערשטער צייט פלעגט דאָס פייער אָנגעצונדן ווערן פּשוט אויף דער הוילער ערד. על פּי רוב פלעגט מען אויסקלייבּן פאַרן פייער־פלאַץ אַן אָרט האַרט בּיים אַריינגאַנג אין דער וואוין־הייל, אַזוי אַז דאָס פייער זאָל זיך געפינען נאָך אונטער דעם בּרעג פּונם אַריבּערהייִנגענדיגן פעלז־דאַך. נאָכדעם ווי דאָס פייער איז פאַרלאָשן געוואָרן, פלעגן די אַש און די קוילן צעשפּרייט ווערן איבּער דער גאַנצער פּאָדלאָגע. דערפאַר איז טאַקע אין אַלע פּאַלעאָליטישע ישוב־פּלעצער, וואָס מען געפינט, די פּאָדלאָגע אויף ווייטע שטרעקעס געפאַרבּט שוואַרץ.

אין דעם ווייטערדיגן אַנטוויקלונגס־פּעריאָד האָט אָט דער פּרימיטיווער אָפענער פייער־פּלאַץ געמאַכט אַ טריט פאָראויס. דאָס אָרט, וואו מען האָט געוואָלט זיך אָנצינדן אַ פייער, האָט מען צוערשט אויסגעלייגט מיט האַרטע פאַרקיילאַכטע טייך־שטיינער. אויף און נעבּן אָט די צונויפגעלייגטע שטיינער געפינען מיר שטענדיג, חוץ רעשטן פון קוילן און אַש, אויך אָנגעבּרענטע שטיקלאַך בּיינער, אַ נשאר פּונם מאָלצייט, וואָס די יעגער האָבּן דאָ אָפּגעריכט. אָט די פאָרם פּונם פייער־פּלאַץ בּלייבּט בּאַשטיין זינט דער מיטלסטער פּאַלעאָליטישער צייט בּיזן סוף פון דער קוואַרטער־תּקופה (פון דער אָריניאַק־תּקופה בּיז דער מאַגדאַלען־תּקופה).

אָבּער נעבּן אָט דעם טיפּ פון אַ פייער־פּלאַץ געפינען מיר שוין אייך אַ העכער אַנטוויקלטן, וואָס גיט צוגלייך די מעגליכקייט בּעסער אויסצונוצן דאָס פייער גופא. אין איינִיגע ערטער האָב איך געפונען צוויי שיכטן צונויפגעלייגטע קיילאַכיגע שטיינער, איינער איבּערן אַנדערן. דאָס עצם פייער־געלעגער איז פאַרקיילאַכט, און בּאַזונדערס מערקווירדיג איז, אַז דער אונטערשטער שיכט, וואָס ליגט אויף דער ערד, בּאַווייזט אויף זיין אויבּערפלאַך סימנים פון קוילן און בּראַנד. פאַרקערט, דער אויבּערשטער שיכט האָט אַזעלכע פייער־סימנים נאָר אויפן אונטערשטן פלאַך פון די שטיינער. דערפון קאָן מען דרינגען, אַז דאָס פייער האָט געבּרענט צווישן אָט די בּיידע שיכטן. ניטאָ קיין שום סימנים, אַז מען זאָל דעם פייער־פּלאַץ האָבּן ווען עס איז אַריבּערגעטראָגן; דערפון איז די מסקנא, אַז אויף אָט דעם אָרט איז שטענדיג אונטערגעהאַלטן געוואָרן אַ פייער. עס לאָזט זיך גאַנץ גוט

משער זײַן, אַז אויף אָט דעם פֿייער־פּלאַץ האָט שטענדיק געברענט אַ פֿייער, בכדי אָפּצוטרײַבן פֿונם וואוין־פּלאַץ די ווילדע חיות; פֿאַר אײנס האָט דער היילן־יעגער אויסגענוצט דעם אויבערשטן שטײן־שיכט אויף צו בראָטן זײַן געווילד. אַזאַ פֿייער־פּלאַץ מיט אַ צווייענדיקן שטײן־שיכט איז, אמת, נאָך גאַנץ זעלטן, על פּי רוב באַגעגנט מען נאָך אַלץ דעם אַלטן פּשוטן פֿייער־פּלאַץ פֿון טײַך־שטיינער.

ווי אַזוי איז דער אורמענטש לכתּחילה געקומען דערצו, ער זאָל באַוועלטיקן דאָס פֿייער, דאָס וועט מסתּמא אויף שטענדיק בלײַבן פֿאַר אונדז אַ רעטעניש. אָבער היות ווי מיר מוזן אָננעמען, אַז די ערשטע הײם פֿונם מענטשן זײַנען געווען געגנטן, וואָס האָבן אַריבערגעטראָגן גרויסע קאַטאַסטראָפֿעס און ערד־טרייסלענישן, מעג מען זיך פֿאָרשטעלן, אַז איין מקור, פֿון וואַנען דער מענטש האָט געשעפּט זײַן קענטעניש וועגן כּח און ווירקונג פֿונם פֿייער, זײַנען געווען געוויס וואולקאַנישע ערשײַנונגען. די אויפֿרעגונג, וואָס די אויסבראָכן פֿון וואולקאַנען האָבן געמוזט אַרויסרופֿן בײַם מענטשן, האָט געוועקט די אויפֿמערקזאַמקייט און נײַגעריקייט אויף די שטראָמען לאַווע. די לאַווע־שטראָמען, וואָס קילן אָפּ ערשט אין יאָרן אַרום, האָבן ביסלעכווײַז געמוזט באַקענען דעם מענטשן אויך מיטן נוצן פֿון פֿייער.

אַ צווייטער מקור צו באַקענען זיך מיט דער ווירקונג פֿונם פֿייער איז געווען דער בליץ. אַוודאי האָט אָט די ערשײַנונג קודם כּל אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן מענטשן אַן אימה. אָבער אַז ער האָט דערבײַ געקאָנט אויך באַקאַנט ווערן מיט דער גוטער ווירקונג פֿונם פֿייער, האָט אונדז באַוויזן קאַרל פֿ. ד. שטיינען אין זײַן גרויסאַרטיקן שינגו־ווערק, וואָס מאַכט אונדז באַקאַנט מיטן לעבן פֿון די פּרימיטיוווסטע ווילדע שבֿטים פֿון בראַזיליע. דאָרט ווערט דערציילט:

צי עס קומען אָפּט פֿאָר שׂרפֿות אין די שיטערע נידעריקע וועלדער פֿון מאַטאָגראָסאָ, אַרויסגערופֿן דורך בליצן, איז שווער צו באַשטימען. מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אַזעלכע שׂרפֿות פּאַסירן אָפּט; ס'איז קיין ספֿק ניט, אַז די אויסגעדאַרטע, צעקרימטע ביימער און דאָס הויכע טרוקענע גראָז זײַנען דערפֿאַר זייער אַ גינסטיקער מאַטעריאַל. די פֿײַערן, וואָס מיר האָבן אָנגעצונדן אין אונדזערע לאַגערן, האָבן געברענט טעג לאַנג און האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויף ווײַטע שטרעקעס. טשיקאַווע איז געווען די ווירקונג אויף דער בעלי־חיים־וועלט. אַלע בעלי־חיים, וואָס לעבן פֿון רויב, האָבן די שׂרפֿות זייער גוט אויסגענוצט. זיי האָבן געזוכט און געפֿונען זייערע קרבּנות ניט אַזוי בעת דאָס פֿייער האָט נאָך ליכטיק געפֿלאַקערט, ווי בעת דער שׂרפֿה־פּלאַץ האָט זיך שוין געריכערט. דאָרט זײַנען געווים געבליבן ליגן אַ סך אויסגעבראָטענע און פֿאַרקוילטע נאָגער־חיהלאַך. פֿאַלקן האָבן געשוועבט

איבער די רויך־וואַלקנס, פון ווייט און ברייט זיינען געקומען צו לויפן פירפיסיגע צו לעקן די געזאַלצענע אַש. על פי רוב זיינען זיי געקומען ביינאַכט, וואָרום בייטאָג איז ניט געווען וואו צו באַהאַלטן זיך אויף דעם נאַקעטן פליין. פון דער ערד איז אַרויסגעגאַנגען אַ מחיהדיגע וואַרעמקייט. אויף אָט דעם שרפה־פלאַץ האָט מען געקאָנט אַ סך אָפּלערנען וועגן נוצן פון פייער: ביים אָנהויב שרפה — חיות, וואָס אַנטלויפן, דערנאָך — פאַרקוילטע בעלי־חיים און פירות, בעלי־חיים, וואָס קומען צו לויפן, געזאַל־צענע אַש, וואַרעמקייט.

אָט דאָס אַלץ האָט געקאָנט וויסן און אויסנוצן שוין דער פרימיטיווסטער יעגער, וואָס האָט אַליין נאָך ניט פאַרשטאַנען אָנצוצינדן קיין פייער. מען וועט דאָך ניט וועלן זאָגן, אַז ער האָט ניט געוואוסט אַזוינס, וואָס עס וויסן פאַרשיידענע קלאַסן פון דער בעלי־חיים־וועלט. דער ווילדער מענש שרעקט זיך פאַר אַ געוויטער און אַ בליץ, וואָס שלאָגט איין, וואַרפט אָן אויף אים ניט ווינציגער אימה, ווי אויף אַלע איבעריגע לעבעדיגע ברואים. אָבער די שרפה פאַר זיך שרעקט אים שוין ניט, פונקט ווי אַ סך חיות, ווי וויט די פייער־כוואַליעס פאַרכאַפּן זיי ניט. ווען עס טרעפט אים אַ שרפה אין מיטן סטעפּ, האָט ער זיך אַן עצה. ער צינדט אונטער תיכף די גראָזן אַרום זיך; האָט ער קיין אייגן פייער ניט אונטער דער האַנט, נעמט ער זיך אַ ברע־נענדיגן צווייג. דער זעלביגער ווינט, וואָס טרייבט דאָס פייער, טרייבט אויך אַנטקעגן דעם יעגערס פייער. אַזוי לאָזט ער אויסברענען אַרום זיך אַ פרייען פלאַץ, וואו ער איז געזיכערט, אַז די אַרומיגע שרפה וועט אים ניט גרייכן. דאָרט וואַרט ער רוהיג אָפּ, ביז דאָס פייער גייט ווייטער אַוועק, און דערנאָך לאָזט ער זיך אויף דער גיך אַוועק זוכן עפּעס געבראָטנס און געטויטס, וואָס איז נאָך דער שרפה געבליבן, בכדי צו באַווייזן, איידער די רויב־פויגלען וועלן אים אויסכאַפּן. עס איז מיט זיכערקייט אָנצונעמען, אַז דאָס קלינגסטע באַשעפעניש, וויבאַלד עס האָט שוין געהאַט די איניציאַטיוו, וואָס צייכנט אויס דעם מענשן, האָט געפונען פאַר ריכטיגער אונטערצוהאַלטן די שרפה, איידער פאַר איר צו אַנטלויפן.

דאָס זיינען די געדאַנקען, וואָס דערוועקן זיך, ווען מען קוקט זיך צו צום לעבן פון די נאַאיווסטע בראַזילישע ווילדע, ווי די באַקאַירי און אויעטאָ. פונקט אַזוי מעגן מיר זיך פאָרשטעלן דעם אורמענשן: אויף דעם אופן אָדער אויף אַ גאַנץ ענליכן האָט דער מענש לכתחילה געדאַרפט באַקאַנט ווערן מיטן נוצן פון פייער.

אַוודאַי איז נאָך געווען אַ גרויסער מהלך צווישן דער באַקאַנטשאַפט מיטן פייער און מיט זיין ווירקונג ביז צו דער פייהיגקייט עס צו פאַרשאַפן זיך צו

יערער צייט. אויך דאָ וויסן מיר גאָרנישט מכּח דעם וועג, וואָס האָט געפירט צום אַרויסגעפינען די מיטלען, ווי אַזוי מען מאַכט פייער. נאָר איינס מעגן מיר אָננעמען, נאָך מער אַפילו אַרויסדרינגען סיי פון די אַנטרעקונגען אין וועזער־טאָל און סיי פון דעם פאַקטן־מאַטעריאַל פון דער פאַרגלייכנדיגער עטנאָגראַפיע: אַז אויף דעם וועג איז געלעגן אַן עטאַפּ, וואו דער מענש האָט זיך געמיהט אָט דאָס „ווילדע פייער“, וואָס ער האָט אויף איינעם פון די געשילדערטע וועגן געהאַט געפאַנגען, איינצוהאַלטן, עס זאָל ברענען ביי אים שטענדיג. האָט ער דעמאָלט געזוכט דאָס געפאַנגענע פייער צו „שפּייזן“ — לויט ליפּערטס גייסטרייכן אויסדרוק — ווי מען פיטערט אַ שטוביגע בהמה, צושטעקן כּסדר אַלץ ניי ברען־האָלץ, טרוקענע צווייגן, צעפוילטע שטאַמען און כרומה. אָט פון דעם שטענדיגן פייער, פון דעם אש־תּמיד, האָט ער צו יערער צייט געקאָנט נעמען בראַנד, ווען ער האָט עס נויטיג געהאַט. ביים רוב נאַטור־פעלקער איז דאָס נאָך עד היום דער געוויינליכסטער אופן צו באַקומען פייער, אַפילו ביי אַזעלכע, וואָס האָבן, אַשטייגער, ווי די עסקימאָסן, אמת געניאַל אויסגעקלערטע מעטאָדן צו מאַכן פייער. די אַוסטראַליער און אַ סך אַנדערע ווילדע טראָגן מיט זיך שטענ־דיג אַרום טליענדיגע צווייגן. דימאָן ד׳אירוויל דערציילט אונז וועגן דעם, אַז די שבטים פון דער געגנט אַרום קיניג־דזשאָרדזשס־האַוון (דרומית־מערבית־אַוסטראַליע) „טראָגן פאָרנט איבער דער ברוסט אַראָפּ אַ טליענ־דיג שטיק האָלץ, ווי אַ שוואָם“, און דערמיט צינדרן זיי אָן תּיכּף, ווען זיי ווילן, אַ גרויס פייער. די „גאַנצע געגנט אַרום איז מחמת דער געוויינהייט געוואָרן אַזוי פאַרבּרענט, אַז מען האָט כמעט קיין טראָט ניט געקאָנט טון, און ניט פון אַלע זייטן שוואַרץ ווערן“. די אינדיאַנער און די נעגערס פירן מיט מיט זיך, ווען זיי גייען אויף מלחמה אָדער געיעג, טליענדיגע פייער־בּראַנדן. פון אָט דעם מנהג קאָן מען בריינגען נאָך אַ סך ביישפּילן פון דער קולטור־געשיכטע. לויט קסענאָפאָן דערציילט, פלעגט דעם קיניג פון ספּאַר־טאַ, ווען ער פלעגט אַרויסגיין אין מלחמה, שטענדיג באַלייטן אַ „פייער־טרעגער“; בעת דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה האָט מען געמעגט אָנצינדן פריש פייער נאָר פון אָט דעם „אש תּמיד“, וואָס איז מיטגעבראַכט געוואָרן פון דער היים. נאָר דער אינטערעסאַנטסטער פון אַלע פאַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונזער ענין, איז געוויס דער מנהג פון געוויסע קליינוואוקסיגע, נאָך זעהר פּרימיטיווע נעגער־שבטים, וואָס וואוינען ביים אויבערשטן אילע, ביים טשואַפּאַ־קוואַל (אינעווייניגסטע קאָנגאָ), און פון די ברעג שבטים פון דייטש־גווינעאַ. זיי צינדרן אָן אַלטע בוים־שטאַמען, און אַזוי אַרום באַקומען זיי אַ פייער, וואָס טליעט חדשים לאַנג. דאָס דערמאָנט

נאָך אין גאַנצן אָן צעפּוילטן בוים, וואָס אַ בליץ האָט אים אונטערגעצונדן.

נאָר אַפילו דאָס, וואָס מיר ווייסן געוויס, אַז איידער מענשן האָבן אַרויסגעפונען אַ מיטל אַליין צו מאַכן פייער, איז געווען אַ צייט, ווען זיי האָבן פאַרשטאַנען אונטערצוהאַלטן אַ שטענדיג פייער און זיינען אַלץ מער צו דעם צוגעוווינט געוואָרן און האָבן דערקענט אַ סך פון די תכונות זיינע, — גיט נאָך אַלץ ניט די מעגליכקייט צו באַשיידן דאָס רעטעניש, ווי אַזוי זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אַליין פייער אָנצוצינדן. שטעלן מיר זיך די שאלה, ביי וואָסער געלעגנהייט האָט דער פאַרהיסטאָרישער מענש געקאָנט גיכער פון אַלץ אויפכאַפּן און תופס זיין די ערשיינונג פון פונקען — דערמיט איז דאָך בעצם שוין פאַרענטפערט די פּראָבלעם פון פייער־מאַכן — דעמאָלט ווערן מיר באַלד אָנגעוויזן אויף דער באַאַרבעטונג פון פייער־שטיין צו כּלי־זיין און געציינג. בעת דער מענש האָט געקלאָפּט שטיין אויף שטיין, בכדי אַזוי אויסצואַרבעטן זיך זיין האַק און זיין מעסער, האָט ער געמוזט זעהן, ווי עס שפּריצן פונקען. ווען אַזאַ פונקען־רעגן איז אַרויפגעפאַלן אויף זיין פעלענעם בגד, האָט באַלד דאָס האָר דערויף אָנגעהויבן צו טליען, דאָס פייער האָט גענומען זיך באַלד אויסשפּרייטן — און דערמיט איז די פייער־ערפינדונג אַ געשעהענער פאַקט.

פייער אויסשלאָגן מיט פּיריט און פייערשטיין (עסקימאָס)

עס זיינען באמת נאָך ביי היינטיגן טאָג פאַראַן נאַטור־שבטים, הגם אויך ווינציג אין צאָל, וואָס מאַכן טאַקע פייער אויף דעם שטייגער. אַזוי דערציילט דער קאַפּיטאַן וואַלים וועגן די פייער־לענדער, אַז זיי קלאָפּן אַ קיזל־שטיין מיט אַ שטיק שוועבל־אייזן, כאַפּן אויף די פונקען מיט אַביסל פּוך אָדער אַביסל מעך, אָט דעם טליענדיגן צונטער לייגן זיי אַרויף אויף טרוקענע גראָזן און פאָכען דערמיט אַרום אין דער לופט, ביז עס פלאַמט אויף. די אַלעאוטן (קאַטערינע־אינזלען אין בערינג־ים) באַנוצן פאַר

פייער עקבערן (אויסטראַליע)

פייער זעגן
(אויסטראַליע)



פייער זעגן
(אויסטראַליע)

אַ צונטער פֿויגל־פּוך, וואָס זיי באַשיטן עס מיט שוועבל, וואָס זיי געפֿינען אין זייערע בערג. אגב, האָט מען אָפּטמאָלס אין גריבער פֿון דער נייערער שטיין־צייט טאַקע געפֿונען אַזעלכע פֿייערגעצייג צום אויסשלאָגן: קנוילן פֿון שוועבל־



1 און 2. פֿייער־אַקער (סאַמאָאַנער). 3 און 4. פֿייער זעגן (מאַלאַיער). 5. פֿייער דרעלעווען (אינדיאַנער). 6. פֿייערדרעל־עקבער פֿון די איראָקעזן. 7 און 8. עקבערן פֿייער מיט אַ בויגן (עסקימאָס)

שטיין און גראָבע פּריזמאַטישע מעסערס פֿון פֿייערשטיין. אויך די עגיפּטער, גריכן און רוימער האָבן געהאַט אַזעלכע פֿייער־שלאָג־געצייג. אַזוי זאָגט סאָפֿאָקלעסעס פֿילאָקטעט וועגן זיך: „שטיין אויף שטיין שלאָגנדיק, האָב איך מיט מיה דעם פֿאַרבאָרגענעם פֿונק אַרויסגעבראַכט“.

מיר האָבן אונטערגעשטריכן, אַז נאָר ווינציג פון די איצטיגע ווילדע שבטים שלאָגן אויס פייער מיט דער הילף פון שטיינער. דער גרעסטער רוב פעלקער באַנוצן צוליב דעם גראָד הילצערן פייערגעציי‍ג, וואָס אין פאַר־שיידענע פאָרמען נעמט עס אַרום ממש גאָר די וועלט. אויך אָט די מע־טאָדע פון רייבן האָלץ אָן האָלץ אָדער פון אַריינעקבערן האָט דער פאַר־היסטאָרישער מענש געוויס שוין פריהצייטיג אַרויסגעפונען. וואָרום צוליב אָנשאַרפן אַ סך פון זיינע שטיינערנע געציי‍ג און כּלי־זיין האָט ער נויטיג געהאַט האָלץ, און בעתן באַאַרבעטן דאָס האָלץ, אַשטייגער, בעתן שאָבן און גלאַט מאַכן, האָט ער ממילא באַראַרפט באַמערקן, אַז ביים רייבן ווערט דאָס האָלץ הייס, און אַז עס בילדעט דערביי צוגלייך האָלץ־מעל, וואָס קאָן רינען פאַר צונטער. על כּל פּנים איז דאָס הילצערן פייער־געציי‍ג פון די ווילדע אין זיין פּשוטסטער געשטאַלט, ווי מיר געפינען דאָס נאָך איצט אין דרום־ים, שוין גאָר אַלט, און מסתמא איז דאָס אויך דעם אורמענשן ניט געווען אומבאַקאַנט.


מזרח־אַפריקאַניש
פייערגעציי‍ג
(זאַמלונג הײלבאָרן)

דער נוצן פונם פייער איז זעהר אַ פאַר־שיידענער. און אויב יענער פערז שילערס:

„און וואָס ער בילדעט, וואָס ער שאַפט,
פאַרדאַנקט ער אָט דער הימלס־קראַפט“

איז ניט אַזוי וויט גילטיג פאַר די ווילדע, ווי פאַר אונז קולטור־מענשן, דאָך ציהט דער מענש שוין אויף די פריהסטע מדרגות נוצן פונם פייער. עס טרייבט אָפּ די ווילדע חיות פון זיין לאַגער־פּלאַץ, עס גיט אים ליכטיגקייט און וואַרעם אין די קאַלטע נעכט, וואָס לאָזן זיך גוט שפּירן אַפילו אין די טראָפּישע געגנטן, און עס רינט אים צולעצט אויף צו גרייטן זיך שפּייז. אָט די אַלע ווירקונגען פון פייער האָט ער געקאָנט גרינג באַ־מערקן און איז זיי אויך פריה געוואָרן. אָט די אויבן געשילדערטע שרפה, וואָס דער בליץ האָט אָנגעמאַכט, איז אויך דאָ געווען דער ערשטער לערן־מייסטער.

פערטער קאַפּיטל

כּלי־זיין, געיעג און אינדוסטריע

געשיצט אין זיין הייל, פאַרזאָרגט מיט שפּייז דורך פליייש פון געווילד, האָט דער פאַרהיסטאָרישער מענטש געקאָנט בעצם זיך לעבן אַ שטיל און בנעימותדיג לעבן. אָבער דער חשק וואַקסט מיטן פאַרמעגן, „וואָס מער ער האָט, אַלץ מער וויל ער", — און בּכדי דאָס צו דערגרייכן, זוכט ער אַלץ נייע מקורים פון רויב. אים פעלט אָבער אויס געצייג, און אַזוי ווערט דער פּשוט אַרומגעהאַקטער שטיין, וואָס מיט אים גראָבּט ער אויס קרייטעכער און וואָס מיט אים שאָבּט ער אָפּ צווייגן, צוגלייך צו אַ געווער. פון שטעקן, וואָס איז פּשוט אַ פאַרלענגערונג פון דער האַנט, דערגייט דער אורמענטש צום וואָרף־שפּיז, פונם שטיין, וואָס ער הויבּט אויף פון דער ערד, וואו עס מאַכט זיך, דערלאַנגט ער צום שליידער, צום פייל־און־בויגן.

אַז דער פאַרהיסטאָרישער מענטש האָט דערזעהן, ווי די נאָכגעיאָגטע חיה איז אַנידערגעפאַלן פאַרוואונדעט פונם געשליידערטן שטיין, האָט ביי אים געקאָנט אויפקומען דער געדאַנק, אַז אויפן זעלביגן שטייגער קאָן ער פּטור ווערן אויך פון אַ חבר פון זיין אייגענעם שבט, וואָס ער האָט אים פיינט, אַז ער קאָן אָפּראַמען פון וועג אַ קאָנקורענט, וואָס וויל קריגן די זעלביגע פּרוי, וואָס ער. אַזוי אַרום איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער שריט צו פאַרגיסן מענטשן־בּלוט.

אין די העכער אַנטוויקלטע תּקופות, אין דער סאָליטרע־ און מאַגדאַלען־תּקופה, געפינען מיר די קונציג פון ביין געשניצטע האַרפּונע, וואָס איז געווים אויך על פּי רוב אָנגעווענדט געוואָרן צוליב כאַפּן פיש. דאָס זיינען, פאַר־שטייט זיך, שוין זעהר קאָמפּליצירט געיעג־געצייג, וואָס די טעכנישע אויס־פירונג פון זיי באַווייזט וואָס פאַר אַ גרויסן אַנטוויקלונגס־וועג דער מענטש

האָט שוין דורכגעמאַכט אין משך פון אפשר הונדערט טויזנט יאָר. לכתחילה איז בּיי אים געווען אונדזער גענצייג געווען איינס און דאָס זעלביגע. די ווענטקע אין איר איצטיגער פּשוטסטער פאָרם — אַ פּשוט העלצל פאַרשפּיצט אויף בּיידע עקן, אַרום מיט אַ שנירל אַרומגעבונדן און אויף די שפּיצן אָנגעטאָן דאָס ווערימל — האָבֿ איך נאָך געזעהן אין געבֿרויך די ערשטע יאָרן, בּעת איך האָבֿ זיך אויפגעהאַלטן אין ווערער־טאָל. אויפן זעלבֿיגן אופן האָבֿן מסתּמא אויך די אורמענטשן אויסגענוצט די פיל שאַרפע פייערשטיין־שפּליטערס, וואָס מיר געפינען אין דעם אָריניאַק־שיכט.

חוץ דעם געצייג פון אַרומגעהאַקטע פייערשטיינער, האָט אַוודאי אויך קודם כּל געדינט האָלץ אויף שטעקנס, שפּיזן, פיילן און מעסערס. דערפון איז צום בּאַדויערן כּמעט ווי גאָרנישט געבֿליבֿן: האָלץ איז דאָך ניט אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס קאָן אויסשטיין צענדליגער טויזנטער יאָרן. בּיי מיינע לאַנגיאָריגע אויסגראָבונגען האָבֿ איך נאָר צוויי מאָל געפונען קליינע האָלץ־רעשטן פון דער אַלטער שטיין־צייט; דאָס ערשטע מאָל איז דאָס געווען אַ שטיקל פון אַ הענטל פאַר עפּעס אַ פייערשטיין־געצייג.

גאָר פאַרשיידנאַרטיג זיינען די פאָרמען פונם געצייג און פונם כּלי־זיין פון די אַלטע יעגער־נאָמאַדן. לויט דער אויסוויינגסטער געשטאַלט פון איטליכער געפונענער זאַך פּרובן מיר זיך צו דערקלערן איר לכתחילה־דיגן צוועק און טיילן אָפּ שאָבֿערס, קראַצערס, קלינגעס פון עקבֿערס, נאָלן, נאָרלען און מעסערס. דער גרעסטער רובֿ פון אָט דעם געצייג לאָזן זיך זעהר גוט האַלטן אין האַנט. זיי בּאַווייזן אָפּטמאָלס און ממש אויף חידושים, ווי אַזוי דער אַלטער אינסטרומענט איז געבֿרויכט געוואָרן, אַפילו ווי אַזוי די איינציגע פינגער האָבֿן זיך אויסגעלייגט אויפן געצייג און ווי אַזוי עס איז פּראַקטיש אָנגעווענדט געוואָרן. ווען מיר בּאַצייכענען אַ פיין אַרומגעהאַקטע, האַלבֿ־קיילאַכיגע פייערשטיין־פּלאַטע, וואָס האָט אַ שאַרפן ראַנד פון איין זייט, מיטן נאָמען שאָבֿער, טוען מיר דאָס גאָר דערפאַר, ווייל דער אינסטרומענט בּאַווייזט געניי אָן, ווי אַזוי מען דאַרף אים אָננעמען, און ממילא קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי אַזוי מען האָט מיט אים געאַרבּעט. אויף צו שאָבֿן פעל איז אָט דאָס געצייג אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט; מען האָט אויך געקאָנט מיט זיי אַראָפּקראַצן פליישׁ פון בּיינער, אויך האָבֿן זיי געקאָנט רייניקן אויף אַרומצושיילן קאָרע פון שטאַמען און צווייגן. די שאַרפע שפּיצן פונם געצייג, וואָס מען רופט אָן עקבֿערס, גיבֿן זיך דירעקט צו דערקענען, אויף וואָס זיי האָבֿן געקאָנט דינען. דאָס נעמליכע איז אויך בּיי די נאָרלען, בּיי די שאַרפע שניידנדיגע מעסער־שאַרפן, בּיי נאָלן און אַנדערע פאָרמען.



אַ האַנט־קלינג פון שעל, פראַנקרייך. גע־
זעהן פון פאָרנט און פון אַ זייט (לויט
מאָרטיליע)



אַ האַנט־קלינג פון פייערשטיין פון דער
תקופה סט. אַשעל. געזעהן פון פאָרנט און
פון אַ זייט (לויט מאָרטיליע)



אַ שאָבער פון פייערשטיין פון צוויי זייטן



אַ האַנט־שפּיץ פון פייערשטיין פון דריי זייטן.
טיפּן פון דער מוסטיער־תקופה (לויט מאָרטיליע)

איך האָב בײַ מײַנע אויסגראָבונגען אָפּטמאָלס געפונען געצײַג, וואָס לויט זײַער גאַנצן בוי האָבן זײ געקאָנט באַנוצט ווערן נאָר מיט דער לינקער האַנט. איטליך געצײַג פון פײַערשטײן, וואָס מען נעמט אַרויס פון דער ערד, פּאַסט זיך באַלד צו, נאָך אַ קלײנער געניטונג, צום האַנט־פּלאַך און לאָזט דערקענען, אין וואָסער ריכטונג מען האָט עס געקאָנט אויסנוצן. דערבײַ געפינט מען אַמאָל געפינסן, וואָס פּאַסן זיך בשום אופן ניט צו צו דער רעכטער האַנט, אָבער ווי נאָר מען נעמט זײ אַרײַן אין דער לינקער האַנט, טויגן זײ באַלד צום געברויך. מען דאַרף דעריבער משער זײַן, אַז שוין



שטײן־געצײַג פון אויסטראַליער און טאַסמאַניער פּאַראַלעלן מיט די זעלביקע געצײַג פון דער פּאַרהיסטאָרישער צײַט פון אײראָפּע (לויט קלאַאַטש).

1 און 2. אויסטראַליע. 3 און 4. טאַסמאַניע. 5. וועזער. 6. קענט. 7 און 8. קאַנטאַל

אין דער עלטסטער צײַט זײַנען געווען געלינקטע. אַוודאי איז ערלויבט צו מאַכן אַזאַ אויספיר און אין אַ סך פאַלן איז ער אויך ריכטיג. אָבער איך וואָלט אָנגעוויזן נאָך אַ סיבה, פאַרוואָס מען געפינט רעכטס־הענטיגע און לינקס־הענטיגע שאָבערס און קראַצערס אַזוי נאָהענט אײנע בײַ די אַנדערע און אויף לפי ערך ניט ברײטן שטח.

בכדי צו באַאַרבעטן פעלן פון חיות רעגלמעסיג און אין אַ קירצערער צײַט, איז געווען פּראַקטיש צו קאָנען שאָבן און גלעטן ברײטע פלאַכן מיט אײן מאָל. האָט דעריבער ניט געקאָנט זײַן קײן פּשוטערע זאַך, ווי צו נעמען צו אײן שאָבער מיט יעדער האַנט, רעכטס און לינקס, און גלײַכצײַטיג מיט בײדע צו שאָבן און צו גלעטן אויף דער אויסגעשפּרײטער חיה־פעל אין דער

ריכטונג צום אייגענעם קערפּער צו. אין איין פאַל האָב איך געפונען אַזעלכע שאָבערס און קראַצערס, וואָס זיינען אַזוי גרויס, אַז מען האָט זיי בכלל געמוזט באַוועגן נאָר מיט ביידע הענט. מיין רייכער מאַגדאַלען־ישוב לאָנ־גראָש האָט מיר איין מאָל אַרויסגעגעבן דריי אַזעלכע גרויסע שווערע אינסטרומענטן, וואָס זיינען געלעגן האַרט איינער נעבן צווייטן.

אַז די יעגער־נאָמאַדן האָבן ערגעץ וואו צום ערשטן מאָל פאַרנומען אַ פּלאַץ צו אַ ישוב, איז געווען איינע פון די סיבות, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט גראָד אויפן דאָזיגן אָרט, אויך דאָס, וואָס אַרום איז געווען אַ סך געווילד. וואָס טיפער מיר גייען צוריק אין עבר פונם פאַרהיסטאָרישן מענשן, אַלץ פּשוטער מוזן מיר זיך פאָרשטעלן זיין גאַנצן לעבנספּיר, און ממילא אויך זיינע כּלי־זיין. די ערשטע פאַרטיידיגונג פונם אורמענשן זיינען מסתּמא געווען פלעקער און צונויפגעקליבענע שטיינער. בהדרגה האָט ער גענומען די שטיינער אַרומהאַקן אויף אַ געהעריגן אופן, בכדי זיי צוצופּאַסן



ביין פון פּאָלאַר־הירש מיט אַ יעגער, וואָס גנבעט זיך צו צו אַ בופלאָקס
(פון לאָזשרי באַס. לויט פּאָרדער)

צו זיין האַנט. דערפון איז אין דער שעל־און אַשעל־תּקופה אַרויס־געקומען די פויסט־קלינגע, וואָס מיר דאַרפן זיך אָבער ניט פאָרשטעלן זי נאָר ווי אַ שלאָג־אינסטרומענט; פאַרקערט, זי איז געווען אַ כּלי פאַר אַ סך זאַכן; זי האָט געקאָנט באַנוצט ווערן אויך צום שניידן און שטעכן און אויך צום שאָבן.

וואָס מער דער מענשליכער גייסט האָט זיך אַנטוויקלט, האָט זיך אויך געהויבן זיין געשיקטקייט, און פון תּקופה צו תּקופה אין אַלץ אַ גרעסערער מאָס. דער הייל־איינוואוינער וואָלט ניט געקאָנט באַשטיין אַנטקעגן די חיות פון דער אורוועלט, אויב צו זיין כּח וואָלט ניט צוגעקומען נאָך אויס־גערעכנטקייט און פאַרשפּיצטקייט. צוערשט האָט ער געוויס געפּרובט צו טרייבן די חיות איבער פעלז־שיפּועים, און צולעצט איז ער געפאַלן אויף אויף דער המצאה קריכנדיגערהייט זיך צוצוגנבענען צו דער חיה. אַזאַ בילד איז אונז געבליבן פיין אויסגעקריצט אויף אַ ביין פון פּאָלאַר־הירש, וואָס איז געפונען געוואָרן אין לאָזשרי באַס.

חוץ קורצע סאַגאַי־שפּיצן, אַ ביין־שפּיץ, וואָס איר באַזים איז שרעג פאַרשניטן און איז מסתמא דאָרט אַרומגענומען געוואָרן פון אַ געהעריגן הענטל, געפינען מיר אויך לאַנגע פיילן פון דעם מין. דער איבערגאַנג צווישן ביידע מינים איז ניט קענטיג, אַזוי אַז מען קאָן בעצם ניט זאָגן, וואָסערע פון די שפּיצן זיינען אפשר געוואָרפן געוואָרן מיט אַ שליידער־שטעקן און וואָסערע מיט אַ בויגן. אָט די פייל־שפּיצן פון ביין זיינען גרינג, אַזוי אַז דער בויגן, וואָס פון אים זיינען זיי אָפּגעשאָסן געוואָרן, האָט אויך ניט באַדאַרפט זיין שווערוואָגיג. פון די ווילדע ווייסן מיר, אַז זיי באַנוצן דעם בויגן גראָד אויף צו שיסן גרינגע פיילן, און מיר מעגן משער זיין, אַז די יעגער פון דער פאַרהיסטאָרישער צייט האָבן פאַרשטאַנען צו מאַכן און צו באַנוצן אַן ענליכן אינסטרומענט. שליידער־שטעקנס זיינען אפשר מער אָנגעווענדט געוואָרן אויף צו שיסן שווערע סאַגאַי־שפּיצן און האַרפּונעס, וואָס זיינען פון איין אָרער צוויי זייטן געווען געציינדלט. דער פייל־שליידער און דער בויגן זיינען אין דעם פּרט ביי די ווילדע גלייכווערטיג.



1. מאַרק־לעפל געמאַכט פון פּאָלאַר־הירש־האָרן פון די אַלטע היילן־איינוואוינער (לויט בער־העלוואַלד). 2 ביז 5. מאַרק־לעפלען פון די עסקימאָסן (לויט נעלסאָן)

דער יעגער פון דער אייז־צייט האָט געקאָנט פּונקט אַזוי טרעפן פיש, פויגלען און באַוועגליכע שרצים, ווי די גרויסע חיות פון זיינע וועלדער און סטעפּעס. אַן אויסגעצייכנטער כלי־זיין האָט זיך אויסגעבילדעט אין דער תקופה פון סאָליטרע, דער קאַרב־שפּיץ (pointe à cran), וואָס מיר באַגעגענען אין אַלע גרייסן. בלי ספק האָט אַ גרויסע צאָל פון פייערשטיין־געצייג געהאַט הענטלאַך. די הענטלאַך זיינען מסתמא געווען געמאַכט פון האָלץ, פּאָלאַרהירש־ אָדער הירש־האָרן. צום באַדויערן זיינען זיי ניט געבליבן, און מיר קאָנען נאָר לויט דער פאָרם פונם געפונענעם געצייג זיך אָנשטויסן, ווי אַזוי זיי האָבן געקאָנט אויסזעהן.

מאַכן געצייג און כלי־זיין פון פּאָלאַרהירש־הערנער און פון אַן אַנדער ביין־מאַטעריאַל איז ניט געווען זעהר שווער. דער ביין איז אין פרישן צושטאַנד ווייך און גרינג צו באַאַרבעטן. די סטרוקטור פונם פולן האָרן האָט גרינג געלאָזט אַרבעטן, די סובסטאַנץ פון ביין איז אין פרישן צו־

שטאַנד געריכט, גלייכאַרטיג און פעסט. אַזוי אַז עס איז קיין חידוש ניט, וואָס מיט אַ שאַרפן קליינעם אינסטרומענט פון פייערשטיין האָט מען געקאָנט אויסזעגן און אויסשניידן איטליכע פאָרם, וואָס מען האָט געוואָלט. די האַנטווערקער פון דער הייל־צייט האָבן גענוצט באַזונדערס די וואָרצלען פון די הערנער; די פיינע שניט־ליניעס, וואָס מיר דערקענען אויף זיי נאָך היינט און וואָס זיינען געמאַכט פון פייערשטיין־מעסערלאַך, באַווייזן, אַז מען האָט זיי באַאַרבעט אין פרישן צושטאַנד, באַלד נאָכדעם ווי די חיה איז דערהרגעט געוואָרן.

די ביינער, וואָס מיר נעמען איצט אַרויס פון דער ערד, אויך די אָפּ־פאַל־שטיקער פון גרעסערע ווילד־חיות, טויגן מער ניט דערצו, מען זאָל אויף זיי שטודירן די טעכניק פון דער אַלטשטיין־צייט. די קלייסובסטאַנץ פונם ביין איז פולקום אויסגעלויגט, דער ביין גופא איז געוואָרן האַרט און ברעקלדיג און לאָזט זיך מער ניט באַאַרבעטן. די פייל־שפּיצן אָבער, וואָס זיינען אויסגעשניטן געוואָרן פון פרישן ביין, ווען מען האָט זיי ריכטיג גע־שליידערט אָדער אַרויסגעשאָסן פון בויגן, האָבן געקאָנט טיף אַריינדרינגען אין פלייש פון דער געיאָגטער חיה.

חוץ ביינער און האָרן, איז אויך באַנוצט געוואָרן דער העלפאַנדביין פונם מאַמאָנט. די דאָזיגע חיה איז, משמעות, צום סוף פונם אייז־פּעריאָד גאַנץ זעלטן געוואָרן. אין דער עפּאָכע פון די פּראָדוקטיווסטע און פייהיגסטע ביין־שניץ־קינסטלער ווערן חפצים פון מאַמאָנט־העלפאַנדביין גאַנץ זעלטן. אין איינעם מיינע אויסגראָבונגען האָב איך אין אינעווייניגסטן און צום בעסטן גע־שיצטן טייל פונם ישוב געפונען האַלבע און גאַנצע שטויס־ציין גוט אָפּגע־היט. דערפון, ווי אַזוי אָט די געפינסן ליגן, מעג מען דרינגען, אַז מען האָט זיי געהיט מער ווי טראָפייען, איידער צוליב באַאַרבעטן. צו דער מסקנא קומט מען אויך, ווען מען זעהט, ווי אַזוי עס איז געלעגן ביי דעם קרבן־פּלאַץ, וואָס איך האָב אַנטדעקט, דער שטויס־צאָן פון אַ יונגען מאַמאָנט; מען האָט אים געהאַלטן צוזאַמען מיט אַלע ווערטפולע כהנים־אַטריבוטן. פון העל־פאַנדביין האָט מען געשניצט על פי רוב נאָר אַמולעטן, סקולפּטורן און גראַווירן, און זעלטן ווען אויך אַ נאָל אָדער אַ נאָדל.

בכדי צו דערהרגענען די חיה, וואָס איז געוואָרן אויפמערקזאַם און שרעקעדיג, האָט דער פּאַרהיסטאָרישער מענש געמוזט צוקלערן פאַרשיי־דענע קונצן, פּונקט ווי דאָס טוען היינט די ווילדע. דער אַלטער מיסיאָנער פּעטער קאָלב, וואָס איז געווען צווישן די האָטנטאָטן, דערציילט, אַז די דרום־אַפריקאַנישע שבטים כאַפּן העלפאַנדן און אַנדערע גרויסע חיות אין גריבער, וואָס זיי גראָבן אויס קונציג אויפן וועג, וואו דאָס געווילד גייט

צום טרינקען. אין מיטן פון אַזעלכע פאַנג־גריבער ווערט אַריינגעזעצט אַ צוגעשפּיצטער פלאָקן, און די גרוב ווערט דערנאָך קונציג פאַרדעקט מיט צווייגן. אין מערב־ און מזרח־אַוסטראַליע יאָגט מען אַריין קענגורוס און



טיפּן פון דער מדרגה פון סאָליטרע אין פראַנקרייך. 5 שטיק אין 1 ביז 3 זייטן — העלפט פון דער נאַטירליכער גרייס (לויט א. דע מאָרטיליע)

אַנדערע חיות אין גרויסע טיפע גריבער. אויף אַן ענליכן שטיינער האָט אויך
דער פאַרהיסטאָרישער מענש געפאַנגען גרויסע חיות אין גריבער.
אין דער סאָליטרע-צייט פלעגן די יעגער-מחנות פון דער לאָזשרי



טיפּן פון דער מדרגה לאַ מאַדלען אין פראַנקרייך —
העלפט פון דער נאַטירלעכער גרייס (לויט אַ. דע מאָרטיליע)

בשותּפות פֿאַרלייגן אַ גרויסן פּלאַץ מיט פֿאַנג־גריבער פֿאַר חיות. זיי פֿלעגן אין דעם קרייט־גרונט אויסגראָבן בּיז דרייסיג לעכער און האָבן פֿאַר־שטאַנען דאָס צו מאַכן אַזוי קונציג, אַז אַלע געיאָגטע חיות האָבן געמוזט בּרעכן דאָרט די פֿיס און מען האָט זיי געקאָנט גרינג כאַפּן.

אָט די פֿאַנג־גריבער, וואָס איך האָב אַנטדעקט אין יאָר 1907, האָבן נאָר דעמאָלט געטויגט צו זייער צוועק, ווען דאָס קליינע טאָלעכל, וואָס גרעַנעצט מיט דעם פּלאַץ, איז געווען פֿאַרשפּאַרט מיט בּוים־שטאַמען, און ווען



פֿאַנג־גריבער פֿון די האָטנטאָטן צו כאַפּן העלפֿאַנדן (לויט פּעטער קאָלב)

די יעגער האָבן אויפֿגעשראָקן דאָס געווילד, וואָס האָט זיך געפּאַשעט אויף דער הייכקייט הינטער די גריבער, און געטריבן זיי אַהין.

צוליב אַזעלכע געיעגן האָט זיכער שוין דער פֿאַרהיסטאָרישער מענש בּאַנוצט פֿייער. געווענדט אָן דער ריכטונג פֿונם ווינט, האָט דער יעגער געהאַט בּיד צו לאָזן אויסשפּרייטן זיך דאָס פֿייער אין דער ריכטונג, וואו עס זיינען געלעגן זיינע פֿאַנג־גריבער און אַנדערע אָפּגרונטן.

אויב די ווילדע פֿירן איצט אויס זייערע טענץ, אָנגעטאָן אין פֿעלן פֿון חיות און פֿעדערן, איז דאָס אַ דירעקטער אָנריינק אָן יענער נאָכמאַכונג פֿון די חיות, וואָס זיי האָבן דאָס פֿריהער אויסגענוצט ווי אַ מיטל צום געיעג. דאָס,

וואָס אין קאַרנעוואַל איז מען זיך נוהג צו פֿאַרקליידן זיך פֿאַר חיות, פֿאַר בערן, וועלף, לינדנווערים און פֿויגלען, איז אַ לעצטער רעשט, אַ לעצטער אָפּקלאַנג פֿון דער צייט פֿון פּשוטן, פּרעהיסטאָרישן געיעג.

פּונקט ווי עס שטייט געשילדערט אין גרעבענס „גווינעאישער רייזע־באַ־שרייבונג“ פֿון יאָר 1694, אַז „דער קיניג פֿון סיעראַ לעאָנע כאַפּט אַ סך העלפֿאַנדן, וואָס ער רינגלט זיי אַרום מיט זיין פֿאָלק, דערנאָך טרייבט ער זיי מיט גרויס געשריי אין אַ זומפּ אַריין און טויט זיי מיט פּיילן“, אַזוי האָבן



ווילדע פֿערד געיאָגט אין פֿאַנג־גריבער אַריין.

די יעגער פֿון דער סאָליטרע־צייט געטריבן די ווילדע פֿערד איבער בערג־שיפּועים און זיי געטויט.

גאָר אַלט איז, ווערליג דאָס איז צו זעהן פֿון בײן־גראַווירונגען, אויך דאָס געיעג אין פֿאַרקליידונג, וואָס עס פֿירן ביי היינטיגן טאָג נאָך אַ סך נאַ־טור־פֿעלקער. דער יעגער זוכט אָפּצונאַרן די חיה, וואָס מיט איר שטייגער לעבן און געוויינהייטן איז ער גוט באַקאַנט. לויט ווי קעטלין דערציילט, פֿלעגן די אינדיאַנער פֿון די מערבדיגע פּרעריעס אָפּטמאָלס אַזוי פֿירן דאָס געיעג אויף בופֿלאָקסן־טשערעדעס: זיי פֿלעגן זיך מאַסקירן פֿאַר ווייסע וועלף, זיך אַרויפֿציהען איבערן רוקן און קאָפּ אַ גאַנצע וואָלפֿישע פֿעל, צוקריכן אויף אַלע פֿיר אַזוי נאָהענט צו די בופֿלאָקסן, אַז זיי האָבן זיי געקאָנט טרעפֿן מיט אַ פֿייל. די דרום־אַפֿריקאַנישע בושמענער ווענדן אָן

דאָס פאַרקליידונגס־געיעג דער עיקר קעגן שטרויס־פויגלען. זיי ציהען אַראָפּ ביי אַ דערהרגעטן שטרויס די הויט מיט די פעדערן און שטאָפּן אויס דעם האַלז. אַט די באַפעדערטע הויט טוט דער יעגער אָן איבערן קאָפּ און רוקן, מיט איין האַנט האַלט ער דעם אויסגעשטאָפּטן לאַנגען האַלז מיטן קאָפּ און גייט זיך אַזוי פּאַוואָליע אַרום, אַראָפּלאָזנדיג און אויפהויבנדיג דעם פויגלס קאָפּ, אַזוי ווי די לעבעדיגע שטרויספויגלען זיינען זיך נוהג, בעת זיי זוכן זיך שפּייז. אין דער צווייטער האַנט האַלט ער אָבער צוגעגרייט אַ פייל און בויגן. און אַז ער גנבעט זיך אַזוי אונטער צום פויגל, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן פאַר אַ רויב, אויף אַ זיכערן שאָס־מהלך, שיסט ער אים מיט זיין

האָפּאָ, פאַנג־גרוב פון די קאַפערס (לויט ליווינגסטאָן)

פייל. די אַווסטראַליער מאַסקירן זיך אָפטמאָלס נאָר מיט אַ געדיכט באַבלעטערטן גרויסן צווייג.

פישפאַנג האָט געווים זינט גאָר פריה געבראַכט דעם מענשן שפּייז. היות ווי לכתחילה זיינען אַלע וואַסערן געווען אומגעהייער רייך מיט פיש, דעריבער איז ניט שווער געווען צו כאַפּן פיש. צוערשט האָט מען זיי געכאַפּט פשוט מיט די הענט, ווי עס טוען נאָך איצט קינדער אין די טייכן מיט פראָשווערימלאַך, יונגע העכטלאַך און פאָרעלן. פון די נעגערס ביים דיור (צפונית־מזרחית־אַפריקע) שילדערט שווינפורט אַזאַ מין פישפאַנג: „זיי צעטיילן אַ סך זומפקאַנאַלן דורך ראַמבעס אין אַלע ריכטונגען, אַזוי אַז עס באַקומען זיך איינציגע באַסיינען. פון דאָרט שעפּן זיי אַרויס דאָס וואַסער, ביז די פיש בלייבן ליגן אין גליטשיגן שלאַם האַלב אויף דער טריקעניש. איצט קאָנען זיי זיי גרינג כאַפּן מיט די הענט“. די אַווסטראַליער בויען

ביים ברעג רינג־פאָרמיגע מויערן פון צונויפגעקליבענע שטיינער. אַז עס קומט דער אויספלייץ, ווערן די פיש מיט די כוואַליעס אַריינגעטריבן צווישן אָט די מויערן אַריין. בעתן אָפפלייץ גייט דאָס וואַסער צוריק, אָבער די פיש בלייבן פאַרהאַלטן; דעמאָלט קאָן מען זיי כאַפּן מיט די הענט. שטאַרקע



פאַנג־גריבער פאַר חיות פון דער אַלטשטיין־צייט (לויט האַוזער)



פלאַץ פון די פאַנג־גריבער

געוויטער־רעגנס ווירקן ביי אונז אָפטמאָלס אויף די פיש, אַז זיי שווימען אַרויף אויפן וואַסער ווי באַטויבט, און מען קאָן זיי גרינג כאַפּן. פון דער אַנדער זייט, זיינען פאַראַן פיש־מינים, וואָס אין דער צייט פון רויגנ־וואַרפן, שפּאַרן זיי זיך מאַסנווייז אָן שטראָם אַרויף אַזוי, אַז מען קאָן ממש איבער זייערע רוקנס אַריבערגיין דעם טייך. אַזעלכע פיש זיינען, אַשטיי־

גער, די לאַקס: ביי די אַליאַסקאַ־עסקימאָסן איז, לויט ווי יאַקאָבסען דערציילט, פֿאַראַן אַ גלייכוואָרט: „ווען די לאַקס וואַרפֿן רויג, באַדאַרף מען קיין שיפֿל ניט אויף אַריבערצוגיין אַ טייך“.

גרעסערע פֿיש און אַזעלכע, וואָס פֿון ברעג אויס האָט מען צו זיי ניט געקאָנט דערלאַנגען, האָט דער פֿאַרהיסטאָרישער מענש מסתּמא דערהרגעט מיט אַ געוואָרפֿענעם שטעקן, למשל, ווי עס טוען נאָך היינט די ניאָל־ניאָל (אין צפֿונית־מערבֿית־אַוסטראַליע), וואָס דערהרגענען די פֿיש מיט אַ בומעראַנג. צו ביסלאַכוויז אָבער האָבן די פֿיש זיך גענומען שרעקן פֿאַרן מענשן, און דעריבער איז ער געווען געצוואונגען אויסצוקלערן באַזונדערע פֿאַנג־מעטאָדן. קודם כּל האָט ער מסתּמא פּשוט זיין געוויינליך געיעג־געווער אָנגעווענדט אויך קעגן אָט דעם רויב. אַ סך ווילדע פֿון אַלע ערד־טיילן כאַפּן נאָך ביי היינטיגן טאָג פֿיש מיט שפּיזן, מיט פֿייל און בויגן. אָבער זעהר גיך איז מסתּמא צו אָט די געוואַלד־מיטלען צוגעקומען דער ווענטקע־האָק, וואָס האָט דורך זיין פֿאָרם אָדער דורך דעם אַרויפֿגעשטאָכענעם פֿישל אָדער ווערימל באַדאַרפֿט פֿאַרנאַרן די פֿיש. ביי די איצטיגע נאַטור־פֿעלקער באַשטייען אָט די האָקנס על פּי רוב פֿון צוויי טיילן, דאָס הייסט, אַז אויף אַ שטעקעלע פֿון האָלץ, פֿערלמוטער אָדער ביין ווערט צוגעהעפֿט אַ שפּיץ פֿון ביין,

אַ בושמען פֿאַרקליידט פֿאַר אַ שטרויס־פֿויגל

פֿייערשטיין און כּרומה; עס זיינען אָבער אויך פֿאַראַן האָקנס געמאַכט פֿון איין שטיק (האָלץ אָדער ביין). פֿאַראַן אויך ווענטקעס, וואָס זיינען געמאַכט ווי אַ קליין הילצערן אָדער ביינערן שטעקעלע, פֿאַרשפּיצט אויף ביידע עקן און אין מיטן אַרומגעבונדן מיט דעם ווענטקע־שנירל. אַזעלכע זיינען מסתּמא געווען די ערשטע ווענטקע־האָקנס פֿון די פֿאַרהיסטאָרישע מענשן.

דער מענש איז מסתּמא שוין פֿריהצייטיג געוואָר געוואָרן, אַז אַ שפּיז־ אָדער פֿייל־שפּיץ, וואָס איז פֿילפֿאַכיג געציינדלט, איז בעסער צום געיעג, בפֿרט אויף גרעסערע פֿיש מחמת זייער פֿלינקייט און גליטשיגקייט, איידער

דער פּשוטער קאַרבּ־שפּיץ, וואָס פאַרמאָגט נאָר איין ווידערהאָק. כּמעט בּיי אַלע איצטיגע נאַטור־פעלקער זיינען דער פיש־שפּיז און דער פייל צום שיסן פיש געציינדלט. נאָך מער, אָפטמאָלס האָט אָט אַזאַ געווער עטליכע שפּיצן, אַשטייגער, ווי דער דריישפּיץ, נעפּטונס הערשאַפטס־סימבּאָל, וואָס מען קאָן אים אָנרופן דער קלאַסישער פיש־שפּיז און וואָס נאָך ער היום ווערט ער גענוצט אומעטום בּיים מיטללענדישן ים. אויך אין טאָל פון וועזער שטייט

נופּע־יעגער מאַסקירט פאַר אַ האָרן־ראָב

ניט איין פיש־שפּיז אין אַ בּאַהאַלטענעם ווינקל פון אַ מאָדערנער הייל־וואוינונג. און ווען די לופט איז ריין, ווערט ער מיט הצלחה בּאַנוצט.

וואָס פאַר אַ בּאַזונדער צוועק אָדער אפשר ריכטיגער, וואָס פאַר בּאַזונדער ווירקונג עס האָבּן די ווידערהאָקנס פון אַזעלכע פיילן און האַרפּונע־שפּיצן, וואָס זיינען טיילמאָלס געמאַכט נאָר פון איין זייט, דאָס האָט אונז ניט לאַנג בּאַוויזן דער דענישער עסקימאָסן־פאָרשער מאַרטען פּ. פּאָרסילד.

מיר מוזן צוערשט בקיצור אָנווייזן דערויף, אַז איינער פון די מערק־ווירדיגסטע פּאַראַלעלן צווישן דעם פּאַרהיסטאָרישן מענשן און צווישן דעם איצטיגן ווילדן איז דער פאַקט, וואָס די פאָרמען פון בּיינערן געווער, כּלים

און צירונג בּיי די מענשן פון דער מאַגדאַלען־צייט זיינען שטאַרק ענליך צו די זעלבּיגע חפצים בּיי די עסקימאָסן. אַ טייל פאָרשער האָבּן דערפון אַפילו געוואָלט דרינגען, אַז די איצטיגע עסקימאָסן זיינען די קינדס־קינדער פון יענע אייז־צייט־מענשן (פון דער ראַסע קראָ־מאַניאָן), וואָס זיינען נאָכגעגאַנגען דעם פּאָלאַר־הירש, וואָס ווייטער ער האָט אָפּגעטראָטן קיין צפון. אָבּער, ווי מיר האָבּן שוין דערמאָנט, קאָן אָט די באמת חידושדיגע ענליכקייט דערקלערט ווערן פשוט פון די גלייכע נאַטירליכע תנאים און פון דער גלייך הויכער קולטור־מדרגה.



פיש־מויער פון די אַוסטראַליער (לויט קלאַאטש)

די עסקימאָסן געבּרויכן, צווישן אַנדערע זאַכן, די גלייכע געציינדלטע פייל־ און שפּיז־שפּיצן, ווי די מענשן פון דער מאַגדאַלען־צייט. אָט דער שפּיץ, זאָגט פאָרסילד, הייסט בּיי די עסקימאָסן פון דעם דיסקאָ־אויסגוס „פאַנגאַליגטאָק", דאָס איז טייטש אַן ערך: „וואָס בּאַוועגט זיך אין שפּרינגען". איצטער ווערט ער מער ניט בּאַנוצט. „געווען איז ער אַ געווער פון די אַלטע אָדער שוואַכע יעגערס, וואָס האָבּן ניט געקאָנט שיסן אַ שניידנדיגן פייל מיט אַזאַ געשווינדקייט, ער זאָל פאַרוואונדן די חיה אויף טויט. אַז דער „פאַנגאַליגטאָק" האָט געטראָפן די חיה אין זייט, האָט דער שפּיץ, געטריבּן דורך די בּאַוועגונגען פון דער אַנט־לויפנדיגער חיה, אַווטאָמאַטיש זיך ווייטער אַריינגעשטאָכן טיפער פון איין ווידערהאָק צום צווייטן, בּיז די חיה איז צולעצט אַנידערגעפאַלן. דאָס



וועגטקעס פון די היינטיגע נאַטור־פעלקער

1 און 2. וועגטקע־האָקנס פון דרום־אָקעאַן (לויט היילבאָרן). 3. הילצערנע וועגטקע פון די קאַלעדאָניער. 4. ביינערנע וועגטקע פון די עסקימאָסן, אַליאַסקאַ. 5. הילצערנע וועגטקע פון צוויי טיילן, בריט. קאָלומביאַ. 6. וועגטקע פון ביין, צפונית־מערבית־אפריקע. 7. העל־פאַנדביין פון פשעדמאָסט. 8. וועגטקע פון הירשהאָרן, שווייצער פאַליעס־בנין. 9. האָק פון פייערשטיין, סקאַנדינאַוויע. 10. ביינערנע וועגטקע פון צוויי טיילן, רוסלאַנד. 11. וועגטקע פון שווייצער פאַליעס־בנין (לויט ע. קראַוזע)

קאָן מען צוגלייכן צו דער שפּיל פון פויערים־קינדער, וואָס וואַרפן אַריין אַ קאָרך אָדער גערשטן־זאַנג צו זיך אין אַרבל אַריין און דורך באַוועגונגען מאַכן זיי אַזוי, אַז זיי ציהען אים דערנאָך אַרויס ביים האַלז".

וועגן דעם, וואָס פאַר אַ חיות זיינען געווען בעת דער אייז־צייט, ווערן מיר געוואָר פון די רעשטן פון די מאָלצייטן, פון די נשארים פון דער־

הרגעטן און צעשניטענעם געווילד און פון די בילדער אויף די ווענט פון די היילן. די ביינער פון די פֿאַרגעשיכטליכע חיות, וואָס מיר געפינען אין די אָפּלעגערונגען פון די היילן, לאָזן אונז אָפּלערנען נאָך אַ זאַך. זיי זיינען ניט, אָדער על כל פּנים נאָר אין זעלטענע פֿאַלן, צעגריזעט פון ווילדע חיות. מיר מעגן משער זיין, אַז געפערליכע רויב־חיות האָבן אין די וואוין־היילן ניט געקאָנט זיך אַריינכאַפּן. מסתמא האָט אַ שטענדיג פייער אָפּגעטריבן די חיות און אָפּגעהיט דעם מענשליכן איינוואוינער פון דער הייל פֿאַר זייערע ביינאַכטיגע אָנפֿאַלן. הגם דער היילן־לייב און די היילן־היענע זיינען ניט געווען קיין זעלטענע חיות, נאָר מסתמא האָבן זיי זייער שפּייז געפונען מחוץ דעם איינגערן וואוין־קרייז פון די מענשן. דאָס, וואָס מיר געפינען ניט סימנים פון חיהשע גריזענדיגע ציין אויף די ביינער, באַווייזט אויך, אַז דעמאָלט איז נאָך קיין הויז־הונט ניט געווען, און מיר געפינען טאַקע פון אים ניט קיין שום רעשטן. פֿאַרקערט, די ביינער־רעשטן אין שפּעטערדיגע אָפּלעגערונגען, אין די ישובים פון דער נייע שטיין־צייט, און רוימישע אויסגראָבונגען, באַווייזן כמה סימנים, וואָס זאָגן עדות, אַז דאָ איז דער הויז־הונט שוין געווען.



פיילן פון עסקימאָסן מיט ביינערנע שפּיצן לויטן שטייגער פון דער מאַגדאַלען־צייט
(לויט פֿאָרסילד)

דערמיט קומען מיר אויך צו דער פֿראַגע מכח דער צוגעוויינונג פון די בעלי־חיים. בעת דער גאַנצער אייז־צייט זיינען נאָך קיין שטוב־בעלי־חיים ניט געווען. דער פּרימיטיווער מענש האָט נאָך ניט פֿאַרשטאַנען צוצוגעוויינען צו זיך די בעלי־חיים, און עס איז אַ גרויסער טעות, ווען מען טייטשט אויס געוויסע פּאַלעאָליטישע צייכענונגען אין דעם זין, אַזוי ווי דאָס וואָלט באַטייט אַ פערד מיט אַ צוים. אַזעלכע גראַווירן געהערן צום זעלבינן

מין, ווי די געצעלט־געמעלן פון פאָן־דע־גאָם, וואָס פון זיי האָב איך שוין פריהער גערעדט. די פּאַלעאָנטאָלאָגישע געפינסן פון אַלע מיינע אויסגראָב־סטאַנציעס האָבן קיין שום באַווייזן ניט געגעבן פאַר דער איינגעוויינונג פון וואָסערע עס איז חיות בעת דער אייז־צייט. דער יעגער פון דער אייז־צייט איז אין איינעם מיט זיין געווילד אַרומגעוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, ער האָט אומעטום געפונען זיך אַ מקום־מקלט, און אומעטום האָט ער אָנגעטראָפן, חוץ געווילד, פויגלען און פיש, אויך זאַפטיגע קרייטעכצער אויף די פרוכפּערינגע טייך־פליינען, וואָס האָבן אים געדינט פאַר שפּייז.



1 ביז 6. שפּיצן פון דער מאַגדאַלען־צייט (זאַמלונג האוזער). 7. ביינערנער שפּיץ פון די איצטיגע עסקימאָסן

פונקט ווי די העלדן פון האָמער האָבן ווען ניט ווען אין היץ פון קאַמף געכאַפּט זיך פאַרן „שפּיציגן שטיין פון פעלד״, אַזוי רינט נאָך ער היום דעם ווילדן — און געווים ניט נאָר דעם ווילדן — דער שטיין ווי אַ געווער און געציג. בעת די ענגלישע אַנטרעקער האָבן געוואָלט אַרויס אויפן ברעג אין טאַהיטי, האָט זיי באַגעגנט אַ האָגל פון שטיינער, וואָס איטליכער פון זיי האָט געוואויגן ביי צוויי פונט, און וואָס פון זיי זיינען אַ סך מאַטראָסן אויפן שיף פאַרוואונדעט געוואָרן. די ראָזיגע שטיינער זיינען געלעגן אויפן ברעג צונויפגעקליבן אין הויפנס, ווי האַרמאַטן־קוילן. דאָס נעמליכע האָט אויך געטראָפן מיט לאַ פערוזעס עקספּעדיציע אויף סאַמאָאַ. „ווען די בושמענער אַנטלויפן אין די בערג״, דערציילט שפּאַרמאַן, „קייקלען זיי אַראָפּ גרויסע שטיינער אויף דעם, וואָס שטעלט זיך איין זיי דאָרט נאָכצויאָגן״. אַפילו אין דער וועלט־מלחמה האָט מען אין די בערג נאָך וואו ניט וואו אָנגעווענדט אָט דעם קדמוניותדיגן קאַמף־מיטל, און די שרעקליכע האַנט־גראַנאַט איז נישט מער ווי אַן אוראייניקל פון יענע פיל הומאַנערע וואָרף־שטיינער. אין דער שלאַכט ביים מאָרגאַרטן דעם 15־טן נאָוועמבער 1315 האָבן די שווייצער געפּרובט זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן די עסטרייכער אונטער הערצאָג לעאָפּאָלד דורך אָט דעם פרימיטיוון

מיטל פון וואַרפן קלענערע און אַראָפּקייקלען גרעסערע שטיינער. עס האָט זיי אויך אָפּגעגאָלטן צו צעקלאַפּן די מאַסן שונאים, וואָס האָבן געקלעטערט אויף די בערג אַרויף; שטיקער פעלז און גאַנצע בוימער זיינען אַראָפּגעשליידערט געוואָרן מיט אַ גוואַלדיגן כח פון שפּיץ באַרג, און אַזוי אַרום איז די יונגע רעפּובליק געראַטעוועט געוואָרן פון אונטערגאַנג.

דאָס, וואָס די פּרעהיסטאָריע רופט אָן „עאָליט“ אָדער „אַרכעאָליט“, ווערט נאָך איצט גענוצט אין אַוסטראַליע, ווי אַ געצייג אַ כל־בו. די טאַסמאַניער האָבן, לויט ווי נעטלינג דערציילט, אָנגערופן אָט דאָס עלטסטע שטיינערנע געצייג, אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ פאָרם עס האָט געהאַט, „טעראָ־וואַטטאַ“, און דער פאָרשער באַטאָנט, אַז עס איז באַנוצט געוואָרן צוליב כלערליי צוועקן. אַ ספּעציאַליזירונג צוליב איין באַשטימטן צוועק איז ניט צו באַמערקן. אַ שטיין האָט געקאָנט ווערן באַנוצט און איז גענוצט געוואָרן צום שניידן, שאָבן, האַקן, קלאַפּן אָדער עקבערן, ווערליג מען האָט דאָס אין יעדער מאָמענט באַדאַרפט. דאָס „טעראָ־וואַטטאַ“ האָט די טאַסמאַניער געדינט בעצם אויף פאַרטיג צו מאַכן די הילצערנע וואָרף־שפּיזן און קורצע וואָרף־שטעקנס. ווייטער האָט עס געדינט ביים צעשניידן פלייש, אַראָפּציהען פעלן, שאָבן דעם רויט־שטיין (צו באַמאָלן דעם קערפער), איינהאַקן קאַרבן אין דער קאָרע פון בוימער, אָפּשערן די האָר פון פרויען און מאַכן די איינשניטן אויפן קערפער פון מאַנסבלען צוליב טאַטואירונג. געוויס האָבן די עאָליטן געשפּילט אַ גאַנץ ענליכע כל־בו־ראָלע אין לעבן פונם פאַרהיסטאָרישן מענשן.


שטיינערנע העק פון שווייצער פּאַליעס־בנינים (לויט ע. קראַוזע)

אָבער פונקט ווי יענער, איז אויך דער ווילדער ניט געבליבן שטיין ביי די פּשוטסטע שטיינערנע געצייג. פאַרקערט, עס לאָזט זיך ביי די איצטיגע נאַטור־פעלקער נאָכשפּירן דער אַנטוויקלונג פון שטיינערן געצייג ביז צו דער העכסטער שלמות — אַזוי אַז זיי גלייכן זיך אויס מיט פאַרשיידענע



שטיינערנע העק פון איצטיגע נאטור־פעלקער (לויט ע. קראוזע)

פּאָלירטע שטיין־געצייג פון דער נעאָליטישער צייט פון אייראָפּע. פּאַראַן נאָך ביי היינטיגן טאָג אַ סך נאַטור־פעלקער, ווי די אַוסטראַליער, פּאַפּואַסן, פייערלענדער, געוויסע אינדיאַנער־שבטים פון צענטראַל־בראַזיליע (באַקאַירי און נאָך אַנדערע), די עסקימאָסן אויף אַליאַסקאַ און נאָך, וואָס לעבן אין אַ מין שטיין־צייט.

זיי האָבן ביז ניט לאַנג ניט געהאַט קיין ידיעה פון מעטאַלן אָדער ריכטיגער, ווי אַזוי מען באַקומט אַרויס מעטאַל פון אַרץ. פון אָט די פּרימיטיווע לערנען מיר אָפּ אַ סך, ווי אַזוי פייערשטיין איז באַאַרבעט געוואָרן צו געצייג און כּלי־זיין.

די אַוסטראַליער מאַכן זייערע שטאַרק פּרימיטיווע מעסערס און שפּיצן פון שפּיזן אויף אַזאַ אופן. זיצנדיגערהייט שפּאַרן זיי אָן דאָס שטיק פייער־שטיין, וואָס זיי באַאַרבעטן, מיט די פיס אָן דער ערד און מיט דער הילף פון אַ צווייטן שטיין שפּאַלטן זיי אַראָפּ פון אים שפּענער. קלאַפּן מוז מען עטליכע מאָל, דערביי בייט זיך אַ ביסל די ריכטונג פונם קלאַפּ איטליכס מאָל, און מען קלאַפּט מיט איינגעהאַלטענער קראַפט. אויף דעם אופן שפּרינגען אָפּ שטיינערנע שפּליטערס פון פאַרשיידענער לייגג, אַלע זיינען זיי האַרשאַרף און כּמעט אַלע אַ ביסל פאַרקיילאַכיגט.

די פייערלענדער און עסקימאָסן ווענדן אָן אַן אַנדער מעטאָדע אויף צו „רעטושירן" די שפּיצן פון די פיילן און שפּיזן. צוערשט האַקן זיי אַרום דעם פייערשטיין ביז ער באַקומט די נויטיגע פאָרם; דערנאָך קוועטשן זיי אַראָפּ דורך אַ שטיק ביין זעהר דינע שפּענדלאַך, און דורך דעם קומען אַרויס זעהר שיינע און שאַרפע שפּיצן. געווים זיינען אויך די פיינע קאַרבשפּיצן פון דער סאָליטרע־תקופה, און אַ סך אַנדערע געצייג פון פייערשטיין צום סוף פון דער אַלטשטיין־צייט געמאַכט געוואָרן אויפן זעלביגן שטייגער.

אָנשטאָט דעם פייערשטיין באַנוצן די ווילדע ערטערווייז אויך האַרט־שטיין, אָבסידיאַן, לאַווע און איצטער נאָך גלאָז, וואָס לאָזט זיך גרינג באַאַרבעטן (אַזוי די פייערלענדער); אין לעצטן פאַל שטעלן זיי צו דעם רוי־מאַטעריאַל צעבראָכענע פלעשער פון אייראָפּייאישע שיפן. צושלייפן און פּאָלירן גרעסער שטיין־געצייג ווערט אומעטום געטאָן מיט דער הילף פון זאַמד און וואַסער.

מיט שטיינערנע העק, וואָס זיינען שטאַרק ענליך לויט דער פאָרם און לויט דעם, ווי זיי זיינען באַפעסטיגט צו הילצערנע הענטלאַך, צו די העק פון דער נעאָליטישער אייראָפּע, וואַרפן נאָך ביי היינטיגן טאָג די פּאַפּואַסן פון ניי־גווינעאַ און פונם ביסמאַרק־אַרכיפּעלאַג די ביימער צום בויען

הייזער און שיפלאַך, און אויפן זעלביגן שטייגער הוילן זיי אויס בוים־שטאַמען צו שיפלאַך.

אַן ערך דאָס זעלביגע געצייג, וואָס עס באַנוצן די איצטיגע ווילדע, וואָס לעבן אין אַן „עטנאָלאָגישער שטיין־צייט", האָבן אויך מסתמא פאַרמאָגט די מענשן פון דער אייראָפּייאישער אייז־צייט. פּאַרקינסאָן באַשרייבט געצייג פון אַ פּאַפּואַס אין נײַ־מעקלענבורג, וואָס האָט אויסגעאַרבעט קינסטלעריש פּולקומענע, מיט געשמאַק באַמאָלטע האָלץ־שניצערייען: „חוץ אַ שטיי־נערנער האַק, פאַרמאָגט דער ווילדער נאָר ווינציג געצייג. ביי די שניצע־רייען רינט די האַק קודם כל אַרומצוטעשען דאָס שטיק האָלץ, די ווייטער־



1 ביז 8. נאָלן און נאָדלען פון עסקימאָסן.
9 ביז 12. נאָלן און נאָדלען פון דער מאַגדאַלען־צייט

דיגע אַרבעטן ווערן דערנאָך אויסגעפירט מיט שאַרף געשליפענע מייער־קעפּלאַך־שאָלאַכצן. אַ צוגעשפּיצטער ביין איז אַ נאָל און עקבער. צום גלאַט מאַכן באַנוצט מען געוויסע מינים קאָראַלן און די שאָרסטקע הויט פון אַ הייפיש. דער שאַרפער פאָרערשטער צאָן פון אַ בייטל־חיה רינט אויף צו שניידן דינע געצײַנדלטע רעדלאַך אויף שילדן". אַזוי האָט בלי ספק אויך דער מענש ביים סוף פון דער אייז־צייט געאַרבעט מיט נאָלן פון ביין, שפּיציגע ציין פון חיות און כרומה אין האָלץ און ביין.

חוץ שטיין, האָט אויך האָלץ פון אָנהויב אָן געדינט פאַר געצייג און מאַטעריאַל. פּונקט ווי די איצטיגע נאַטור־פעלקער, אַזוי האָט בלי ספק אויך דער פאַרהיסטאָרישער מענש לכתחילה געהאַט הילצערן געווער. דאָס באַווייזן

דרום־אַמעריקאַנישער אינדיאַנער אַרבעט מיט אַ הובל פון אַ שאַרבן פון אַ חיה
(לויט סערוואַ)



1 2 3

1 און 2. שנייד־ציין פון אַ פערד און פון אַ בער ווי אַ הובל (לויט פייפער).
3. הובל פון די שנייד־ציין פון אַ נאַגער (בראַזיליע)

רייטליך געגנוג די שטיינערנע שפּיז־ און פּייל־שפּיצן, וואָס האָבן געמוזט זיין צוגעפּעסטיגט צו אַ הילצערן הענטל. ער האָט זיכער, פּונקט ווי אַ סך היינטיגע ווילדע, באַנוצט אַ הילצערנע בולעווע, וואָס איז צוערשט באַשטאַנען מסתמא נאָר פון אַ צווייג אָדער וואָרצל־שטיק מיט אַ פאַרדיקטן קאָפּ; אַזעלכע גראָבע פאָרמען פון בולעוועס באַגעגענען מיר אונטערן נאָמען „קירריי" בײַ די הערעראָס און אַנדערע דרום־אַפריקאַנישע נעגערס. נאָך אין יאָר 1830 האָט ביטשי ביים אַראָפּגיין אויפן ברעג אין פּאַומאָטו (פּאָלינעזיע) געזעהן, ווי די ווילדע האָבן פּשוט אָפּגעבראָכן זיך שטעקנס פון די בוימער. „ס'איז געוואָרן אַ שטאַרקע באַוועגונג צווישן די בוימער", שילדערט ער, „עס האָט אויסגעוויזן, אַז אַלע האָבן זיך באַוואָפנט, און אַ סך, וואָס האָבן געהאַט לאַנגע צווייגן, האָבן זיי צעבראָכן אויף דער העלפט, בכדי צו געבן יענע, וואָס האָבן קיין שטעקן ניט געהאַט". בײַ די פּאַפּואַסן פון דרום־ים און בײַ טייל דרום־אַמעריקאַנישע ווילדע איז די הילצערנע בולעווע אַ הויפּט־געווער; זי איז דאָ על פּי רוב זעהר געשיקט אויסבאַלאַנסירט און אָפּטמאָלס רייך מיט שניצערייען פאַרפּוצט.



פייערשטיין־מעסערס בײַ די עסקימאָסן (לויט פאָרסילד).

1 ביז 4. מעסערס פון מאַנסבלען.
5 ביז 7. מעסערס פון ווייבער.

בײַ די אַווסטראַליער געפינען מיר ווי דאָס וויכטיגסטע כּלי־זיין דעם „בומעראַנג", דאָס איז אַ הילצערנע וואָרף־בולעווע, וואָס איז אַזוי אייגנאַרטיג אויסגעבויגן, אַז ווען זי בלייבט ניט שטעקן אין ציל, קערט זי זיך אום אין אַ גרינגער שרויף־אַרטיגער דרייאונג צוריק צו יענעם, וואָס האָט זי געוואָרפן. דער זאָאָלאָג מעלכערס האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, אַז דער פּראָטאָטיפּ פון אַזאַ בולעווע איז אפשר געווען דער אונטערשטער קינבאַק פון אַ גרעסערער חיה. עס איז זעהר מערק־

ווירדיג, וואָס דער בומעראַנג געפינט זיך אין דער עלטסטער קולטור פון דער מענשהייט. מעגליך, אַז די מענשן פון דער אַלטשטיין־צייט האָבן דעם בומעראַנג נאָך ניט געקענט. אָבער די געפינסן פון דער נייערער שטיין־



אויסטראַליער מיט אַ בומעראַנג

צייט אין דענעמאַרק (אַן ערך 6000 פאַר קר.) באַווייזן שוין די ראָזיגע וואָרף־בולעווע, און גיכער פון אלץ איז דער „מיעלניר", דער האַמער פונם גאָט טאָר, וואָס האָט געהאַט די טבע זיך אומצוקערן, ווען מען האָט אים געוואָרפן, געווען אַזאַ בומעראַנג.

אין ערשטן באַנד פון זיין ווערק די „אָבות" לאָזט גוסטאַוו פרייטאַג זיין העלר איינגאָ באַווייזן די קונסט צו באַגיין זיך מיטן בומעראַנג. „מיט אַ קורצן שטופּ פון זיין האַנט האָט ער אַ שליידער געטאָן די בולעווע, זי האָט אַ פליה געגעבן אין געדרייטן בויגן דורך דער לופט. און אַז אַלע האָבן געמיינט, אַז איז זי שוין אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, האָט זי זיך אומגעקערט, ווי פון אַ שנור געצויגן, צוריק צום וואַרפער, ער האָט זי אונטערגעכאַפּט אין דער לופט פאַרן הענטל און האָט זי ווידער גע־וואָרפן אַהין און אַהער, אַלץ גיכער און גיכער, און שטענדיג האָט זי זיך אומגעקערט צוריק אין זיין האַנט אַריין". דאָס איז ניט אַ „פּאָעטישע פרייהייט" מצד פרייטאַגן, דער בומעראַנג איז מיט אַן אמת געווען אַ געווער פון די גערמאַנען, און די שכנישע פעלקער האָבן עס טאַקע אָנ־גערופן „טעווטאָנאַ", אַזוי רעדט איין מאָל ווירגיליוס אין דער ענעאידע (741, VII) וועגן בולעווס, וואָס זיינען געוואָרפן געוואָרן „לויטן טעווטאָנישן שטייגער".

חוץ דער בולעווע, וואָס איז בעצם אַ געווער פונם נאָהענט־קאַמף, געפינט מען ביי די ווילדע ווי אַ הויפּט־געווער פאַר קריג און געיעג דעם הילצערנעם שפּיז. ער איז בלי ספק אויך דעם פאַרהיסטאָרישן מענטשן געווען באַקאַנט; וואָרום אין תוך איז ער נישט אַנדערש ווי אַ לאַנגער, פאַרשפּיצטער צווייג אָדער שטעקן. אַזעלכע פּשוטע הילצערנע שפּיזן, וואָס זיינען פון איין עק פאַרשפּיצט און דערצו נאָך אין פייער באַזונדערס געהאַרטעוועט, אָפּטמאָלס פון צוויי ביז דריי מעטער די לייגנ, האָבן די אַוסטראַליער, די פּאַפּואַסן, אַ סך דרום־אַמעריקאַנישע אינדיאַנער־שבטים און אַ סך נעגער־פעלקער. טייל מאַלאַישע פעלקער באַנוצן פאַר מאַטעריאַל באַמבוק; פאַרוואונדונגען פון אַזעלכע שפּיזן האַלט מען פאַר זעהר געפערליך. וועגן די שפּיזן פון די פּאַפּואַסן אויף ניי־פּאָמערן זאָגט פאַרקינסאָן, אַז ביי דער געשיקטקייט פון די ווילדע זיינען זיי זעהר גע־פערליכע כלי־זיין; ער האָט געזעהן, ווי אויף פערציג מעטער ווייט האָט מען מיט זיי אָנגעמאַכט לעבנס־געפערליכע וואונדן.

אין גיכן האָט מען די ווירקונג פון שפּיז־שטאָך פאַרשטאַרקט דורך דעם, וואָס מען האָט צום שפּיץ צוגעהעפט אַ ווידערהאָק. מען האָט אין האָלץ אונטער דעם שפּיץ געמאַכט עטליכע קאַרבן אָדער מען האָט אים אַרומגעזעצט מיט נאַטירליכע ווידערהאָקנס, מיט דערנער, שטעכלקעס פון בעלי־חיים, ציין אָדער שפּיציגע ביינער. אין אויסקלערן אַלץ געפער־ליכערע ווידערהאָקנס האָט די מענשליכע פאַנטאַזיע ממש קיין גרענעצן ניט געוואוסט. אַ קליינער שפּיז איז אויך דער פייל, און בנוגע אים איז גילטיג אַלץ, וואָס איז געזאָגט וועגן ערשטן.



שפּיזן פון די איינוואוינער פון די שלמה־אינזלען

אַ ווייטערדיגער שריט פאָראויס אין דער אַנטוויקלונג פון פייל און שפּיז ליגט דערין, וואָס מען טוט אַרויף אויפן הילצערנעם הענטל אַ שפּיץ פון אַ האַרטערן מאַטעריאַל: דער עיקר איז דאָס שטיינערנע מעסער, דער שטיינערנער קינזשאַל. פּאַוואָליע נעמען זיי אָן, ווי שפּיצן פון שפּיזן און פיילן, אַלץ מער איינגנטימליכע און צוועקמאָסיגע פאָרמען. די פייער־לענדער פלעגן נאָך אין קוקס צייטן ערשט איטליכס מאָל ביים באַנוצן



שטיינערנע שפּיזן־שפּיצן (אָבסידיאַן) פון די איצטיגע איינוואוינער פון די אַדמיראַליטעטס־אינזלען (לויט פּאַרקינסאָן)

אַרויפשטעקן די שפּיצן, אָבער ביים רוב אַנדערע ווילדע זיינען די שפּיצן פון די פיילן און שפּיזן פעסט אַריינגעקלאַפּט אין די הענטלאַך און דערצו נאָך באַפעסטיגט דורך אַרומוויקלען אָדער איינקיטן. ביי די איינוואוינער פון די אַדמיראַליטעטס־אינזלען (פּאָלינעזיע) זיינען די שפּיז־שאַרפן, וואָס זיינען אויסגעהאַקט פון אָבסידיאַן, טיילמאָלס לאַנג ווי אַ האַנט און ביז דריי פינגער ברייט. דערפון מעג מען משער זיין, אַז אין דער אַלטשטיין־צייט האָבן אויך גרעסערע מעסערס געקאָנט אַמאָל רינגען ווי שאַרפן פון

שפּיזן. אָנשטאָט די שטיינערנע שפּיצן טרעפן מיר בײַ אַ סך נידעריג שטייענדיגע ווילדע און בײַ די פעלקער פון די צפון־לענדער אויך שפּיצן פון ביין, ציין פון חיות, מייערקעפּלאַך און האָרן. דער פּאַרהיסטאָרישער מענש האָט מסתמא אויך געוואוסט פון אַזאַ געווער.

בײַ דער געלעגנהייט וויל איך באַרירן בקיצור די פראַגע וועגן בויגן בײַם מענשן פון דער אַלטשטיין־צייט. הגם ביזן היינטיגן טאָג האָט מען



אווסטראַליער מיט אַ פייל־שליידער

אין די קולטור־שיכטן פון דער אייז־צייט ניט געפונען נאָך קיין שום אַזעלכע רעשטן, וואָס מען זאָל דערקענען, אַז זיי שטאַמען פון אַ בויגן, פונדעסטוועגן מעג מען אפשר משער זיין, אַז לכל הפּחות די מענשהייט פון דער יינגערער אייז־צייט האָט דעם בויגן שוין געהאַט, פּונקט ווי איצט פאַרמאָגן אים אַלע ווילדע, חוץ גאָר קליינע אויסנאַמען. דער מענש האָט שוין געווים זיך דערוואוסט, אַז האָלץ איז עלאַסטיש, און פון אָט דער איינזעהעניש איז שוין ניט קיין ווייטער מהלך ביז צו דער ערפינדונג פון בויגן־שנור, וואָס מאַכט ערשט דאָס בויגעווריגע האָלץ צו אַ בויגן.

ניט לאַנג האָבן די קאַטוילישע גײַסטליכע בריי און אָבערמייער פּאַר־עפנטליכט וואַנט־בילדער פון דער הייל פון אַלפּעראַ (דרומית־מערבית־שפּאַניע), וואָס שטעלן פאָר, ווי יעגערס צילעווען זיך מיט פייל און בויגן אויף הירשן. די געציג, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין אָט דער הייל, געהערן צו דער סאָליטרע־ און מאַגדאַלען־תקופה. דאָס שטיינערנע און

פייל־שליידער פון דער מאגדאלען־צייט

ביינערנע געציג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט די קולטור־תקופות פון סוף אייז־צייט (קאַרב־שפּיצן, שפּיז־שפּיצן, האַרפּונעס), פּאַסן, הייסט דאָס, גאַנץ גוט צום פייל און בויגן פון די יעגערס. אָבער דער בויגן גופא איז ניט מער דער פּשוטער בויגן פונם רוב היינטצייטיגע ווילדע, וואָס איז געמאַכט פון איין איינגעבויגענעם שטיק האָלץ, נייערט — ווי דאָס האָט צוערשט אָנגעוויזן היילבאָרן — אַן אַזוי אָנגערופענער „צו־זאַמענגעזעצטער" בויגן, וואָס איז, ווערליג די עטנאָלאָגיע לערנט אונז, שטענדיג אַ פּראָדוקט פון אַ זעהר הויך אַנטוויקלטער כלי־זיין־טעכניק.

לושאַן מיינט, אַז דער ראָזיגער צוזאַמענגעזעצטער בויגן איז אַן אַלטער קנין פון דער אַזיאַטישער קולטור, אפשר האָבן אים די סומערער געשאַפן: עס האָבן אים געהאַט די בבלים, אשורים, עגיפּטער, פּערסער און גריכן. צווישן די היינטיגע נאַטור־פעלקער געפינען מיר אים נאָר ביי אייניגע צפון־אַמעריקאַנישע אינדיאַנער־שבטים פון די פּרעריעס (למשל, ביי די דאַקאָטאַ), ווייטער ביי די פעלקער פון צענטראַל־סודאַן און צפון־אַפריקע, וואו עס האָט געהאַט אַ השפּעה די אַראַביש־מאַורישע קולטור. „דעריבער דאַרף מען שטאַרק מסופק זיין, צי אָט די צוזאַמענגעזעצטע בויגנס פון די אַלטשטיין־צייט־מענשן פון אַלפּעראַ און אויך די יעגערס גופא, וואָס אין זייער גאַנצן הילוך און אין כמה פרטים לאָזן זיי מערקן עפּעס אַפריקאַנישס, צי זיי געהערן טאַקע אין דער אייז־צייט אַריין" (היילבאָרן).

אויף צו שיקן דעם פייל האָט מען לחלוטין ניט שטענדיג נויטיג אַ בויגן. פּונקט ווי מען וואַרפט אַ שפּיז — און מען דאַרף נאָך אַמאָל באַטאָנען, אַז צווישן שפּיז און פייל איז אין תוך אַריין פאַראַן אַן אונטערשייד נאָר אין דער לייגנג — אַזוי ווערט אויך ערטערווייז נאָך דער קירצערער פייל פּשוט געוואָרפן. אויף צו פאַרשטאַרקן דעם כח פונם וואָרף, האָט דעם מענשנס חריפות צוגעקלערט אין פאַרשיידענע ערטער און אין פאַרשיידענע צייטן אַ באַזונדער געצייג, וואָס דאַרף ווירקן, ווי אַ הובל: דאָס וואָרף־האָלץ אָדער דעם פייל־שליידער; אפשר נעמט זיך די ראָזיגע ערפינדונג, לויט ווי לושאַן מיינט, פון דער באַאָבאַכטונג, וואָס מיר מאַכן כסדר ביים קינדערשפּיל, אַז ווען מען שטעקט אַרויף אַן עפּל אויף אַ שטעקן, קאָן מען דערמיט דעם עפּל ווייטער אַוועקשליידערן, איידער מיט דער האַנט. אַזעלכע פייל־שליידערס זיינען צווישן די ווילדע היפּש פאַרשפּרייט. אין צענטראַל־בראַזיליע, ביי די אינדיאַנער פונם געביט שינגו־וואועל, באַשטייט זי פון אַ גלאַטן, רינעם שטעקן אַן ערך זיבעציג סאַנטימעטער, וואָס ביי איין עק פאַרברייטערט ער זיך צו אַ הענטל מיט אַ לאָך און ביים צווייטן עק האָט ער אַ צוגעבונדענעם אָדער אָנגעשניצטן האָק. דער פייל ווערט פון הינטן צוגערוקט צום האָק און דער טייט־פינגער פון דער רעכטער האַנט ווערט אַריינגעשטעקט אין לאָך פון הענטל, בעת די איבעריגע פינגער נעמען פעסט אַרום דעם פייל און דעם שטעקן. אין דער לאַנגע ווערט געמאַכט די שליידער־באַוועגונג. ענליך איז אויך געבויט דאָס אַוסטראַלישע שליידערהאָלץ. אַן אַנדער פאָרם פון וואָרף־האָלץ איז אַ ברעטל אַן ערך אַ האַנט די ברייט, אין מיטן אויסגעהוילט ווי אַ מולטערל, וואָס ביי ביידע עקן פאַרשמעלערט עס זיך. ביי די פּאַפּואַסן פון ניי־גווינעאַ איז די שפּיזשליידער אָפטמאָלס געמאַכט פון אַ שטיק באַמבוק־ראָר, וואָס איז אויף

דער העלפט געשפּאַלטן; בײַ אײן עק האָט זי אָנשטאָט דעם האָק פון די אויבן באַשריבענע שלײַדערס אַ פּאַרטיפונג אויף אַרײַנצושטעקן דעם שפּיז, בײַם אַנדער עק װערט צוגעהעפט אַ קװער־שטאַנג, װאָס דינט פאַר אַ הענטל. בײַ די פּאָלאַר־פעלקער באַשטײט די שלײַדער, װאָס דינט דער עיקר צום װאַרפן האַרפּונעס, פון אַ שמאָלער ברעט, אַ האַלב מעטער די לײַנג, מיט אַ רינװע; אײן עק ברעט האָט אַ צאַפּן, װאָס דערױף שפּאַרט זיך אָן דאָס שפּיז־הענטל, און דער אַנדער עק האָט לעבער פאַר די פינגער, אַרױסשטאַרצנדיגע צאַפּנס אָדער אַ לאָך, װאו



שלײַדער־העלצער פון דרום־אַמעריקאַנישע אינדיאַנער (לױט אוהלע)



שלײַדער־העלצער פון די עסקימאָסן אױף אַליאַסקאַ (עטנאָגראַפישער מוזײ אין בערלין)

דער טײַט־פינגער קאָן דורכנעמען. אויך די אַלט־אַמעריקאַנישע פעלקער (מעקסיקאָ, קאָלומביאַ) האָבן געװאוסט פון אַזױנע שלײַדער־העלצער.

אַזעלכע פײַל־שלײַדערס האָט מען עטליכע מאָל געפונען אויך אין דער מאַגדאַלען־שיכט. װעגן דער ערשטער האָבן באַקאַנט געמאַכט לאַרטע און קריסטי פון דער פּאָלאַר־הירש־הײל פון לאַ מאַדלען (דאָרדאָן) גופא. זי איז אויסגעשניצט פון אַ האָרן פון אַ פּאָלאַר־הירש, אויף איר איז נאָך דײַטליך קענטיג דער האָק צום אַרױפלײגן די פײַל, און זי איז אויסגעפּוצט מיט סקולפּטורן פון בעלי־חיים. אַ גרעסערע צאָל פון אַזעלכע שפּיז־ און פײַל־שלײַדערס האָט מען שפּעטער געפונען אין די הײלן פון בראַסאַנפּוי, פון גורדאָן און מאַ־ד׳אַזיל. אַלע האָבן זײ רײַך שניצװאַרג,

בילדער פון ווילדע פערד, אָקסן אָדער שטיינבעק; אָפטמאָלס זיינען דער־
ביי די הערנער אָדער דאָס לאַנגע האַלז־האָר אַזוי געשניצט געוואָרן,
אַז זיי האָבן געבילדעט דעם ווידערהאָק פאַרן פייל־ אָדער שפּיז־הענטל.

די שטיקער פייערשטיין האָבן אין די וואוין־ערטער דורכגעמאַכט זייער
ערשטע באַאַרבעטונג. אַ היפּשער קיזל־שטיין פון טייך האָט געדינט אָנ־



עסקימאָסן פון בערינג־דורכגוס מיט אַ פייל־שליידער (לויט נעלסאָן)



1 ביז 3. האַרפּונע פון די נעגערס. 4 און 5. האַרפּונע פון די עסקימאָסן מיט אַ שפּיץ פון שטיין (4 מיט אַ וואָרף־ברעט) (לויט פּאָרסילד)

שטאָט אַ האַמער אויף אָפּצוהאַקן פון שטיין אַ געוויסע צאָל שאַרפן און
שפּענער. ביי אַ געוויסער געשיקטקייט האָט מען געקאָנט כמעט אויס־
רעכענען, ווי גרויס מען וויל דער שפּאָן זאָל זיין. שווין זשיראָ באַשרייבט
אין זיין ווערק L'âge du renne („די צייט פון פּאָלאַר־הירש“) אַזעלכע
וואַרשטאַטן. אויף אַ באַשטימט אָרט האָט ער געפונען צוויי אַרבעטס־
פּלעצער, אַזעלכע, וואָס איינער פון זיי האָט געהאַט אַן ערך אַ מעטער אין

דורכמאָס. מען האָט געבראַכט צו שלעפּן צוויי גרויסע פלאַכע שטיינער, וואָס אויף זיי האָבן די אַרבעטער פון דער אַלטשטיין־צייט געקאָנט זיצן. אַרום זיי זיינען געפלויגן און געפאַלן שפּליטערס און שפּענער פון די

פייל־שליידער פון דער מאַגדאַלען־צייט

מאַטעריאַלן, וואָס ליגן גרייט צום באַאַרבעטן. האָט מען שוין די שטיין־קלומפּעס ניט געקאָנט מער צעשפּאַלטן אין דינע שאַרפן, האָט מען זיי געלאָזט וואַלגערן זיך. אין טייל פאַלן האָט מען אָט די יאָרער־שטיקער אויך באַנוצט ווי הובלען, ווי שטויס־קראַצערס; אין דעם פאַל זיינען קענטיג סימנים פון אָפּנוצונג, וואָס דערפון מעג מען דרינגען, אַז די שטיין־יאָרער איז באַנוצט געוואָרן ווי אַ געצייג פאַר זיך.



1 און 2. פייל־שטרעקער פון דער הייל פון גאָיע אין פראַנקרייך (לויט ע. קראַוזע). 3 און 4. פייל־שטרעקער פון די עסקימאָסן (לויט נעלסאָן)

זשיראָ האָט אין איין אָרט אויסגעציילט די שפּליטערס און האָט איינגעפונען, אַז פון אַ קוביק־רעצימעטער אָפּפאַלן גייען אַרויס אַן ערך 35 שטיק אַזעלכע. דער אַרבעטס־פּלאַץ, וואָס ער האָט אויפגערעקט, האָט געהאַט פופצען טויזנט אָפּפאַל־שטיקער. אַ געוויסע צאָל פון די שפּליטערס האָט ניט געקאָנט אויסגענוצט ווערן, מחמת זייער געבויגענער פאָרם, אָדער ווייל די פלאַכן זייערע זיינען ניט גלייך אָדער איבער אַנדערע סיבות.

נאָר די בעסטע שפּענער זיינען אויסגענוצט געוואָרן צו מאַכן פון זיי געהעריג געצייג. רוי־מאַטעריאַל איז געווען אַזוי פיל, אַז מען האָט ניט געדאַרפט זשאַלעווען, און ס'האָט קיין באַטרעף ניט געהאַט, ווען מען האָט צוואַנציג און מער שפּענער געלאָזט ליגן, ווייל זיי טויגן ניט, איידער

אַן אורמענש באַאַרבעט פייערשטיין
(לויט פייפער)

מען האָט געקראָגן אַ גוטן שפּאָן, וואָס פון אים האָט זיך געלאָזט מאַכן אַ כּלי. פון מיינע אייגענע געפינסן ווייזט אויס, אַז דער היילן־מענש פלעגט זיך אָנקלייבן אַ גרויסע צאָל שפּליטערס, וואָס זיינען גרייט צום געברויך, און איטליכס מאָל, ווען ער האָט באַ־דאַרפט, האָט ער זיי צוגעפּאַסט און באַאַרבעט ווייטער.

אָט דער צווייטער פּראָצעס אין אויסאַרבעטן אַ פּרימיטיוון פייער־שטיין־אינסטרומענט האָט גע־קאָנט דורכגעמאַכט ווערן דורך קלאַפּן אָדער דריקן. דער שאַרפער קאַנט פון אַ שפּאָן איז צו ביסלאַכוויז אָפּגעקלאַפּט געוואָרן, און אַזוי אַרום האָט מען אים רעטושירט אָדער אָנגעשליפן.

די עסקימאָסן באַנוצן אַ ספּעציעלן אינסטרומענט מיט אַ הענטל, וואָס דערמיט רייבן זיי אַראָפּ דורך אויפ־דריקן קליינע אומגלייכקייטן. אַזוי אַרום אַרבעטן זיי זיך אויס שאַרף געצייג פון שטיין אין גאַנצן לויט דער פּאַלעאָלי־טישער געצייג־טעכניק.

פון דער אָריניאַק־צייט שטאַמט אַן אייגנאַרטיגער שפּיז־שפּיץ — דאָס איז אַ פאַרשפּיצטער ביין, וואָס איז געשפּאָלטן ביי זיין באָזיס. ס'איז ניט אַנדערש, אַז אָט די שפּאַלטונג האָט געדינט, אין איר אַריינצוזעצן אַ שטעקן אויף אַ הענטל. דער אופן, ווי אַזוי די שפּאַלטונג פונם באָזיס איז אויסגעפירט געוואָרן פּאַראַלעל



אינסטרומענט צו באַאַרבעטן פייערשטיין דורך דרוק, ביי די עסקימאָסן (לויט ע. קראַוזע)

צו בּיידע זייטן, איז אַ ראיה דערפאַר, אַז דער שטעקן איז אין דעם עק, וואָס האָט געדאַרפט אַרויפנעמען אויף זיך דעם שפּיץ, געווען געמאַכט ווי אַ קלינע. זעהר טיף האָט מען דעם שטעקן אין שפּיץ ניט געטאָרט אַריינשטעקן, דער ווידערשטאַנד פון כּלי־זיין איז ניט געווען גרויס, און דער שפּיז האָט גרינג געקאָנט זיך צעבּרעכן. דעריבּער טאַקע האָט די ראָזיגע ערפינדונג פון דער אָריניאַק־צייט ניט לאַנג געהאַלטן. דער אינסטרומענט איז בּאַלד פאַרשוואונדן, און די שפּעטערדיגע פעלקער האָבּן זיך בּאַנוצט דערמיט, וואָס זיי האָבּן דעם בּאַזיס פון בּיין־שפּיץ פאַרשרעגט אויף איין זייט. אַזוי איז אַרויסגעקומען דער „סאַגאַי"־שפּיזן־שפּיץ. דאָס ראָזיגע געווער האָט בּעסער געדינט און געפינט זיך אין דער סאָליטרע־ און מאַגדאַלען־צייט שטענדיג צווישן די כלים פון פּאַלעאָליטישן יעגער.



1. קינזשאַל פון אַ געשניצטן בּיין פון דער מאַגדאַלען־צייט (לויט לאַרטע און קריסטי). 2 און 3. בּיינערנער קינזשאַל פון די איצטיגע פּאַפּואַסן

צו די מאַסיווע בּיינערנע כּלי־זיין פון דער אַלטשטיין־צייט דאַרף מען צורעכענען נאָך די פאַרשיידענע קינזשאַלן. זיי זיינען אויסגעשניטן געוואָרן פון אַ פרישן האָרן־שטיק; דאָס געצייג האָט אַ בּאַקוועם הענטל, אַ טייל פונם האָרן־וואָרצל איז דאָס „שטאָק־בלאַט" און דער שטאַרקער שאַרף ענדיגט זיך מיטן געפערליכן שפּיץ.

שורץ גיט אין איין אָרט אַ פיינע אַלגעמיינע שילדערונג פון די פּרימיטיווע האַנטווערקס־ און האַנדלס־פאַרהעלטענישן בּנוגע צו די אַווסטראַלישע שבטים. די שבטים בּיים מורויי בּייטן אויס בּיי אַ בּאַשטימטן שבט שטיקער דיאָריט (גרינער שטיין) פאַר שפּיזן; שפּיזן און בּולעוועס ווערן געבּיטן פאַר ראָגעזשעס, נעצן און קאָלדרעס; שילדן — פאַר גאַרטלען. די שבטים פונם צפון־שפּיץ פון האַלבּ־אינזל יאָרק האָבּן זיך איינגעשאַפט בּיי די איינוואוינער פון טאָררעס־אינזלען בּויגנס, פיילן און פּייקלאַך. איין קליין פאָלק אין צענטראַל־אַווסטראַליע האָט אויף זיך גענומען די פּרנסה פאַר געצאָלט אויסצושלאָגן ציין צוליבּ פּוץ, אַ מין מאַניקיור להבדיל. אָט

די שילדערונג גיט אַ בולטע פֿאָרשטעלונג דערפֿון, ווי אַזוי דאַרף מען זיך אויסמעלן די פֿריהסטע אינדוסטריע און דעם בייט־האַנדל בײַ די פּאַלעאָליטיקער.

די איצטיגע נאַטור־פעלקער האָבן ניט קיין סך געצייג און בכלל זיינען זיי אָרים אין הילפס־מיטלען בײַם טון עפּעס אַ מלאכה און זיינען אָנגעוויזן נאָר אויף דער געשיקטקייט פֿון זייערע הענט. נאָך מער איז דאָס דער פֿאַל בײַם פּאַלעאָליטיקער, וואָס זיין גאַנץ געצייג איז באַשטאַנען פֿון דריי ביז זיבן טיפּן. פּונקט ווי בײַ די איצטיגע ווילדע, האָט די אַרבעטס־צייט בײַם מאַכן געצייג פֿון שטיין, בײַם אויספֿירן די שניצערייען און בײַן באַשיימפּער־ליך געשפּילט נאָר אַ טפל־ראָלע אין באַשטימען דעם ווערט פֿון דער אַרבעט: די מענשן פֿון דער אַלט־שטיין־צייט האָבן געהאַט צייט גענוג, ווען די ניי־זעלענדער ווייסן מיר, אַז אויף פֿאַרטיג צו מאַכן זייערע געשליפֿענע און פּאָלירטע כּלי־זיין און צירונג פֿון דעם אמת זעהר האַרטן נעפֿריט איז נויטיג געווען די אַרבעט פֿון צוויי דורות. ווען די הערעראָס אין דייטש־דרומית־מערבית־אַפֿריקע דערציילט אונז דער מיסיאָנער אירלע, אַז פֿאַרטיג מאַכן אַ הילצערנע קאָריטע פֿאַר בהמות אָדער אַ שיסל האָט אָפּטמאָלס אָפּגענומען דריי וואָכן צייט און מער. אויף אייניגע שניצערייען אַרבעטן מעלאַנעזיער, צפֿונית־מערבית־אַמעריקאַנישע אינדיאַנער חדשים, טיילמאָלס אַפֿילו יאָרן.

ווי אַזוי די פּאַפּואַסן טראָגן דעם ביינערנעם קינזשאַל

דער געניטער געצייג־ און געווער־מאַכער פֿון דער אַלט־שטיין־צייט איז געווים געווען בכּח אויסצוהאַקן אַ בשלמותדיגן אינסטרומענט אין עטליכע מינוטן. דאָס האָט מיר איין מאָל — עס איז געווען אין יאָר 1907 — קלאָר געמאַכט איינער פֿון מיינע אַרבעטער. אָט דער מענש האָט געהאַט אַ

שם אין דער געגנט, אַז ער מאַכט קונציג נאָך די פּאַלעאָליטישע געפינסן. איבער געוויסע טעמים האָב איך אים צוגענומען פאַר אַן אַרבעטער, נאָר אין גיכן האָב איך געמאַכט אַ מערקווירדיגע אַנטדעקונג. איין מאָל נאָך דער אַרבעט האָב איך אים געטראָפן זיך גראָבנדיג אין אַן אָפּפאַל־הויפן, וואָס מען האָט אים געהאַט אָפּגעפירט אויף עטליכע הונדערט מעטער ווייט פון מיין אויסגראָב־אָרט. ער האָט געזוכט בראָך־שטיקער פון פייערשטיין־געציינג. אַז איך האָב גענומען זיך אויסטענען מיט אים, האָט ער זיך מודה געווען, אַז אָט פון די פראַגמענטן, וואָס פאַר מיר האָבן זיי קיין ווערט ניט, מאַכט ער פיינע אינסטרומענטלאַך און ער פאַרקויפט זיי די באַזוכער פונם וועזער־טאָל פאַר גוט געלט. איצטער האָב איך שוין פאַרשטאַנען, פון וואַנען עס נעמען זיך די קאַסטנס, וואָס ווערן אָפּגעשיקט קיין בריסעל, פּאַריז און אַנדערשוואו. אָבער איך האָב איצט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי דער חברה־מאַן פירט דאָס אויס די זאַך. אויף מאָרגן נאָך מיין מערקווירדיגער אַנטדעקונג האָט מיך דער מענש גאַנץ נאאיוו אַ פרעג געטאָן, צי וויל איך ניט, אַז ער זאָל אין דער אַרבעטס־צייט מיר מאַכן פון אַ צעבראָך־כענעם שאָבער פון דער מאַגדאַלען־צייט אַ פיינעם קאַרב־שפּיץ פון דער סאָליטרע־תקופה. איך בין דערויף באַשטאַנען. אין איין כהרף עין איז ער געזעסן אויפן איבערגעקערטן לאָפּעטע־הענטל און האָט גענומען דריקן צו דער לינקער זייט פונם שטאַנד פון דער אייגענער לאָפּעטע פלינק און געשווינד דעם צעבראָכענעם שאָבער, און מיט אַן אמת... עס זיינען גע־פלויגן שפּליטערס... עס האָבן געבליצט פונקען... אין פיר מינוט איז געווען פאַרטיג אַ קאַרב־שפּיץ. פאַרשטייט זיך, אַז אויפן ערשטן בליק האָט מען באַלד דערזעהן די נייע רעטושן און מען האָט אַזוי אַרום געקאָנט דערקענען, אַז דאָס געציינג איז געפעלשט. אָבער דער מענש האָט געהאַט כלעריליי גיינגלאַך אויף צוצוגעבן דעם אויבנאויף אַן אויסזעהן פון אַלטקייט. ער פלעגט דערנאָך שטענדיג מלא שמחה דערציילן, ווי אַזוי ער האָט אָפּגענאַרט געלערנטע, וואָס זיינען געקומען פון דער ווייט. איין זאַך האָט ער אָבער דורכגעלאָזט, אָבער, צום באַדויערן, אויך די געלערנטע קונים: דער קאַרב איז געלעגן אויף דער לינקער, אַנשטאָט ווי אויף די עכטע זאַכן, אויף דער רעכטער זייט. איך האָב אָט דעם מענשן געהאַלטן פאַר עטוואָס צו געשיקט, ער זאָל בלייבן ביי מיר אַרבעטן. איך האָב אים דעריבער שפּעטער אָפּגעזאָגט און השגחה געהאַט דערויף, אַז אָהן דעם וויסן און ווילן פון די ליבהאָבער זאָלן קיין פעלשונגען פון דעם באַצירק מער ניט אַרויסקומען. אַוודאי זיינען אַ סך פון די דאָזיגע נאָכמאַכונגען געווען אַזוי איינגעגעבן, אַז עס זיינען פאַרט אַ סך זאַכן אַרויסגעשמוגלט געוואָרן.

טייל באַזוכער האָבן גאָר נישט געוואָלט הערן, ווען מען האָט זיי דערציילט דעם אמת וועגן די זאַכן, וואָס זיי האָבן באַגערט צו האָבן.

אַ באַשטימטע פאָרם פון אַ געצייג איז אַרויסגעקומען ניט דערפון, וואָס דער מענש האָט געוואָלט מאַכן דווקא אַ שפּיץ פון לאָרבער־בלאַט, אַ האַנט־קלינגע, אַ שאָבער. לכתּחילה איז אים די פאָרם געווען גלייכגילטיג; ער האָט געוואָלט נאָר שאַפן זיך אַן אינסטרומענט, וואָס זאָל טויגן צוליב אַ גאַנץ באַשטימטן צוועק: ער האָט באַדאַרפט שאָבן צווייגן אָדער פעל, ער האָט באַדאַרפט אַ פּאַסיג שלאָג־געווער, פאַר זיין לאַנגען שטעקן האָט ער נויטיג געהאַט אַ שאַרפן שפּיץ א. אַז. וו. דעמאָלט האָט ער גענומען דעם קלאָפּ־שטיין און דאָס שטיק פייערשטיין און האָט געשאַפן, ווערליג דער שטיין האָט זיך געלאָזט. די ריכטונג פון קלאַפּ איז שטענדיג געבליבן אַ גראָדע, דער פייערשטיין לאָזט זיך ניט אַרומהאַקן אין אַ קרייז אָדער עליפּסיס־פאָרם. די גרונט־ליניע איז אַ פאַרטיגע פאַראַן, און דער באַאַר־בעטער קאָן נאָר אין די גרענעצן אַרויסווייזן זיין קונסט צו באַאַרבעטן דעם שפּאָן אַזוי, אַז עס זאָל אַרויסקומען דער אינסטרומענט, וואָס איז אים נוציג. דער פּרינציפּ פון נוציגקייט, דאָס באַדערפעניש האָט געוויזן דעם וועג דעם שטיין־האַקער און דעם ביין־שניצער, דאָס איז געווען אַזוי אין דער צייט פונם אייז־צייט־יעגער, דאָס איז געבליבן ביז צום היינטיגן ווילדן. דעם מענשנס מח אַרבעט אין אַ באַשטימטער ריכטונג און דערוועקט אין יחיד פאַרלאַנגען, וואָס בלייבן זיך גלייך אין ווייטסטן צפון און אונטער דעם עקוואַטאָר, אין דער אַלט־שטיין־צייט און אין דער איצטיגער אַפריקע. מען באַדאַרף ניט גיין אַזוי ווייט, אָנצונעמען אַ כסדרדיגקייט צווישן היינט און אַמאָל. אומעטום האָבן דעם מענשן געפירט איינע און די זעלביגע אינסטינקטן.

פינפטער קאַפּיטל

קליידונג און צירונג

עס לאָזט זיך זעהר גוט פאָרשטעלן, אַז די געוויינהייט צו זיצן און צו שלאָפן בײַם וואַרעמען פייער האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג דערויף, אַז דעם מענשנס האָרבאַדעקונג האָט זיך געביטן און אַז ער האָט בהדרגה אָנגעוואָרן זײַן קערפּער־פעל, וואָס ער האָט נאָך איצט אין עובר־צושטאַנד אינם אַזוי אָנגערופענעם וואָל־האָר (לאַנוגאָ).

לויט ווי קלאַאַטש האָט באַמערקט, האָבן די דרום־אַווסטראַלישע קינדער אַ גאָלד־בלאָנד לאַנוגאָ־האָרקלייד איבערן גאַנצן קערפּער; לויט נייהאַוס און האַגען האָבן די קינדער פון די פּאַפּואַסן אָפטמאָלס נאָך אַ רויטליך־געלע האָר־באַדעקונג. לויט די ידיעות פון הערצאָג אַראָלף פרידריך פון מעקלענבורג בלייבט בײַם צענטראַל־אַפריקאַנישן ברויזל־פאָלק פון איטורי ראָס העלע לאַנוגאָ־האָר נאָרמאַל באַשטיין צייט זייער לעבן. „אָט ראָס האָר אויפן קערפּער", שרייבט ער, „וואַרפט זיך אַזוי אין די אויגן, אַז מען דערציילט, אַז די גרויסוואוקסיגע נעגער־שבטים, ווען זיי שטויסן זיך צופעליג אָן אין מיטן וואַלד אויף איינעם אַזאַ אומבאַקאַנטן נפש, גיבן זיי שטענדיג קודם כל אַ קוק אויף אָט דעם פוך־האָר, בכדי צו וויסן, צי זיי האָבן פאַר זיך אַ קינד פון זייער פאָלק אָדער אַ מיטגליד פון איינעם פון די פּיגמייען־שבטים, וואָס מען האָט זיי פיינט און מען האָט מורא פאַר זיי פון וועגן זייער פאַרסמט געווער, וואָס זיי באַנוצן".

אויך בײַם דערוואַקסענעם מענשן פון אַלע ראַסן, ווען מען באַטראַכט אים גענויער, געפינט מען נאָך מער אָדער ווייניגער געדיכט קערפּער־האָר. גראָד מיר אייראָפּייער געהערן אין איינעם מיט די אווסטראַליער און די אַינאָסן (סאַכאַלין, מזרח־אַזיע) צו יענע גלידער פון דער מענשהייט, וואָס זיינען צום רייכסטן מיט האָר באַדעקט. פון אַ סך גראַווירונגען פון דער

פאַרהיסטאָרישער צייט קאָן מען אַרויסדרינגען, אַז אויך די מענשהייט פון דער אַלטשטיין־צייט איז נאָך געווען היפּש געריכט באַהאָרט. די שוין דערמאָנטע היפּאָטעזע פון קלאַאַטש, אַז די בהדרגהדיגע פאַרשווינדונג פון דעם מענשליכן האָר־צודעק דאַרף מען אין כלל גענומען דערקלערן דורך דער צוגעוווינונג צום פייער, קאָן מען ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט — „מען דאַרף נעמען אין אַכט די מענשן־מאַלפּעס, וואָס באַהאַלטן זייער פעל, און יענע בעלי־חיים־פאָרמען, וואָס האָבן געקראָגן געדיכטערע האָר אויפן קערפּער, בכדי זיך צוצופּאַסן צו אַ קעלטערן קלימאַט“.

אַפילו ווען מיר זאָלן ניט אָננעמען, אַז דער מענש פון דער אַלטשטיין־צייט איז דורך אַ געדיכטערן האָר־צודעק געווען בעסער געשיצט קעגן קעלט און נעץ, איידער מיר, מעגן מיר דאָך משער זיין, אַז די פראַגע פון קליירונג האָט דעמאָלט קיין גרויסע ראָלע ניט געשפּילט. מיר ווייסן, ווי אַזוי די נאַטור־פעלקער פון מיטלמעסיגן און קאַלטן פּאַס, הגם זיי גייען נאַקעט, קאָנען בעסער אויסהאַלטן דעם קלימאַט, איידער מיר. קוק האָט געפונען די טאַסמאַניער צווישן 41 און 43 גראַד דרומדיגע ברייט נאָך אין גאַנצן נאַקעט, הגם דער קלימאַט איז דאָרט אַ סך שטרענגער, איידער אין דעם גלייכן פּאַס פון אייראָפּע. וועגן זיין באַזוך ביי די פייערלענדער אין יאָר 1769 דערציילט דער באַרימטער ענגלישער רייזנדער, אַז צוויי מיטגלידער פון זיין עקספּעדיציע זיינען דאָרט אין מיטן „זומער“ דערפראָרן געוואָרן, בעת די איינהיימישע זיינען אַרומגעגאַנגען נאַקעט און „זייערע כאַלופּקעס, געבויט פון שטאַנגען און גראָז, האָבן ניט געשיצט לא די וואָס פון ווינט, נאָר אַפילו ניט פון רעגן און שניי“. די איינוואוינער פונם וועזערטאָל אין דער אייז־צייט זיינען מסתמא אויפן זעלבינן שטייגער געווען פאַרהאַרטעוועט.

די פעל פון די דערהרגעטע חיות איז געווים נאָר אויפן פּשוטסטן אופן באַאַרבעט געוואָרן, אפשר נאָר דורך איינקנעטן די פעטע באַשטאַנדטיילן, וואָס דורכדעם האָט די פעל געקראָגן אַ געוויסע ווייכקייט. פון אַ ריכטיגער גאַרבונג האָבן די פּאַלעאָליטישע פעלקער מסתמא נאָך גאָר ניט געוואוסט. לכתחילה איז די פעל פאַר זיי מסתמא ניט געווען קיין קליידונג, נאָר קודם כל אַ צירונג, אַ טראָפיי פון געיעג, וואָס דורך דעם האָט מען געקאָנט זיך אַרויסווייזן פאַר די איבעריגע גלידער פון שבט, ווי אַ גרויסער גבור אָדער ווי אַ קונציגער, געשיקטער יעגער. צוליב דעם פלעגט מען זיך איינהילן אין פעל פון אַ ווילדער חיה און מען פלעגט עס מיט זיך מיטשלעפּן, ווי אַ פּוץ־שטיק. דערפון האָט בהדרגה געקאָנט זיך אַרויסאַנטוויקלען די השגה וועגן שטענדיגער קליידונג און די באַדערפעניש דעריך.

אין זיינע ערשטע התחלות האָט דער פּאַרהיסטאָרישער מענטש געקלערט נאָר וועגן באַפרידיגן די באַדערפענישן פון זיין גוף.

אין די עלטסטע אָפּלעגערונגען באַגעגענען מיר נאָך קיין שום סימן ניט פאַר וואָסער עס איז אַנטוויקלטן פוץ־אינסטינקט. דער גוסט פאַר צירונג איז ביים אורמענטשן אויפגעקומען ערשט שפּעטער; ערשט נאָכדעם ווי עס איז איינגעוואַנדערט די נייע מזרח־ראַסע, די מענטשן פון אָריניאַק, באַווייזט



דער שאַרבן פונם Homo Aurignacensis מיט אַ מייערקעפּלאַך־קייט

זיך אויך צירונג. אויף זיינע וואַנדערונגען האָט דער שוין עטוואָס העכער אַנטוויקלטער אורמענטש געזעהן פאַרשיידענע זאַכן, וואָס האָבן זיך אים געוואָרפן אין די אויגן: ער האָט געקליבן קליינע שטיינער, ער האָט הנאה געהאַט צו קוקן אויף מייערקעפּלאַך און האָט זיי אַרומגעהאַנגען זיך אַרום האַלז און אַרום די אַקסלען צוליב צירונג און אויסצייכענונג. דער האַלדז־באַנד פונם Homo Aurignacensis איז באַשטאַנען פון דורכגעלעכערטע מיטל־ים־מייערקעפּלאַך. אויף דער גלייכער אַנטוויקלונגס־מדרגה ווערן דורכ־

געלעכערט די ציין פון דערהרגעטע בעלי־חיים און אַרויפגעצויגן אויף אַ שנור; שיינע שטיקלאַך ביין ווערן געטראָגן פאַר אַ צירונג, און מסתמא האָט דער פּאַרהיסטאָרישער מענש אויך מיטגעשלעפּט מיט זיך ביינער פון דערהרגעטע שונאים ווי טראָפייען.

אַן אויסטעראַליש געפינס פון די מאַגדאַלען־שיכטן פון דער לאָזשרי באַס, וואו עס איז געפונען געוואָרן אין יאָר 1872 אונטער אַ פעלז־שטיק אַ מענשליכער סקעלעט פון דער אַלטשטיין־צייט, באַווייזט, ווי אַזוי די צירונג איז געטראָגן געוואָרן. פון די באַריכטן וועגן געפינס איז צו זעהן, אַז יענעם מענשן פון דער פאַרהיסטאָרישער צייט איז מיטגעגעבן געוואָרן ראָם מיטל־ים־מייערקעפּל Cypraea pyrum און Cypraea lurida. ס'איז, ווייזט אויס, ניט קיין צופאַל, וואָס די צירונג־שטיק זיינען פאַרטיילט געווען צו צוויי פּאָר אויף דער געגנט פונם שטערן און פון די קני און אויף ביידע פיס. עס איז מעגליך, אַז אָט די מייערקעפּלאַך זיינען געווען צוגעהעפט ווי אַ באַפּוצונג צו עפּעס אַ בגד.

די פראַגע, פון וואַנען עס שטאַמט צירונג און קליידונג, איז, ווערליך ווי מיר דוכט, צום ריכטיגסטן פאַרענטפערט געוואָרן דורך דער טעאָריע, וואָס היילבאָרן האָט ניט לאַנג אַרויסגעשטעלט. צוערשט דאַרף מען באַטאָנען, אַז צירונג איז בלי ספק עלטער פאַר קליידונג. עס איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, אַז דער פּאַרהיסטאָרישער מענש האָט געווים אַ סך ווינציגער גע־שפּירט נעץ און קעלט, ווי מיר פאַרצערטלטע קולטור־מענשן. חוץ די דאָרט געבראַכטע פּאַראַלעלן פונם איצטיגן ווילדן, קאָן מען ברייננען נאָך אַ ראיה דערפאַר: וועגן די אינדיאַנער אויפן מערב־ברעג פון וואַנקווער דערציילט קאַפּיטיין יאַקאָבסען, אַז זיי פלעגן גיין באָרוועס אין אַ טיפן שניי און פלעגן זיך באָדן אין טייכן, וואָס זיינען געווען האַלב געפראָרן.

ביז אַהער האָט מען געוואָלט האָבן, אַז צירונג נעמט זיך פון אַ באַזונדער פּוץ־אינסטינקט, וואָס איז דעם מענשן איינגעבאָרן, און אַז די קליידונג שטאַמט פון אַ נאַטירליכן בושה־געפיל. היילבאָרן ווייזט פּאַרקערט אָן דערויף, אַז דער מקור פונם פּוץ־אינסטינקט באַדאַרף ליגן אויף אַ בעצם אַנדער געביט. ווען דער יעגער פון דער אורצייט, זאָגט ער, האָט געהאַט דערהרגעט אַ חיה דורך כח, פלינקייט אָדער דורך אַ שפּיצל, האָט ער געקאָנט האָבן דעם זעלבסטפאַרשטענדליכן פאַרלאַנג, וואָס שטאַמט פון פּרימיטיוון אייגנטומס־אינסטינקט, צו באַהאַלטן פאַר זיך די הערנער, די קלאָען, די ציין, די פעל, בכדי עס זאָל רינגען ווי אַ שטענדיגער עדות פון זיין גבורה אָדער אפשר צוערשט פון הנאה וועגן, וואָס ער פאַרמאָגט עס. קיין בעסערן און קיין זיכערן

אָרט אָבער אויף צו באַהאַלטן ראָס האָט ער ניט געקאָנט געפינען, ווי זיין אייגענעם קערפּער. שוין יאָר־טויזנטער פאַר ביאַסן, דעם פילאָסאָף פון פּריענע, איז יענער כלל: „אַלץ וואָס איך האָב, טראָג איך



ציר־קייט, סטאַטועטע פון העלפאַנדביין און ביין־אינסטרומענטן פון לאָזשרי באָס אין דאָרדאָן

מיט זיך" געווען אַ חוק, וואָס די אורמענשהייט האָט געפאָלגט, און נאָך איצט זיינען זיך אַזוי נוהג די באַזונדערס טיף שטייענדיגע פעלקער, למשל, די בושמענער פון קאַלאַהאַרי, וואָס זיי טראָגן אַרום אויף זיך און מיט



ציר־קייט פון דער מאַגדאַלען־צייט (זאַמלונג היילבאָרן)

זיך אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן. אָט דאָס אייגנס, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ סימן פון אַ מין עשירות און צוגלייך באַשיימפּערליך באַווייזן די גבורה פונם טרעגער, האָט געקאָנט דערוועקן קנאה ביי די חברים מאַנסבלען און באַ־

וואונדערונג בײַ די פֿרויען. מען האָט דעריבער מסתּמא געקלערט זיך אויך אָנצושאַפֿן אַזאַ אייגנס, באַקומען אויך אַזעלכע אויסצייכענונגען.

ווען מיר זעהען, אַז די צירונג אויף די נידעריגע קולטור־מדרגות איז בשום אופֿן ניט שטענדיג פּוץ אין אונזער עסטעטישן זין, ווען מיר באַטראַכטן דערצו נאָך, אַז בײַ די ווילדע טראָגן צירונג כמעט נאָר מאַנסבּלעו, רעמאָלט ווערט היילבאָרנס היפּאָטעזע זעהר קרוב לאמת. זי פֿאַרענטפֿערט אָבער אויך גלײַך די באַזונדערע פּראָבּלעם וועגן אָפּשטאַם פֿון דער קליידונג. אויך די פּרימיטיווע קליידונג, דאָס הייסט, אַ פֿעל פֿון אַ חיה אַריבּער־געוואָרפֿן איבער די אַקסלען אָדער ערגעץ ווי צוגעפֿעסטיגט אַרום די לענדן — די אַקסלען, דער האַלז, די לענדן זיינען דאָך ווי פֿון דער נאַטור געגעבענע טרעגערס פֿאַר דער ערשטער צירונג און קליידונג — איז לכתּחילה מסתּמא געווען ניט מער ווי אַ צירונג, אַ שטיק רויב אַרויסגעשטעלט צום אָנקוקן. ערשט בּיסלאַכווייז האָט דער בעל־הבּית און טרעגער פֿון פֿעל געקאָנט איינזעהן דעם נוצן פֿון אַזאַ צירונג צו באַשיצן דעם רוקן און דעם בויך קעגן קעלט און נעץ, קעגן די דערנער־שטעכלקעס פֿון וואַלד. דורכ־דעם איז אָט די באַזונדערע רויב־צירונג בּהדרגה מגולגל געוואָרן צו אַ בּגד.

נעגערין מיט ענליכע שטיין־פערל ווי אויפֿן געמעל זייט 99



צירונג־שטיק פֿון דער פּאָלאַר־הירש־הייל פֿון טאַיִנגען (לויט פֿאָררער)

פֿון ווייט האָט דער Homo Aurignacensis געבּראַכט די מייערקעפּל־צירונג, וואָס האָט אים ווי אַן אויסצייכענונג באַפּוצט דעם האַלז. דאָס מיטל־

ים־מייערקעפל האָט ער אין זיין שבט געהאַלטן ווי אַ זעלטנהייט, וואָס האָט געווים לכל הפחות דערמאָנט אָן ווייטע וואַנדערונגען. איז עס געוואָרן אַ ווערט־זאַך. אפשר איז אויך די צירונג צוגענומען געוואָרן ביי אַ פירער פון אַ פרעמדן שבט, און דער Homo Aurignacensis האָט זי מיט שטאָלץ געבראַכט אינם נייעם לאַנד אַריין, ווי אַ טראָפיי פון נצחון.

אין די אויסגראָבונגען פון מיטלסטן פּאַלעאָליטיקום געפינען זיך אָפטליך מייערקעפלאַך, וואָס פון זייער קינסטליכער לעכערונג איז גרינג קענטיג, אַז

דורכגעלעכערטע שטיין־פּערל (פון אכאט), ווי מען טראָגט זיי אין מערב־אפריקע (זאמלונג פראָבעניוס)

זיי זיינען באַנוצט געוואָרן צוליב צירונג. נאָר ווען מען באַטראַכט זיי אין פאַרגלייך מיטן געצייג־און געווער־מאַטעריאַל, וואָס מיר געפינען, זעהט מען, אַז די צאָל פון די מינים צירונג איז קליין; אויך געלעכערטע שטיקלאַך ביין — אַן אַנדער מין צירונג — געפינט מען ניט נאָר אָפט. בכל אופן האָט ניט יעדער שבט־מיטגליד געהאַט צירונג; נאָר אויסגעצייכנטע האָבן עס געמעגט טראָגן, ווי אַ סימן פון מאַכט און ווערדע. לויט היילבאָרנס היפּאָ־טעזע ווייזט אָט דער פאַקט ווידער אַמאָל דערויף, אַז די „צירונג" איז לכתחילה געווען ניט קיין פוץ, נאָר אַ שטיק רויב, געטראָגן, אַז די וועלט זאָל עס זעהן.

האַלזבאַנד פון מענשן־ציין און הונט־ציין.
ניי־פּאָמערן. (זאַמלונג היילבאָרן)



אונטערשטער קינבאַק פון אַ איראָפּייער ווי
אַ בראָנזועלעט. ניי־גווינעאַ. (זאַמלונג היילבאָרן)

אוראַי וועט קיינער ניט באַטראַכטן אַזעלכע צירונג־שטיקער פאַר באַזונדערס עסטעטיש; אָבער פאַרן פּרימיטיוון מענשן האָבן זיי געהאַט אַ גרויסן ווערט, און ער האָט שטענדיג געזוכט זיך אַזעלכע אָנצושאַפן. פאַראַן נאָך ביי היינטיגן טאָג אַ סך ווילדע, וואָס טראָגן אַזאַ רויב־צירונג: ציין און קרעלן פון חיות, שנאָבלען פון פויגלען, פליגלען פון באַבעלאַך און שאָלן פון שנעקן. רויב־צירונג זיינען אין אַ געוויסן זין אויך די האַלזבענדער פון ציין און האָר פון מענשן, ווי מיר געפינען דאָס ביי טייל פעלקער פונם דרום־אָקעאַן, פון די ביינדלאַך פון הענט־ און פיספינגער פון פאַרשטאָרבענע קרובים אָדער דערהרגעטע שונאים, ווי עס טראָגן די איינוואוינער פון די אַנדאַמאַנען־אינזלען און די אַפּאַלאַכן־אינדיאַנער; און דער בראָנזעלעט פון אַ מענשליכן אונטערשטן קינבאַק ביי די פּאַפּואַסן. גראָד די לעצטע צירונג־שטיקער באַקומען געווים שוין פריה מיסטישע באַציהונגען און בילדן דעם אָנ־

הויב פונם אַמולעט. די מענשן, וואָס פון זיי האָט מען גענומען די ציין, די האָר, די פינגער־ביינדלאַך צוליב אָט דעם האַלדז־פוץ, האָט מען אויפּ־געגעסן, און צום אָנדייַנק דערפון טראָגט מען די דאָזיגע צירונג.



האַלדז־קייטן פון די בראַזיל־אינדיאַנער פון ציין פון חיות און פון זאָמען

ביי די פּאַלעאָליטישע אויסגראָבונגען געפינט מען פון אָריניאַק ביז צום סוף פון דעם מאַגדאַלען־פּעריאָד דאָ און דאָרט שטיקער רויטע און געלע אָכרע, וואָס פאַרבט נאָך ביי היינטיגן טאָג זעהר גוט. ווען דאָס גליק גילט באַזונדערס אָפּ דעם געפינער, קאָן מען אויך אַנטרעקן אַ שאָל צו צערייבן

די פאַרב, אַן אמת פאַרב־טעפּעלע, וואו עס געפינען זיך נאָך רעשטן פון דער אַלטער פאַרב. אין זעלטענע פאַלן אַנטדעקט מען אויך ביין־שניצערייען, וואָס זיינען באַמאָלט מיט רויט־שטיין, וואָס האָט געקאָנט דינען אויף בולטער צו מאַכן דאָס בילד, וואָס איז אויסגעקריצט געווען אויפן ביין.

אין די פּאַלעאָליטישע קברים ביי מענטאָן זיינען די רעשטן פון סקעלעטן געווען אין גאַנצן באַמאָלט מיט רויטער פאַרב. די דאָזיגע געפינסן באַווייזן



נעצייג צום טאַטואירן

1 בוז 4. פון מייערקעפלאַך-שאָלאַכץ (מארקעזאס-אינזלען). 5 ביז 9. ניי-זעלאַנד.
10 ביז 12. דער נעגער און בערבער

אויף זיכער, אַז דער אורמענש האָט געפּרובט זיך צו פּוצן אויך דורך פאַרבן די הויט. די באַמאָלונג פונם קערפּער איז נאָך איצט אַ ווייט פאַרשפּריי־טער מנהג ביי אַלע נאַטור־פעלקער. פון וואַנען דער דאָזיגער מנהג נעמט זיך, לאָזט זיך דערווייל נאָך ניט דערקלערן.

שוין אין דער פאַרהיסטאָרישער צייט האָבן אפשר מער די מאַנסבלען באַפּוצט זייער קערפּער מיט פאַרבן, בכדי צו געפעלן ווערן די פרויען. איט־ליכער נאַטור־פאָרשער ווייס, אַז די זכרים פון אַ סך מינים פויגלען ווערן באַדעקט מיט אַ בונטן פעדער־צורעק, בעת עס גענעהנט די ליבע־צייט,



1

2



3

6

1 און 3. פארהיסטאָרישע ליים־פיגורן פון קוקוטעני ביי יאַסי מיט בלויער פאַרב, אַ רמז אויף טאַטואירונג (עטנאָגראַפישער מוזיי, בערלין). 2. האוסאַ־נעגערין מיט אַ באַמאָלט פנים (לויט אַ לעבעדיגן אָריגינאַל). 4 און 6. יונגע בערבערינס מיט טאַטואירונג אויפן פנים (לויט לע־בעדיגע אָריגינאַלן). 5. מוסטער פון טאַטואירונג.

און גראָר אַזעלכע נאַטור־ערשיינונגען געפינען מיר אָפּגעשפּיגלט אין די מנהגים און רגילותן פון דער פּאַרהיסטאָרישער צייט. די פּאָלאַרהירש־יעגערס האָבן זיך געוויס טאַטואירט, דאָס באַווייזן שוין די פיל פאַרב־טעפּלאַך, וואָס מען געפינט. אַ פּשוטער פאַרקיילאַכטער קאַלך־שטיין איז אויף דער אונטערשטער זייט געוואָרן עטוואָס אָפּגעפלאַכט, בכדי ער זאָל קאָנען בעסער שטיין, און אויף דער אויבערשטער זייט האָט מען אויסגעהאַקט אַ קליין שאָלעכל. פון רויטן אָכרע־שטיין האָט מען מיט אַ פייערשטיין־מעסערל אַראָפּגעשאָבן אַביסל פאַרב־פּולווער, דערנאָך אָנגעריבן מיט אַביסל פעטס, און דערמיט איז פאַרטיג געוואָרן די פּאַרהיסטאָרישע פּנים־פּאַרב און אַריינגעלייגט אין טעפּעלע. וואָרום מען געפינט וואו ניט וואו רעשטן פון רויטער אָכרע, וואָס אויף זיי זיינען נאָך קענטיג סימנים, אַז מען האָט פון זיי אַראָפּגעקראַצט. עס איז אויך מעגליך, אַז דורך קליינע, אָפּטמאָלס הפלאיג רינגע ביינערנע נאָדלען און שפּיצן פון פייערשטיין האָט מען דעם פאַרב־שטאָף איינגעריצט אין דער הויט, דאָס הייסט, געמאַכט אַ ריכטיגע טאַטואירונג. דאָס באַווייזן אויך די אויסטערלישע געאָמעטרישע פיגורן, שטריכן און פינטלאַך, וואָס מיר געפינען אַמאָל אויף סטאַטועטקעס, וואָס זיינען געקומען צו אונז פון יענער צייט.

זעקסטער קאַפּיטל

די שפּראַך

געוויסע פּרימיטיווע בילדונגען פון דעם אונטערשטן קינבאַק פון די פּאַלעאָליטיקער ווייזן אָן דערויף, אַז די שפּראַך־פייִהיגקייט פון דער מענשהייט אין דער אַלטשטיין־צייט איז נאָך ניט געווען באַזונדערס אַנטוויקלט. אַזוי פעלט דער אויסוויינינגסטער און אינעווייניגסטער אַרויסשטאַרץ פונם קין, דער בויגן פונם קינבאַק איז שמאָל (באַזונדערס וואַרפט זיך דאָס אין די אויגן ביי די קינבאַקן פון עהרינגסדאָרף). ווערליג וואַלקהאָפס פיינע אויספּאָרשונגען, איז טאַקע די פייִהיגקייט צו ריידן אָפּגעהאַנגען פון דער אַנטוויקלונג פונם קין. ממילא האָבן די דאָזיגע אורמענשן אויף זיך צונויפצוריידן צווישן אַנאַנד בלי ספק געמוזט באַנוצן, חוץ דער קלאַנגען־שפּראַך, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער ערשטער אַנטוויקלונגס־מדרגה, אויך אַ סיגנאַל־ אָדער זשעסטן־שפּראַך. אַזעלכע סיגנאַל־שפּראַכן, וואו עס ווערן געגעבן צייכנס דורך דער לאַגע פון די קערפּער־גלידער, זיינען פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער בעלי־חיים־וועלט. בפרט בעלי־חיים, וואָס לעבן אין טשערעדעס, ריידן זיך צונויף בלי ספק אויף אַזאַ אופן. מען דאַרף נאָר אַ קלער טון, וואָס עס קאָן, אַשטייגער, דערציילן אַ הונט דורך שאָקלען מיטן וויידל אָדער דורך אויפשטעלן די אויערן.

אַזאַ אויסגעצייכנטער נאַטור־פאָרשער ווי מאַזיוס זאָגט מיט רעכט וועגן עק פון דער קאַץ, אַז ער איז „פול מיט די פיינסטע שפּירונגען, אַזוי ווי אַ צווייטער פּאָלוס פון דער נשמה, און דערפאַר איז ער טאַקע אַזאַ שטאַרק פאַנטאָמימישער גליד“. עס זיינען פאַראַן אַ סך נידעריג שטייענדיגע נאַטור־פעלקער, ווי די בראַזילישע פּוריס, די טאַסמאַניער, וואָס האָבן דורך זשעסטן געמוזט זיך אויסהעלפן, בכדי קלאָרער צו מאַכן זייער ביז גאָר אָרימע



זשעסטן־שפּראַך פון די אווסטראַליער (לויט וו. ע. ראָט)

1. עקדיש. 2. זיי געזונט. 3. פראַגע. 4. אָפּאָסום. 5. קענגורו. 6. רוח רע. 7. קראָקאָדיל. 8. הרגענען. 9. מוטער. 10. פייער. 11. וואַסער. 12, 13. פאַרגעסן. 14. בין, האָניג. 15. שלאַנג, טייך. 16. פרוי. 17. הויכע צאָל. 18. פערד

קלאַנגען־שפּראַך, אַזוי אַז אין דער פינסטער קאָנען זיי זיך ניט גוט צונויפרייען. נאָר אַ סך גרעסער איז די ראָלע, וואָס די זשעסטן־שפּראַך שפּילט אין פאַרקער צווישן די שכנישע, אַנדערשפּראַכיגע פעלקער און שבטים. טיילאָר זאָגט ערגעץ, אַז די אינדיאַנער פון צפון־אַמעריקע האָבן שטאַרק אויסגעבילדעט די זשעסטן־שפּראַך, וואָרום זייער נאָמאַדישער שטייגער לעבן פירט זיי שטענדיג צונויף מיט שבטים, וואָס זיי פאַרשטייען זייער שפּראַך ניט — די צפון־אַמעריקאַנישע שבטים זיינען פאַרטיילט צווישן אומגעהויער פיל שפּראַכן. די גלייכע צייכנס דינען פונם הורסאָך־



זשעסטן־שפּראַך פון נעאַפּאָליטאַנער (לויט מאַללערי)

1. שאַ! 2. בשום אופן ניט. 3. הונגער. 4. חוזק. 5. מיד. 6. דו לייגסט געפערליך. 7. איך פּאַס אויף. 8. לאָז זיך ניט אָפּנאַרן. 9. דו טיפש איינער!

אויסגוס אין צפון ביזן מעקסיקאַנישן אויסגוס אין דרום. אָט די צייכן־שפּראַך פון די צפון־אַמעריקאַנישע אינדיאַנער איז אויך ענליך צו דער שפּראַך, וואָס אונזערע טויב־שטומע האָבן געשאַפן — דער בעסטער באַווייז דערפאַר, ווי נאַטירליך אָט די שפּראַך איז סוף כל סוף.

גראָד אין צוזאַמענהאַנג מיט די אויפרייד־מיטלען פון דער פאַרהיסטאָרישער מענשהייט איז אינטערעסאַנט אויך די „האַנט־שפּראַך“ פון די אַווסטראַליער, וואָס עס האָט אַנטדעקט און אויסגעפאָרשט ביז אין די לעצטע פרטים דער געוועזענער פּראָטעקטאָר פון די איינגעבוירענע איינוואוינער פון קינסלענד ד״ר וו. ע. ראָט. צום ערשטן מאָל האָט ראָט געזעהן די דאָזיגע שפּראַך ביי אַ געיעג. די איינגעבאָרענע האָבן אויף אַ ווייטער שטרעקע זיך געגעבן סימנים דורך די פינגער, בכדי אָנצוזאָגן איינער דעם אַנדערן עפּעס

פײַקל־שפּראַך פון די נעגערס. צונויפרעדן זיך אין הויך גראָז דורך אַ הילצערן פײַקל, וואָס איז צוגעהעפט צום בויגן

איבער די געיאָגטע חיות. ער האָט דערנאָך אַרויסגעפונען, אַז עס איז פאַראַן זעהר אַ גרויסע צאָל קאָמבינאַציעס מיט די פינגער, וואָס דורך זיי קאָנען די אַוסטראַליער גענוי באַצייכענען די איינציגע מינים בעלי־חיים, און אויך וואָס זיי טוען, אַשטייגער, צי דער קענגורו שטייט שטיל אָדער אַנטלויפט. מסתמא האָט דער פּאַלעאָליטיקער אויך געוואוסט פון אַזאַ

הילפסמיטל פאַר דער שפּראַך. פון אָט דער אוראַלטער צונויפפּרייר־מעטאָדע שטאַמט אויך אונזער געוווינהייט מיטצוהעלפן זיך בײַם רײדן דורך זשעסטי־קולאַציע. די דאָזיגע מאַניר איז נאָך היינט באַזונדער שטאַרק אויסגעדריקט בײַ די דרומדיגע פעלקער, בײַ די יידן און אַנדערע.

עס איז נאָך כדאי דאָ צו דערמאָנען נאָך אַן אַנדערע סיגנאַל־שפּראַך פון די ווילדע, אַזוי אַשטייגער, די „רויך־סיגנאַלן" פון די אַוסטראַליער און פון די צפון־אַמעריקאַנישע אינדיאַנער, די „פּייקל־שפּראַך", וואָס איז בפרט צום שטאַרקסטן אויסגעבילדעט אין מערב־אַפריקע (קאַמערון), די מערקווירדיגע „פייל־שפּראַך" פון די גואַנטשן אויף די קאַנאַרישע אינזלען, וואָס וועגן איר דערצײלט פּראָבעניוס אויך פון צפון־טאָגאָ. אין טאָגאָ באַנוצט מען צוליב דעם אַ געיעג־פייפיאָל. „די מאָבאַס", זאָגט פּראָ־בעניוס, „זײנען אין שטאַנד איבערצוגעבן דורכן דאָזיגן אינסטרומענט גאַנצע זאַצן, יעדער נאָמען, איטליכן באַפעל, איטליכן פאַרלאַנג אויף אַ גאַנץ גרויסן מהלך". מיר מעגן משער זײן, אַז אַ שטאַרק אויס־געבילדעטע פייף־שפּראַך האָט דער אַלט־צייט־מענטש מסתמא נאָך ניט פאַרמאָגט, אָבער ס'איז דאָך כדאַי צו באַמערקן, אין דער מאַגדאַלען־שיכט האָט מען געפונען אַ סך געיעג־פייפיאָלן.



1 2

1. געיעג־פייפיאָל פון דער מאַגדאַ־לען־צייט פון אַ פוס־ביין פון אַ פּאָ־לאַר־הירש. 2. געיעג־פייפיאָל פון די קאַלי־נעגערס (עטנאָגראַפ. מוזיי, בערלין)

אָנגעהויבן פון דער סאָליטרע־תּקופה, בפרט אָבער אין מאַגדאַלען־פּעריאָד, באַגעגנט מען פוס־ביינער פון פּאָלאַר־הירשן, וואָס זײנען אין איין עק דורכגעלעכערט. דאָס דאָזיגע געפינס טייטשט מען ריכטיג אויס, ווי אַ פּייפיאָל; וואָרום אַז מען בלאָזט דאָס שאַרף אַדורך, קומט אַרויס אַ נידעריגער אָדער הויכער טאָן, געוועדנט אָן דער לעכערונג; מיט די פּיי־פיאָלן פון פאַרשיידענער גרייס לאָזן זיך צונויפשטעלן גאַנצע רייען טענער. ווי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן אין זין פון אַ „פּאַן־פלייט" דאַרף מען די דאָזיגע געפינסן מסתמא ניט אויסטייטשן, נאָר ווי פּייפיאָלן צוליב געיעג־סיג־נאַלן זײנען זיי געוויס געוואָרן גענוצט. זיי באַגעגענען זיך ניט זעהר אָפט, ניט אין איטליכן מאַגדאַלען־שיכט געפינט מען זיי; אפשר האָבן נאָר די פירער פון שבט זיי געמעגט האָבן.

שפּראַך און שריפט אָדער בילדער־שפּראַך זיינען שטענדיג איינג פאַר־בונדן און אויך פאַר די צושטאַנדן פון דער פאַרהיסטאָרישער צייט קאָן מען זיי ניט אָפּשיידן פון אַנאַנד.



שריפטאַרטיגע וואַנט־מאָלעריי פון דער מאַגדאַלען־צייט אין דער פּאַ־סיעגאַ־הייל אין צפון־שפּאַניע (לויט ק. ווײלע)

אויף פאַרשיידענע ביינערנע און שטיינערנע געציֵיג, וואָס שטאַמען פונם פּאַלעאָליטיקערס וואַרשטאַט, געפינען מיר אָפטמאָלס איינגע־קריצט איין און דעם זעלבינן צייכן, וואָס דערמאָנט אונז אָן דער ביל־דער־שריפט, איבערגעגעבן דורך סקולקראַפט. די אינדיאַנישע שפּראַך־בילדער, וואָס ער ברענגט, וואו עס חזרן זיך איבער, צווישן אַנדערע צייכנס, בילדער פון אַ חיה, אַ רינג, אַ שטריק, זיינען ענליך צו יענע, וואָס איך האָב גע־פונען אין די קולטור־שיכטן פון דער אָריניאַק־, סאָליטרע־ און מאַגדאַלען־צייט.

ווען מיר געפינען איינגעקריצט אין אַ שטיק האָרן אַ סך פּאַראַלעלע שטריכן אין אַ גלייכ־מאָסיגן אָפּשטאַנד און צווישן זיי לענגערע אָדער גרעבערע שטריכן מיט אומרעגלמעסיגע מאָסן, איז דאָס אַ ראיה דערפאַר, אַז די דאָזיגע צייכענונג איז געמאַכט גע־וואָרן מיט אַ באַשטימטער כּונה; דורך דער איינקאַרבונג פון די פאַרשיידענע שטריכן איז מסתמא עפּעס דערציילט געוואָרן אָדער עס האָט געזאָלט איבערגעגעבן ווערן עפּעס אַ ידיעה צו אַן אַנדער שבט.

פאַרהיסטאָרישע בילדער־שריפט אויף אַ פעלז אין באָהוסלען. שוועדן. (לויט מעסטאָרף)

סקולקראַפט דערציילט וועגן אַ בילד, וואָס ער האָט אַנטדעקט

אויף אַ פעלד־וואַנט אויפן ברעג פון אַן אָזערע און וואָס דאַרף פירשטעלן אַ געיעג־ אָדער קריג־סצענע פונם לעבן פון אַן אינדיאַנער־פירער. ווערטי־קאַלע־שטריכן אין אַ פרימיטיווער צייכענונג פון אַ שיפל דאַרפן מסתמא באַווייזן די צאָל מיטגלידער פון דער עקספּעדיציע.

איך האָב אין מיינע אויסגראָבונגען אָפטמאָלס געפונען אַזעלכע ווערטי־קאַלע רעגלמאַסיג אויסגעפירטע שטריכן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף אַ גרעבער איינגעקריצטן האָריזאָנטאַלן שטריך. דאָס אויבן דערמאָנטע אינ־דיאַנישע פעלז־בילד באַווייזט אויך אַ בויגן אויסגעפירט איבער דריי קרייזן. סקולקראַפט טייטשט אויס דעם דאָזיגן צייכן אין דעם זין, אַז עס זיינען פאַרגאַנגען דריי טעג אונטער דער זון, ביז די קריגסלייט אָדער יעגערס האָבן דערגרייכט צו זייער ציל.

בילדער־שריפט פון צפון אַמעריקאַנישע אינ־דיאַנער (לויט סקולקראַפט)

פון מיינע פּאַלעאָליטישע גע־פינס־שיכטן זיינען מיר באַוואוסט גאַנץ ענליכע צייכנס, און עס לאָזט זיך גאַנץ גוט שיקן, אַז דער מענש פון דער אַלטשטיין־צייט האָט אויף אַזאַ אופן פאַר־צייכנט דעם גאַנג פון די מאורות אין הימל, וואָס האָבן אים געווים געמוזט שטאַרק אינ־טערעסירן.



קיפּפּו־שנור. א בריוו פון קניפּלאך פון אַלט־פּערואַנישער צייט

פון דעם אַנאַטאָמישן צושטאַנד פון די פּאַלעאָליטישע קינבאַקנס דרינגען מיר אַרויס, אַז זייערע טרעגער האָבן זיך געפונען ערשט אין אָנהויב פון דער שפּראַך־אויסבילדונג. ווען אַ וואָסער עס איז שטאַרקער אויסדרוק פון דרויסן האָט אויפגערעגט די נשמה פונם הייל־מענש, ווען ער אָדער זיינע שבט־ברידער האָבן געהאַט אַ ניט־געוויינליכע הצלחה אין געיעג, אָדער ווען אין דער אַרומיגער אויסווייניגסטער וועלט איז פאָרגעקומען עפּעס אַ געשעהעניש, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן רושם, האָט ער געקאָנט ווערן געטריבן אויסצודריקן אָט דאָס נייע ווי עס איז אין אַ בילד. זיין שפּראַך האָט אים נאָך ניט געלאָזט איבערצוגעבן אַנדערע דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, אין איינגעזעצטע וואָרט־בילדער, און אַזוי אַרום לאָזט זיך

גרינג דערקלערן, פאַרוואָס דער פּרימיטיווער מענש האָט זיך גענומען פאַרן קריצער, בכדי צו צייכענען אין ווייכן ביין, וואָס עס האָט באַוויזן זיין געמיט. אַזוי ווי אָט די צייכענונגען שטאַמען אַרויס פון דירעקטע איבערלעבונגען, דעריבער זיינען זיי געוואָרן אַזוי אמת לעבעדיק, ווי קוים אַ וואַסער עס איז בילד פונם קולטור־קרייז פון די איצטיגע נאַטורפעלקער.

די שענסטע פּאַלעאַליטישע גראַווירונגען האָב איך געפונען על פי רוב נאָר טיף אין די וואוין־היילן, גוט באַהאַלטן אין איינעם מיט דער שענסטער צירונג און מיט די בעסטע געאַרבעטע כלי־זיין. בראַך־שטיקער פון



בילדער־שריפט פון איצטיגע קאַבילן־פרויען אויפן וואַנט פון אַ וואוין־ביידל

אַזעלכע שפּראַך־בילדער, אָנגעהויבענע, ניט־איינגעגעבענע אָדער געשעדיגטע בילדער זיינען געלעגן מער צווישן דעם אָפּפאַל פונם ישוב, דאָס הייסט, אויסגעמישט מיט רעשטן פון מאָלצייטן, מיט די שטיקלאַך פייערשטיין, וואָס זיינען פאַרבליבן פון די פּאַרטיק געמאַכטע אינסטרומענטן. דערפון איז גערדרונגען, אַז דער מייסטער, וואָס האָט דעם געשניצטן ביין געמאַכט, אָדער דער בעל־הבית, וואָס צו אים האָט ער געהערט, האָט אים געהאַלטן באַזונדערס טייער. מסתּמא נאָר אין אַ יומא דפגרא, ווען עס פלעגט זיך אפשר צונויפקלייבן דער גאַנצער שבט אָפּצוריכטן דעם יום־טוב אָדער צו ברייגנען קרבנות, פלעגט דער אָנפירער אַרויסטראָגן דאָס צירונג־

שטיק צום פּאַראַד. וואָרום ער האָט דערציילט אין זיינע בּילדער וועגן דער גבורה און די מעלות פונם בּעל־הבּית, און אַז ער האָט זיך אויסגעפּוצט אין אָט דער צירונג, האָבּן אַלע געזעהן, אַז פאַר זיי שטייט איינער, וואָס איז אויסגעצייכנט צווישן אַלע זיינע שבט־בּרידער.

טייל צייכנס אויף בּיין און שטיין קאָנען אויך האָבּן דעם בּאַטייט פון אַ מין כישוף־שפּראָכן, אין דעם פאַל איז זיי שווערער אויסצוטייטשן.



אייזערנע שפּיז־שפּיצן פון קאָוועל מיט זילבּערנע רונען־צייכנס פון אַ עלטערער פאָרם (לויט ר. הענניג)

די אינדיאַנער פון צפון־אַמעריקע האָבּן שטעקנס מיט בּילדער אויסגעקריצט אויף זיי, וואָס דערפון ווייסן זיי דעם סדר פון די אָנגענומענע כּישוף־געזאַנגען, וואָס זיי דאַרפן אָפּזינגען. וואו מיר דאַרפן זוכן פּאַראַלעלן דערצו אינם גרויסן מאַטעריאַל, וואָס מיר האָבּן פון דער אַלט־שטיין־צייט, איז נאָך ניט בּאַוואוסט. אויף דער שפּראַך, וואָס רעדט צו אונז פון די פּאַלעאָליטישע צייכענונגען, האָט מען נאָך בּיז איצט געווענדט צו ווינציג אויפמערקזאַמקייט. בּכדי פולקום אויפצוקלערן די ראָזיגע בּילדער־שפּראַך, וואָס ליגט הינטער אונז אויף אַזוי פיל צענדליגער טויזנטער יאָרן, בּאַדאַרף מען ניט נאָר גענוי פאַרגלייכן אַלע זאַכן, וואָס געפינען זיך איצט אין די מוזייען, נייערט עס דאַרפן נאָך אויסגעפירט ווערן נייע אויסגראָבּונגען לויט בּרייטערע שטאַנדפּונקטן און אויף אַ נייעם טעכנישן יסוד.

די אַרטיקולירטע שפּראַך, וואָס וואָלט מעגליך געמאַכט אויסצודריקן אין שיינע בּילדער דאָס, וואָס האָט פאַרנומען דאָס אויג פונם הייל־איינוואוינער און וואָס ער וואָלט גערן געוועזן צו דערציילן זיינע שבט־בּרידער, האָט מסתּמא אַנטוויקלט זיך זעהר פּאַמעליך. אָבּער מען טאָר ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם געדאַנק, אַז גראָד די בּילדער־שריפט האָט מיטגעהאָלפן דעם זוכן אַ שפּראַכליכן אויסדרוק. חוץ דעם, האָבּן זיך מסתּמא פון די בּילדער בּהדרגה אַרויסגעבּילדעט אותיות און שריפט.

עס בלייבט אַ חידוש, וואָס אין די פּאַלעאָליטישע קברים געפינט מען נאָר אַרייַנגעלייגט ווערטפולע כּלי־זיין און געצייג, עס זיינען אָבער ניט געפונען געוואָרן קיין שטיינער אָדער ביינער מיט בילדער־שריפט. דערפון וואָלט מען געקאָנט דרינגען, אַז די לעבן געבליבענע האָבן שטאַרק אָפּגעהיט דעם אוצר פון די בילדער. דער טויטער האָט ניט געטאָרט מיטנעמען מיט זיך קיין זאַך דערפון, וואָס האָט געגעבן זיינע יורשים מאַכט און אויסצייכענונג.

זיבעטער קאַפּיטל

סאָציאַלע גלידערונג

אין סיסטעמאַטיש אויסגעפּירטע אויסגראָבונגען געפינט מען אָפט ערטער, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן דורך די סך שפּליטערס פון פייערשטיין, וואָס ליגן דאָרט. ווען מען פאָרשט דאָס גענויער אויס, ווייזט זיך על פּי רוב אַרויס, אַז מען האָט דאָ צו טון מיט אַ קלענערן אָדער גרעסערן וואַרשטאַט פונם פאַרהיסטאָרישן מענטשן. ווען מיר פּרובן איינשטעלן דעם צייטליכן צוזאַמענהאַנג פון די פיל אַלטע ישובים, וועט אונז פאַרחידושן דער פאַקט, אַז די וואוין־ערטער פונם אַלט־פּאַלעאָליטיקום (אַשעל־ און מוסטיער־צייט) זיינען אַ סך זעלטענער, איידער די פונם מיטלסטן און יינגערן פּאַלעאָליטיקום (מיקאָק ביז מאַגדאַלען־צייט). וועגן דער שייכות פון די דאָזיגע ישובים צווישן אַנאַנדער לאָזט זיך זאָגן אָט וואָס.

בכל אופן זיינען די שבטים פון דער אַלטשטיין־צייט ניט געווען אַזוי פיל אין צאָל, עס זיינען נאָך ניט געווען בכלל אַזוי פיל מענטשן, ווי שפּעטער, ווען עס זיינען געקומען די העכער שטייענדיגע ראַסעס פון דער אָריניאַק־ און מאַגדאַלען־צייט. די געפינס־ערטער פון דער אַשעל־ און מוסטיער־צייט זיינען ווי געזאָגט זעלטן, אָבער קולטור־רעשטן געפינען זיך אין זיי זעהר אַפּולע; דערפון מעג מען אָהן ווייטערע חקירות דרינגען, אַז די פיל שבטים פון דער נעאַנדערטאָל־ראַסע האָבן געציילט אַ סך איינציגע אינדיווידן, און אַז די לעצטע האָבן אין משך פון אַ סך דורות, צענדליגער טויזנטער יאָרן לאַנג, געוואוינט אויף איין אָרט. זיי זיינען אומגעקומען אין קאַמף מיט אַ נייער ראַסע. וואָרום זייערע אַלטע כלי־זיין זיינען געווען גראָב און האָבן ווייט ניט געקאָנט טרעפן. דער חיהשער נעאַנדערטאָל־מענטש איז מסתּמא אָנגעפאַלן אויף זיין פיינט ווי אַ חיה, אָבער דער פלינקערער Homo Aurginacensis האָט געשיקט אויסגעמיידט די געוואָרפענע האַנט־קלינגע, און היות

ווי ער האָט פאַרמאָגט טאַקע ריכטיגע וואָרף־געווער, האָט דער אומבאַוועגליכער נעאַנדערטאָל־מענש געמוזט אָפּראַמען דעם פּלאַץ.

פון די ביז איצט געפונענע סקעלעטן פון די מיטגלידער פון דער נעאַנדערטאָל־ראַסע קאָנען מיר מיט אַ געוויסער זיכערקייט זיך אויסמעלן אויף זייער אויסווייניגסט אויסזעהן, די געשטאַלט פון זייער קערפּער. זייער הייך איז, ווייזט אויס, געווען אונטער דער איצטיגער מיטל־מאָס, מיר קאָנען זי באַצייכענען אַן ערך מיט 161 סאַנטימעטער. די ביינער פון די ענדגלידער זיינען אַזוי גראָב און שווער, אַז אויפן ערשטן בליק דערמאָנט זייער געשטאַלט אָן סקעלעט פון אַ גאָרילאַ. קלאַאַטש האָט זעהר גרינטליך אויסגעפאָרשט אָט די ענליכקייט צווישן די געפינסן אין נעאַנדערטאָל און צווישן די גאָרילאַס און האָט דערביי קאָנסטאַטירט, אַז מיר האָבן דאָ מער ווי אַן אויבנאויפיגע ענליכקייט. ער האָט איינגעזעהן אַ „גאַנץ בולטע דערנעהענטערונג פון דער נעאַנדערטאָל־ראַסע צו די גאָרילאַס“, אָבער ער האָט דאָך פעסטגעשטעלט, אַז די אברים ביי דער נעאַנדערטאָל־ראַסע זיינען „טיפּיש מענשליכע“. וואָרום די הענט זיינען קירצער פאַר די פיס. אויך נאָכן אויספאָרשן דעם שאַרבן האָט קלאַאַטש ערקלערט, אַז מען קאָן ניט אָפּלייקענען אַ געוויסע ענליכקייט צווישן דעם נעאַנדערטאָלער מיטן גאָרילאַ; אין אַ סך פּרטים שטימען זיי מיט אַנאַנד. איך וויל נאָר דערמאָנען אָן די גוליעס איבער די אויגן ביים Homo Mousteriensis, וואָס האָבן געגעבן דעם גאַנצן אויסדרוק פונם יונגען מענשנס פּנים אַ ביז גאָר חיהשן, פּרימיטיוון כאַראַקטער. קלאַאַטש ווייזט נאָך אָן דערויף, אַז פּונקט ווי ביים גאָרילאַ זיינען די אויגן־גוליעס ווינציגער אַנטוויקלט ביים יינגערן נעאַנדערטאָל־עקזעמפּלאַר, ווי ביי אַ פולקום דערוואַקסענעם. דאָס איז בפירוש קענטיג פון די געפינסן פון לע מוסטיער און פון נעאַנדערטאָל־שאַרבן פון אַ זקן, וואָס איז געפונען געוואָרן אין שאַפּעל־אָ־סען (דעפּאַרטמאַן קאָררעז).

דער אָריניאַק־מענש פאַרקערט האָט אונז אין זיין בעסטן פאַרטרעטער, דעם Homo Aurignacensis געגעבן אַ מוסטער פון דער מזרח־ריגער אייז־צייט־ראַסע. די ענדגלידער־ביינער פונם דאָזיגן פאַרהיסטאָרישן מענשן זיינען שלאַנק, דער שטראַלן־ביין פון דער האַנט איז גראָד און ניט געקרימט, ווי ביים מוסטיער־מענש, דער שטערן איז הויך, שיין פאַרקיילאַכט. דער אויסדרוק פונם פּנים ווייזט אויס אַ סך „מענשליכער“ און נעהענטער צום איצטיגן אייראָפּייער. קלאַאַטש האָט עטליכע מאָל דערויף אָנגעוויזן, אַז עס קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין דערפון, אַז דער אָריניאַק־מענש זאָל אָפּשטאַמען פונם מוסטיער־מענש. ביידע

זיינען זעלבשטענדיגע פאַרטרעטער פון צוויי פאַרשיידענע אייז־צייט־ראַסעס, און זייער בשותּפישער שורש, דאַרף מען רעכענען, ליגט זעהר ווייט צוריק. בּיי די ראָזיגע פאַרגלייכנדיגע שטודיען, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס פּאָרזיכטיגקייט, איז קלאַאַטש געקומען צו דער איינזעהעניש, אַז די אָפּשטאַמונג פון דעם אָרינאַק־מענש דאַרף מען זוכן אין דער אוראַנג־אוטאַנג־משפּחה.

לויט די קולטור־געפינסן האָט זיך מיר איינגעגעבן צו בּאַווייזן, אַז עס איז פאַראַן נאָך אַן אייז־צייט־ראַסע, וואָס איז בּיז איצט ניט געווען באַוואוסט, די ראַסע פון לאַ מיקאָק. די סימנים פון דער ראָזיגער אייגנאַרטיגער קולטור, וואָס אירע דאָקומענטן האָט מען זינט יאָרצענדליגער פאַלש אויסגעטייטשט, האָב איך אין פריהיאָר 1916 געפונען אויך אין רייטשע געגנטן. איך האָב דעמאָלט אָנגעוויזן, אַז גראָד אין דער אויספאָרשונג פון די רייטשע געפינס־פּלעצער איז נאָך גאָרנישט געטאָן געוואָרן, און אַז פאַר דער דייטשער פּרעהיסטאָריע וואָלט עס געווען זעהר וויכטיג צו ווענדן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם געבּיט. די קולטור־שיכטן פון יענע ערטער האָבן בּאַוויזן אַ גרויסע ענליכקייט מיט די רעשטן פונם פּאַלעאָליטישן מענשן פון לאַ מיקאָק. נייע געפינסן אין עהרינגסדאָרף בּיי וויימאַר האָבן דאָס נאָך בּולטער בּאַשטעטיגט. די קולטור פון עהרינגסדאָרף האָב איך דער ערשטער צוגערעכנט צו דער לאַ מיקאָק־צייט און שטעל זי אַוועק אויף איין ליניע מיט יענעם געפינס־אָרט פון רייטשלאַנד, וואָס איך האַלט אים פאַר בּאַזונדערס כאַראַקטעריסטיש: דאָס איז קעסטען בּיי ליכטענפעלז בּיים מאַין.

היות ווי די קולטור פון דעם קעסטען־מיקאָק־טיפּ איז אַ גאָר בּאַזונדערע, איז עס ניט געווען צו דרייסט אַרויסצודריִנגען, אַז מיר דאַרפן זוכן די בּאַשעפער פון דער ראָזיגער קולטור ניט צווישן די אייז־צייט־ראַסעס, וואָס זיינען אונז בּיז איצט בּאַקאַנט. די בּולטע סימנים פון אַן אונטערשטן קינבּאַק, וואָס איז געפונען געוואָרן אין עהרינגסדאָרף אין יאָר 1914 און וואָס אונטערשיידט זיך שטאַרק פון די בּיז אַהער בּאַוואוסטע קינבּאַקן פון דער אייז־צייט, האָבן נאָך בּאַשטעטיגט מיין מיינונג. שוין שוואַלבּע האָט אָנגעוויזן דערויף, אַז דער ווייבּאַרער אונטערשטער קינבּאַק בּאַווייזט אַ זעהר נידעריגן צושטאַנד, וואָס שטייט נעהענטער צו די מענשן־ענליכע מאַל־פּעס (דעם שימפּאַנזע), איידער צו דער ראַסע פון נעאַנדערטאַל. אין יאָר 1917 האָט אָפּגעגליקט צו געפינען אַ צווייטן אונטערשטן קינבּאַק*)

*) בּיידע קינבּאַקן געפינען זיך אין שטאָטישן מוזיי פון ווייבּאַר, וואָס האָט בּכלל אַ פיינעם מאַטעריאַל פון גאַנצן פּאַלעאָליטישן געבּיט.

אין די שטיין־בראָכן פון עהרינגסראָרף. אויך דאָס דאָזיגע געפינס לאָזט משער זיין, אַז דער אורמענש פון עהרינגסדאָרף דאַרף שטיין אין קרובעשאַפט מיט דער שימפּאַנזע־משפּחה. געאָלאָגיש איז דערוויזן, אַז די עהרינגס־דאָרפער געפינס־שיכטן געהערן צו דער דריטער צווישנאייז־צייט; לויט דער צייט ליגן, הייסט דאָס, לאַ מיקאָק און עהרינגסדאָרף פּאַראַלעל, זייער קולטור איז אַבסאָלוט גלייך, געוויסע פאַרשיידנהייטן זיינען פאַראַן נאָר בנוגע צו איינציגע געציַיג, וואָס זיינען בעסער געמאַכט אין דעם אָדער יענעם אָרט. דער מין פון דער טעכניק אָבער באַווייזט אויף דער מיקאָק־ליניע, און נאָכדעם ווי עס זיינען אַנטדעקט געוואָרן די צוויי אונטערשטע קינבאַקן פון עהרינגסדאָרף, איז, דוכט מיר, מיין ערקלערונג, וואָס איך האָב פעסטגעשטעלט אויפן קולטורעלן וועג, איצט באַוויזן אויך אַנטראָפּאָ־לאָגיש.

דורך פינף געפונענע שאַרבנס איז די ראַסע פון קראָ מאַניאָן באַוואוסט זינט 1868; זי פירט אַריבער צום טיפּ פון שאַנסלאַר, אַ געפינס־אָרט ביי פּעריגע־דאָרדאָן, און דערנאָך צו דער ראַסע פון דער מאַגדאַלען־צייט. די אַנטוויקלונג פון דער דאָזיגער ייִנגסטער ראַסע פון דער אייז־צייט איז נאָך ניט אויפגעקלערט; מיר דוכט אָבער, אַז עס קאָן גאַנץ גוט געמאָלט זיין, אַז אַ כסדרדיגע אַנטוויקלונג האָט אַריבערגעפירט פונם אָריניאַק־טיפּ ביז צום מאַגדאַלען־טיפּ, און דערביי האָבן זיך אין משך פון אַ געוויסער באַגרענעצטער צייט צוגעמישט נייע פעלקער, וואָס זיינען געקומען פון אַנדערשוואו.

אָט די מאַגדאַלען־ראַסע האָט פאַרמאָגט די בעסטע היילן, און דאָרט האָט די נייע ראַסע באַלד זיך באַזעצט.

דער אָריניאַק־שיכט פון איינעם פון מיינע אינטערעסאַנטסטע שטודיען־פעלעצער איז אָפּגעשיידט פון די אַשעל־שיכטן, דאָס הייסט, פון דער צייט פון דער נעאַנדערטאַל־ראַסע, דורך קלענערע שיכטן, וואָס מען געפינט אין זיי גאָרנישט — טאַקע דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך אויסגעבילדעט אין אַ צייט, וואָס די הייל איז ניט געווען באַוואוינט. די אַנאַטאָמיש־אַנטראָ־פּאָלאָגישע סימנים אויפן סקעלעט פון דעם Homo Aurignacensis האָבן קלאָרגעשטעלט, נאָך גענויערע אויספאָרשונגען, געבראַכט צו דער השערה, אַז די נייע ראַסע האָט זיך אויסגעמישט מיט דער אַלטנעזעסענער.

ס׳פאַרשטייט זיך, וואָס מער מיר דערנעהענטערן זיך צו די געגנטן פונם וועזער־טאָל, אַלץ גרעסער ווערן די אָפּלעגערונגען פון די פעלקער פון דער נייער אייזצייט. דער דאָזיגער פאַקט ווייזט זיך אַרויס צום בולטסטן, וואָס מער מיר דערנעהענטערן זיך צום צענטער פון די פּאַלעאָליטישע ישובים,

לעז־אייזי, יענעם קליינעם, אַמאָל אומבאַקאַנטן דערפֿל, וואָס איז איצט געוואָרן פֿאַר דער פּאַרהיסטאָרישער וועלט דאָס, וואָס פּאָמפּיי פֿאַר דער אַנטיקער וועלט. די גרויסע אויסגראָבונגען, וואָס איך האָב אונטערגענומען, אַרויסגייענדיג פֿון אָט דעם צענטראַל־פּונקט, ציהען זיך אויף אַ שטח פֿון אַן ערך 130 קילאָמעטער אין היקף. די גראָבונגען, דאָס מוז דאָ איין מאָל געזאָגט ווערן, זיינען ניט קיין קליינע עפֿענונגען און לחלוטין ניט ענליך צו נעאָליטישע אויסגראָבונגען אָדער צו די אָפּגראָבונגען פֿון איינציגע איזאָלירטע קברים־בערגלאַך. עס איז אַ זעהר ברייט אויסגראָבונגס־פֿעלד. אמת, די חורבות שטאַרצן ניט אַרויס, ווי אין קלאַסישן אַלטערטום, איבער דער ערד אין געשטאַלט פֿון צעפֿאַלענע פּאַלאַצן אָדער געפּלאַצטע זיילן. די ערות פֿונם אַלטן לעבן מוז מען זוכן טיף אין דער ערד, און דערפֿאַר אַליין שטעלט אויך איטליכער אויסגראָב־אָרט פֿיר שוין אויסוויינינג אַ בילד פֿון גוואַלדיגע ערד־באַוועגונגען. עס זיינען פֿאַראַן ישובים, וואָס מוזן אויסגעפֿאָרשט ווערן אויף אַ מהלך פֿון 200 מעטער און מער, און האַרט נעבן זיי ציהט זיך ווידער אַ ניי געביט פֿון אַמאָליגע וואוין־ערטער.

אַ טייך, אין אונזער פֿאַל די וועזער, האָט ניט געקאָנט זיין קיין שטערעניש אין דעם קעגנזייטיגן פֿאַרקער צווישן איינציגע שבטים, וואָס זיינען ניט געווען פֿיינטליך צו אַנאַנד. דער פּאַרהיסטאָרישער מענש האָט געוויס באַלד זיך אויסגעלערנט אַריבערצושווימען דאָס וואַסער אויף אַ בוים־שטאַם. און אין דער טרוקענער צייט פֿון יאָר זיינען געווען גענוג פֿלאַכע ערטער אין טייך, וואָס איבער זיי האָט ער פּשוט געקאָנט אַריבערגיין אויף יענעם ברעג.

נאָך איצט, ווען דאָס וואַסער שטייט נידעריג, גייען די איינוואוינער פֿון וועזער־טאָל אַזוי אַריבער דעם טייך אויף צו קומען פֿון לאָזשרי קיין קראָמאַניאָן, צו דער קירך און דאָרף פֿון לעז־אייזי. מענער און פֿרויען טוען אויס די שיך, ווי וויט זיי טראָגן בכלל אַזעלכע אויף די פֿיס, פֿאַרקאַשערן הויך די פּאָלעס און שפּאַנען דורכן וואַסער; אַזוי פֿאַרקירצן זיי זיך דעם וועג מער ווי אויף דער העלפֿט. פּונקט אַזוי האָבן עס מסתמא געטאָן זייערע אבות אין דער פּאַלעאָליטישער צייט.

אַ פֿיינע פּאַראַלעל צו די דאָזיגע פּשוטע אַריבערגאַנגען איבערן טייך ווערט גראָד איצט דערציילט, בעת איך זיץ איבערן קאַפּיטל פֿון די ישובים.

פֿון פֿראַנט שרייבט מיר אַ דייטשער נאַטור־פֿריינט, אונטער דער השפּעה פֿון מיין בוך „דער מענש מיט הונדערט טויזנט יאָר צוריק“, וואָס ער האָט אָקאָרשט איבערגעלייענט, וועגן אַן אַנטדעקונג, וואָס ער האָט געמאַכט נאָך אַ יינגל זייענדיג, מיט אַן ערך 22 יאָר צוריק.

אין אַ גרויסאַרטיגן רייטשן טאָל האָבן אַרבעטער אין אַ שטיין־בראָך אויפגעגראָבן אַ הייל; דער יונגער מענש האָט זיך דאָרט געגריבלט און געזוכט אוצרות און געפינסן; ער האָט געהאַט לעבעדיג אין זכרון די מעשה מיטן געפינס אין נעאַנדערטאָל, וואָס ער האָט גראָד וועגן דעם געהאַט געלייענט.

און טאַקע: ער האָט געפונען אין לײם צײן און בײנער פון הײלן־בער און לסוף אַפילו אַ מענשישן שאַרבן מיט אַ סך צײן; אַ דאָקטאָר האָט דאָס שפּעטער דעם יינגל קלאָר געמאַכט. אַלץ איז געבליבן ליגן, אויסגעגעסן געוואָרן פון דער לופט און איז פאַרשוואונדן. מלא שמחה איבער זיין געפינס, האָט דער יינגל געעצהט, מען זאָל וועגן דעם צו וויסן געבן דעם אוניווערסיטעט פון באָן, ווייל, ווערליג ער האָט געוואוסט, געפינען זיך דאָרט די געפינסן, וואָס פולראָט האָט געמאַכט. נאָר מען האָט דעם יינגל אויסגעלאַכט, ווי ער האָט מיר געשריבן דעם 17 יוני 1917: „מען האָט מיך אויסגעלאַכט, ווייל איך בין געווען צו יונג“... „די עפענונג פון דער הייל איז געווענדט קיין דרום, און צופוסן, 8 מעטער טיפער, פליסט דאָס קרישטאָל־קלאָרע וואַסער פונם... טייכל אין אַ שטייניגן געלעגער“...

און אין טייכל ליגן אויסגעלייגט אוראַלטע פלאַכע גרויסע שטיינער פון איין ברעג צום צווייטן — מען זעהט זיי זיינט קדמונים, און קיינער ווייס ניט, ווער עס האָט דערפאַר געזאָרגט צו שאַפן דאָרט אַן איבערגאַנג; וואָרום הייזער זיינען בשכנות דאָרט קיין מאָל ניט געשטאַנען.

לויט דער גאַנצער באַשרייבונג ווייזט אויס, אַז די הייל איז געווען אַ פּאַלעאָליטישער ישוב, די געפינסן זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, דער שאַרבן פאַרשוואונדן — און דאָס איז געשעהן אין יאָר 1895!

שטאַרקע מענשן־שבטים האָבן טיילמאָלס זיך אויסגעקליבן די זוניגסטע און גרעסטע היילן און האָבן דאָרט אָפּגעוואוינט לויט אונזערע השגות אַ ניט־געוויינליך לאַנגע צייט.

די וואוין־ערטער פון די מיטגלידער פון דער נעאַנדערטאָל־ראַסע ליגן אַלע ווייט אָפּגערוקט פון אַנאַנד. ערשט אין נייעם פּאַלעאָליטיקום, ביי די אָריניאַק־מענשן, זעהען מיר די ישובים געדיכטער פאַרטיילט. בפרט אָבער זינט דעם מאַגדאַלען־פּעריאָד ליגן די וואוין־ערטער נאָהענט נעבן אַנאַנד און בילדן אין אַ געוויסער מאָס אַ דאָרף־ישוב.

קלאַאַטש איז געווים גערעכט, ווען ער זאָגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז די ערשטע מענשן־שבטים האָבן ביי זייער אויסשפּרייטונג זיך געלאָזט פירן נאָר פון דעם פאַרלאַנג נאָך נייע געיעג־פּלעצער. ווען אין ערשטן ישוב־ראַיאָן איז דאָס געווילד אין צאָל פאַרקלענערט געוואָרן און שוין אַזוי

איינגעשראָקן, אַז עס איז שווער געווען צו הרגענען דעם נויטיגן רויב, האָט מען זיך אַריבערגעקליבן — אויף אַ נייעם אָרט, וואָס האָט געדאַרפט אָפּשטיין ניט מער ווי אויף עטליכע קילאָמעטער — דאָרט האָט מען געפונען בעלי־חיים, וואָס האָבן גרינגער צוגעלאָזט צו זיך, און מער געווילד צום געיעג. דורכדעם ווערן ערקלערט די סיבות פון די עלטסטע וואַנדערונגען, בעת די וואויך־ערטער זיינען נאָך ניט געווען אַזוי פאַרוואָרפן מיט אָפּפאַלן פון מאָלצייטן און געיעג. דער זעלביגער שבט אָדער דער צווייטער דור איז אין אַ געוויסער צייט אַרום צוריקגעקומען צום וואויך־אָרט פון זיינע אבות, זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט די זעלביגע געצייג־טעכניק, האָבן זיך פאַרנומען מיט דער זעלביגער קונסט, און דערפון לאָזט זיך ערקלערן, ווען מיר געפינען עטליכע מאַגדאַלען־שיכטן, ליגנדיג איינס איבערן אַנדערן, אָבער אָפּגעשיידט פון אַנאַנד דורך אַ מער אָדער ווייניגער גראָבן שיכט, וואו מען געפינט גאָרנישט. בהדרגה איז דער מענש געווען געצוואונגען אויסצוקלערן נייע געיעג־מעטאָדן און אויסצואַרבעטן זיך נייע כּלי־זיין. דאָס געיעג איז נאָך ניט געווען קיין ספּאָרט, יאָרטויזנטער לאַנג איז עס געבליבן אַ נויטווענדיג מיטל אָנצושאַפן זיך שפּייז, צו שטילן דעם הונגער.

פון אָט דער מאַגדאַלען־צייט האָב איך געמאַכט אַ באַאָבאַכטונג, וואָס פון איר קאָן מען אַרויסדרינגען וועגן געוויסע סאָציאַלע צושטאַנדן, וואָס האָבן שוין דעמאָלט עקסיסטירט. אונטער אַ מעכטיגן פעלז־דאַך, וואָס האָט אין זיין גאַנצער האָריזאָנטאַלער אויסשפּרייטונג געשאַפן אַ געלעגנהייט צו אַ זעהר באַקוועמען ישוב, האָב איך באַמערקט עטליכע פון אַנאַנד אָפּגעזונדערטע ישובים. די קולטור־רעשטן, וואָס מען האָט געפונען ביים אויסגראָבן, סיי ווערטיקאַל און סיי האָריזאָנטאַל, זיינען געווען אומעטום די זעלביגע. אָבער דער גאַנצער פּלאַץ איז איינגעטיילט אין דריי פאַר־שיידענע ישובים, וואָס געהערן אָבער אַלע צו איין צייט, ווערליג איך האָב געקאָנט קאָנסטאַטירן לויט די געפינסן. צווישן אָט די ישובים ליגן ברייטע פּאַסן ניט באַרירטע ערד, וואו עס זיינען בכלל קיין געפינסן ניטאָ. עס ווייזט אויס, אַז דער גאַנצער שבט איז געווען צעטיילט אויף איינציגע משפּחות, וואָס האָבן אויך געוואוינט אָפּגעזונדערט איינע פון דער אַנדערער. עס זיינען אפשר געווען לכתּחילה אַ סך משפּחות, וואָס זיי איז אייגנ געוואָרן דער אָרט, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך פאַרמערט, און דעריבער האָבן זיי אָפּגערוקט זייער ישוב ווייטער אין הייל אַריין. אָט די צעטיילונג פון די משפּחות פון דער פאַרהיסטאָרישער צייט דערמאָנט אָן אַן איצטיגער פּויערים משפּחה, וואָס טיילט זיך אָפּ פון דער שטאַם־נחלה.

די יונגע האָבן ווייטער אויסגענוצט די זעלביגע טעכניק, וואָס די אַלטע; קיין אויסבעסערונג אין באַאַרבעטן דעם פייערשטיין אָדער ביין איז ניט צו מערקן. וואָרום שוין דער ראש פונם אַלטן שבט האָט פאַרשטאַנען צו מאַכן פונם רוי־מאַטעריאַל אַלע געצייג־פאָרמען, וואָס זיינען נויטיג געווען צוליב דעם טעגליכן באַדאַרף. היות ווי דער פייערשטיין לאָזט זיך באַ־אַרבעטן נאָר לויט באַשטימטע פרינציפּן און היות ווי ביים אויסאַרבעטן



אזוי אָנגערופענע קאָמאַנדע־שטעקנס — קולט־שטעקנס (אויבן לויט לאַרטע און קריסטי אונטן לויט האוזער)

די כלי־זיין און געצייג האָט מען געהאַט אין זינען נאָר דעם נוצן, דעריבער זיינען די פאָרם און די געזירשענטע אויספירונג געבליבן גלייך. איך האָב שוין פריהער אָנגעוויזן דערויף, אַז מען דאַרף באַטראַכטן דאָס געצייג ווי אַ פּראָדוקט פון אַ באַשטימטער מח־אַרבעט, און אַז זיין פאָרם איז אָפּגע־האַנגען נאָר פון דער גרעסערער אָדער קלענערער געשיקטקייט פונם אַר־בעטער.

עס איז געוויס, אַז בראש פונם גרויסן ישוב איז געשטאַנען אַן אָנפירער. עס האָט געקאָנט זיין דער עלטסטער אָדער דער מוטיגסטער יעגער, דער

גרעסטער גבור אָדער דער, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע צאָל און די זעלטנסטע טראָפייען. אים האָבן די מיטגלידער פון שבט אָפּגעגעבן גרויס כבוד; ער איז געווען דער מושל אין דער קליינער מלוכה פון דער הייל, און אים האָבן אַלע געפאָלגט. ווען אין דער געגנט איז געוואָרן ווינציג געווילד, און דער שבט איז געווען געצוואונגען אויסצוואַנדערן, צו זוכן נייע וואוין־ערטער און באַזעצן זיך אין ווייטע געגנטן, דעמאָלט איז אָט דער פירער געגאַנגען פאָראויס פאַר זיין פאָלק, ווי אַ סימן פון זיין מאַכט האָט ער געטראָגן עפּעס אַ צירונג, וואָס האָט אים אויסגעצייכנט, אָדער געהאַט כלי־זיין פון אַ באַזונדערס גוטער פאָרם. זיין גאַרטל איז געווען באַהאַנגען מיט די רייך אויסגעפּוצטע „קאָמאַנדער־שטעקנס" — אַזוי זעהען מיר קומען פון מזרח־זייט דעם Homo Aurignacensis פון קאָמבּ־קאַפּעל, ווי אַ פירער פון זיין שבט, און אים, וואָס האָט אַריבּערגעשטייגט אין פייהיגקייטן זיינע חברים, איז אויך געגעבן געוואָרן אַ באַזונדערס גוט געמאַכטער קבר.



מיטגאָבן אין קבר פונם Homo Mousteriensis

ווען אַ פירער איז געשטאָרבן, האָט מען זיין טויטן קערפּער ניט ערגעץ ווי פאַרגראָבן אין דער ערד, ניט אין טייך געוואָרפן און ניט געלאָזט ליגן ערגעץ אויף אַ בּערגל; מען האָט פאַר אים געמאַכט אַ פיינעם קבר, און שטענדיג אין דער אייגענער וואוין־הייל. בּיי מיינע אויסגראָבּונגען האָב איך ניט איין מאָל געקאָנט באַווייזן, אַז דאָס פּנים פון אַזאַ באַגראָבענעם איז געווען אַלע מאָל געווענדט צום וואוין־אָרט. דער פאַרשטאָרבענער האָט תּמיד געראַפּט זעהן, אַז די איבּערגעבּליבּענע מיטגלידער פון שבט היטן אים; זיי האָבּן מורא געהאַט, ער זאָל ניט קומען צוריק, איצט מיט זיינע גוואַלדיגע כּחות, און דערפאַר האָבּן זיי איבּער זיין טויטן קערפּער אָנגעלייגט אַ הויפן שטיינער. פּונקט ווי די איצטיגע ווילדע האָבּן מורא פאַר דער נשמה פון אַ פאַרשטאָרבענעם גבּור פון זייער שבט, אַזוי האָט שוין דעם פאַרהיסטאָרישן מענשן באַהערשט אַ געוויסער אָפּשיי פאַרן אָפּגעשטאָרבענעם פירער. דער דאָזיגער אָפּשיי איז אויסגעוואַקסן צו פּחד, און דאָס איז די התחלה

פון יענעם צושטאַנד, וואָס שפּעטערדיגע רעליגיעס האָבן אים אַ נאָמען געגעבן מורא פאַר גאָט.

אַז די אָפּפאַלן פון די מאָלצייטן און די אָפּגעבראָקלטע שטיקער שטיין פון מאַכן געצייג און כּלי־זיין זיינען אויסגעוואַקסן צו אַזעלכע הויפנס, אַז זיי האָבן פאַרשטעלט דעם צוגאַנג צו דער הייל און דעם אַרויסקוק פון איר, דעמאָלט האָט זיך דער שבט געלאָזט ווידער אין וועג אַריין און געזוכט זיך אַ באַקוועמערן אָרט אויף צו באַזעצן זיך. אין אַזאַ הייל־ישוב איז שוין געווען אַ געוויסער געפיל פאַר משפּחה; דאָס באַווייזט דער אופן, ווי אַזוי עס איז באַגראָבן געוואָרן דער געפונענער יונגער מענש פון לע מוסטיער. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 16 ביז 18 יאָר, און זיין משפּחה האָט זיין קבר זאָרגעוודיג אָפּגעהיט, באַשיצט דעם טויטן קערפּער קעגן ווילדע חיות, און אַזוי אַרום איז אָט דער וויכטיגער דאָקומענט פון די פריהסטע פאַרהיסטאָרישע צייטן געקומען צו אונז אין אַ גוטן צושטאַנד. מען האָט דעם יונגען פאַרשטאָרבענעם מיטגעגעבן אין קבר דאָס בעסטע געצייג און כּלי־זיין פון דער משפּחה, מען האָט געגעבן אים אַוועקגעלייגט שפּייז אויפן טויטן־וועג. דאָס אַלץ באַווייזט אַ שוין הויך אַנטוויקלטן קולט־געדאַנק, נאָר דערביי איז נאָך ניט באַשטימט, צי האָט מען דאָס געטאָן אויס מורא פאַרן פאַרשטאָרבענעם אָדער אויס ליבשאַפט צו אים. אויך אויפן ראָזינן געפינס־אָרט *) האָבן די יעגער־נאָמאַדן געוואוינט אַ לאַנגע צייט; בשעת איך האָב דער ערשטער אָנגעהויבן אויסצופאָרשן די הייל אין יאָר 1907, איז זי פון אויבן ביז אַראָפּ געווען אָנגעפילט מיט רעשטן פון מאָל־צייטן און מיט געצייג־ און כּלי־זיין־אָפּפאַלן.

איך האָב שוין אויבן גערעדט וועגן דער טיילונג פון די שבטים און אָנגע־וויזן דערויף, אַז גרויסע שבטים זיינען אויך אין די באַזונדערע ישובים געווען צעטיילט אויף איינציגע משפּחות. ביים טון פאַרשיידענע אַרבעטן זיינען שוין דעמאָלט געווען מייסטערס און פּאַרטאַטשעס: דאָס ווייזט זיך אַרויס צום בעסטן, ווען מען פאַרגלייכט צווישן אַנאַנד אַלע געפינסן פון אַ גרויסן קולטור־שיכט. די טעכנישע אויספירונג פון פיל געצייג, כּלי־זיין און צירונג־זאַכן ווייזט באַלד אויפן ערשטן בליק, וואו מיר האָבן די אַרבעט פון אַ מייסטער און וואו עס שטעקט דער אָנהויבער.

אָבער נאָך אַ זאַך האָב איך עטליכע מאָל באַמערקט. די אויסאַרבעטונג, לאָמיר זאָגן, פון אַ מעסער אָדער פון אַ שאָבער, קאָן גענוי שטימען מיט דער אויסאַרבעטונג פון נאָך אַנדערע מעסערס אָדער שאָבערס פון זעלבן

*) אונטערשטע הייל פון לע מוסטיער, סטאַנציע 44.

אָרט. אַז מען פאָרשט אויס די זאַך נעהענטער, ווייזט זיך אַרויס, אַז עס קאָן אַנדערש ניט געמאָלט זיין, ווי אַז איין און דער זעלביגער מענש האָט דאָס אַלץ געמאַכט. אויך די אויסאַרבעטונג פון דער צופּאַסונגס־פלאַך איז

וואַרשטאַט פון דער מאַגדאַלען־צייט

געווען געמאַכט ווי לויט אַ שאַבלאָן. אויף דורכגעלעכערטע צירונג־שטיקער, אויף ציינדלאַך און ביינדלאַך, וואָס זיינען געווען אַרויפגעצויגן אויף אַ שנור און געטראָגן געוואָרן ווי אַ האַלזבאַנד, האָב איך אָפטמאָלס געקאָנט באַווייזן, אַז נאָר איין און דער זעלביגער מענש האָט געמוזט מאַכן די לעכערונג.

ווי באַלד אַז עמיצער האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע פֿייהיגקייט צו אַ געוויסער אַרבּעט, האָט ער זי אויך שטענדיג באַראַרפּט טון. עס זיינען געלעגן צעוואָרפֿן אַ סך שטיקער פֿייערשטיין פון געצייג, וואָס זיינען אין דער אַרבּעט צעבּראָכן געוואָרן אָדער זיי זיינען אַרויס ניט־געראָטן. גראָד פון די דאָזיגע אָפּפאַלן זעהען מיר טיילמאָלס, אַז ניט איטליכער אַרבּעטער האָט גלייך פאַרמאָגט אָפּצושאַצן זיין אַרבּעט; איינער האָט אַוועקגעוואָרפֿן אַ זאַך, וואָס אַן אַנדערער, אַ ווייניגער געשיקטער אַרבּעטער, וואָלט זי געהאַלטן פאַר ראוי ווייטער צו באַאַרבּעטן. רוי־מאַטעריאַל האָט דער היילן־מענש געהאַט די והותר; ניט ווייט פון די וואוין־היילן זיינען אין די קרייטפעלזן געווען איינגעלעגערט רייכע פֿייערשטיין־לאַגערס; דעריבּער זיינען זיי ניט געווען געצוואונגען צו באַאַרבּעטן רוי־מאַטעריאַלן, וואָס פאַסן שלעכט. דאָס איז אויך איינע פון די סיבּות, פאַרוואָס דאָס רוב פּאַלעאָליטישע געצייג און כּלי־זיין, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין וועזער־טאָל, זיינען אַזוי טעכניש פולקומען.

אווסטראַלישער כּישוף־דאָקטאָר מיט אַ צוטשע־פּעניש צו דער באָרד

די מער אָדער ווייניגער גרויסע געשיקטקייט האָט געמוזט אויך בּריינגען סוף כּל סוף צו אַן אַרבּעטס־טיילונג. עס האָט זיך מיר איינגעגעבן צו באַשטעטיגן אָט דעם פאַקט דורך מיינע געפינסן אין דער לאָזשרי באַס, מיין אויסגראָבּונג־סטאַנציע נומער 20. איך האָב דאָרט אויפגעגראָבּן אין מיטן די פאַרשיידענע קולטור־אָפּלעגערונגען פון דער מאַגדאַלען־צייט אַ וואַרשטאַט, וואָס אַרום אים זיינען געווען אויסגעשטעלט פערצען שטיינער אויף צו זיצן; אויף זיי זיינען געזעסן בּיי דער אַרבּעט די אַרבּעטער פון דעם פאַרהיסטאָרישן שבט. געגויע אויספאָרשונגען אויף דעם אָרט האָבּן דער־

וויזן, אַז דאָ האָבן געאַרבעט ספּעציעל געשיקטע בײַן־שניצער, וואָס האָבן געמאַכט פון פּאָלאַר־הירש־ביין נאָדלען, נאָלן, קינזשאַלן און האַרפּונעס. אָפּפּאַל־שטיקער פון פייערשטיין־געצייג האָבן זיך דאָ ניט געפונען; אַלע געצייג פון פייערשטיין האָבן זיך אַרויסגעוויזן גוט אויסגעאַרבעט און האָבן געדינט נאָר ווי אינסטרומענטן בײַ דער אַרבעט. דערפון האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז אויף דעם אָרט זײַנען געזעסן נאָר געניטע בײַן־שניצער. פון אָט דער גרופּע טעכניש בעסער געלערנטע צייכנט זיך אויס איינער, וואָס איך וואָלט אים אַ נאָמען געבן דער „פאַרחלומטער קינסטלער״.

די מענשן פון זיין שבט האָבן מסתּמא ניט שטאַרק געהאַלטן פון אָט דעם קינסטלער, וואָס איז געווים געווען שטאַרק טאַלענטירט. ער האָט ניט געהאַט קיין גוסט צום געיעג, צו טויטן רויב: ער האָט פאַרקערט שטאַרק הנאה געהאַט צו קוקן אויף די חיות און נאָכצושפּירן זייער לעבן. בעת זיינע ברידער זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף געיעג, איז ער מיט זיי ניט מיט־געגאַנגען, נאָר ער האָט זיך פאַרנומען אויף זייטיגע וועגן. ניט ווייט פון יענעם אָרט פאַלט אַריין אַ טייכל אין דער וועזער, און די לעפצונג פונם טייכל איז געווען געדיכט פאַרוואַקסן מיט בוימער. דאָרט אין מיטן דער געדיכטעניש האָט ער זיך געקאָנט באַהאַלטן און נאָכקוקן אומגעשטערט די חיות, וואָס גייען צום טרינקען. און האָט ער אַרויפגעשטייגט העכער, צום נידער־וואַלד, האָט ער געקאָנט זעהן שפּאַנען פּאַוואָליע דעם יוסטן גרויסן היילן־בער. אויפן אויבערשטן באַרג־שפּיץ האָט זיין שאַרף אויג אויס־געשפּירט דעם פלינקען שטיינבאָק, וואָס שפּרינגט איבער פון איין שפּיץ צום אַנדערן און רופט אַרויס באַוואונדערונג בײַם שטילן צוקוקער. פול מיט די ראָזיגע איינדרוקן פון דער אַרומיגער לעבעדיגער נאַטור, איז ער דערנאָך געקומען צוריק צו זיך אין דער וואוין־הייל — גענומען אַ פלאַכן שטיק שטיין און מיטן שאַרפן שניץ־מעסער פון פייערשטיין האָט ער גע־פּרובט איינקריצן אין שטיין אָט דאָס גאַנצע לעבן, וואָס ער האָט מיט התפּעלות זיך אָנגעקוקט. אַזוי איז אַרויסגעקומען אַ מין עסקיזבוך מיט פאַרשיידענע בעלי־חיים, בערן, פערד, אַנטילאָפּעס, שטיינבעק, אַלע לעבע־דיג אויסגעמעלט.

אַן ערך זעקס מעטער ווייט פון אָט דעם וואַרשטאַט איז געווען דער אָרט פון אַ צווייטער אַרבעטס־גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון זעהר פייניגע פייערשטיין־האַקערס. דאָ האָב איך קיין שום ביינערנע אינסטרומענטן ניט געפונען, דערפאַר אָבער רוי־מאַטעריאַל פאַר פייערשטיין־געצייג און געצייג גופא אין פאַרשיידענע סטאַדיעס פון זייער אויסאַרבעטונג.

אַז בראש פון אַזאַ שבט איז געשטאַנען אַ פירער, אַן עלטסטער, איז געדרונגען פון די אַלע זאַכן, וואָס מען האָט געפונען ליגן אין איינעם מיטן Homo Aurignacensis. אים דאַרפן מיר זיך ניט אַנדערש פאָרשטעלן, ווי אַ פירער פון זיין שבט; דאָס באַווייזט שוין דער זאָרגעוודיגער אופן, ווי אַזוי ער איז באַגראָבן געוואָרן, אַז ער איז געווען הויך געאַכט ביי זיין שבט, און אפשר האָט מען אויך פאַר אים מורא געהאַט.

מיין לעצטע אַנטדעקונג, דער מזבח־פּלאַץ, באַווייזט אונז אויך די עקסיסטענץ פון אַ באַזונדער קאַסטע ביי די אַלטע הייל־מענשן — אַ כהנים־קאַסטע; איך האָב דאָרט געפונען אַלע מכשירים, וואָס זיינען נויטיג צו ברייגנען קרבנות. דורך אָט דעם פאַקט קומען מיר צום קולטגעדאַנק, וואָס לעבט שוין אין באַשטימטע פאָרמען אין דעם אַלטן פאַרהיסטאָרישן מענשן. די ערשטע מאָטיוון דערצו ליגן אין די פרימיטיווע אידייען וועגן אַ „יענער וועלט“ און שטאַמען אַרויס פון דער מורא, עס זאָל ניט צוריקקומען די „נשמה“, וואָס איז אַוועק פונם טויטן. אָבער קיין פאָרשטעלונג וועגן אַ העכערן עצם איז ניטאָ דערביי. זיי זיינען פאַרבונדן מיטן העכערן לעבנס־פיר, וואָס האָט אויסגעצייכנט דעם מענשן אין דער שפּעטערער אַלטשטיין־צייט.

וועגן דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרהיסטאָרישע שבטים קאָנען מיר, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט ניט וויסן. אָבער פון די פּאַראַלעלן מיטן צושטאַנד פון די איצטיגע נאַטור־פעלקער מעגן מיר דרינגען, אַז שוין פריהצייטיג האָבן זיך אינם שבט אויסגעבילדעט אונטערשיידן אין מעמד און גראַד.

קלאַאַטש האָט מיט רעכט דערויף אָנגעוויזן, אַז אין די עלטסטע מענשליכע שבטים האָט נאָך ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַן אָרגאַניזירטער „רעגירונג“; אַ ראיה דערצו ברייגנט ער פון די איצטיגע אַוסטראַליער. פונקט ווי ביי טשאַטעם בעלי־חיים, האָבן מסתמא איינציגע עלטערע אינדיווידן געוועלטיגט איבער די איבעריגע אַדאַנק זייער קערפּער־קראַפט. „ווען מיר ווילן בכלל צוגלייכן דעם נידעריגסטן סאָציאַלן צושטאַנד ביים פרימיטיוון שבט מיט אַ רעגיר־סיסטעם פון שפּעטערע קולטור־מדרגות, מוזן מיר אים אָנרופן אָליגאַרכיע, ווייל עס האָבן געוועלטיגט עטליכע יחידים, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט דורך באַזונדערע מעלות, בפרט דורך פיזישן כח. אָבער סיי זייער הערשאַפט און סיי זייערע רעכט זיינען געווען אומבאַשטימט. יינגערע עלטערע מענטשן האָבן געקאָנט זיי אַרויסשטופן, פונקט ווי דאָס קומט פאָר אין די טשערעדעס פון בעלי־חיים“.

נאָר פאַוואָליע, בהדרגה האָט זיך פון דער דאָזיגער אָליגאַרכיע אַרויס־אַנטוויקלט די השגה פון אַ הערשער, פון אַ שבט־אָנפירער. נאָך בײַ די איצטיגע אַוסטראַליער איז נישט צו מערקן פון אַזאַ מין אָנפירערשאַפט. די ממשלה האָבן דאָ פעסט אין די הענט די אַלטע מאַנסבלען. צו זיי געהערן אַלע ווײַבער, וואָס זיי היטן זיי שטרייַנג אָפּ און דערלאָזן ניט צו זיי די ייִנגערע מאַנסבלען. זיי רינגלען אַרום זייער מאַכט מיט סודות, און אַ סך טראַדיציאָנעלע דינים, וואָס ווערן שטרייַנג אָפּגעהיט, באַקרעפטיגן זי.

פונקט ווי פיזישער כח קאָן ברייַנגען צו דער אַליינהערשאַפט פון אַ יחיד איבערן גאַנצן שבט, אַזוי קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז אַ גייסטיג פייהיגערער זאָל קומען צו דער ממשלה, מחמת די ווייניגער אינטעליגענטע שרעקן זיך פאַר זיין סודות־פולן כח; דאָס באַווייזן די אַפריקאַנישע און אַוסטראַלישע „כישוף־דאָקטוירים“, די אַמעריקאַנישע „מעדיצין־מענער“, די צפונדיגע „שאַמאַנען“ א. אַז. וו. אַזעלכע אינדיווידן קומען צו מאַכט דער עיקר אַדאַנק זייער פייהיגקייט בעסער אויפצונעמען די ווירקליכקייט און ריכטיגער צו פאַרשטיין דעם צוזאַמענהאַנג צווישן סיבה און ווירקונג. מכח די אַוסטראַלישע כישוף־דאָקטוירים זאָגט קלאַאַטש, אַז הגם זיי זיינען ניט אָפיציעל קיין הערשער, דאָך איז זייער השפּעה די הערשנדיגע. ווי אַזוי אַ ווילדער קאָן זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ כישוף־דאָקטאָר, איז ניט באַוואוסט. דאָס זיינען על פּי רוב מענשן, וואָס שוין פון זייער אויסזעהן איז קענטיג זייער איבערגעשפּיצטקייט.

די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע פון די פּאַלעאָליטישע מענשן דאַרפן מיר זיך געוויס פאָרשטעלן ענליך, ווי בײַ די אַוסטראַליער, וואָס שטייען נאָך הייַנט אויף אַ נידעריגער קולטור־מדרגה. פונקט ווי בײַ זיי שטייט די בילדונג פון דער „פאַמיליע“ בײַ די ערשטע התחלות, און די השגה „פאָר־פאָלק“ האָט זיך נאָך ניט אַרויסקריסטאַליזירט פונם צוזאַמענלעבן פון ביידע געשלעכטער אין דעם שבט, אַזוי מוזן מיר ניט אַנדערש אָננעמען, אַז בײַ דער מענשהייט פון דער אַלטשטיין־צייט האָט עקסיסטירט אַ שותּפות פון ווייַבער. בײַ די אַוסטראַליער און בײַ אַ טייל אַנדערע נאַטור־פעלקער, וואָס שטייען נאָך אויף דער זעלביגער נידעריגער קולטור־מדרגה, קאָנען ייִנגערע מאַנסבלען זיך פאַרשאַפן אַ ווייַב נאָר דורך רויב, וואָס נאָכדעם הויבן זיך על פּי רוב אָן פאַרביטערטע מלחמות. דעם זעלביגן צושטאַנד מעג מען זיך פאָרשטעלן אויך פאַר דער מענשהייט פון דער אייראָפּייאישער פאַרהיסטאָרישער צייט. דער דאָזיגער פרויען־רויב האָט געהאַט אַ וויכטיגן קולטור־היסטאָרישן באַטייט. לא די וואָס ער באַצייכנט דעם אָנהויב־מאָמענט פון דער מאָנאָגאַמיע, נאָר ער האָט אויך געשטופּט די מענשן צו באַזעצן נייע

געביטן, צו שאַפן נייע קיבוצים, ער איז געווען אַ שטענדיגער מקור פון מלחמות צווישן די איינציגע שבטים.

עס קאָן קיין שום ספק ניט זיין, אַז לכתחילה האָט איטליכער מיטגליד פון די פאַרהיסטאָרישע שבטים זיך אַליין פאַרשאַפט אַלע זאַכן, וואָס ער האָט נויטיג געהאַט צום לעבן, זיך אַליין אויסגעאַרבעט אַלע געציינג, וואָס ער האָט צוליב דעם באַראַרפט האָבן. די אַרבעטס־טיילונג, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער געשיקטקייט און צוגעפּאַסטקייט פונם יחיד צו דער אָדער יענער אַרבעט, איז אַ שפּעטערדיגע ערשיינונג פון דער נאַטור־אַנטוויקלונג. אָבער איין פאָרם פון דער אַרבעטס־טיילונג האָט, לויט ווי עס לערנט אונז די עטנאָגראַפיע, שוין גאַנץ פריה געמוזט דורכגעפירט ווערן: דאָס איז די אַרבעטס־טיילונג לויט געשלעכטער, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער איינטיילונג פון די פונקציעס ביים באַקומען און צוגרייטן שפּייז־מיטלען. כמעט ביי אַלע נאַטור־פעלקער ליגט די באַשאַפונג פון געוויקסן־שפּייז אויף דער פרוי, בעת דער מאַנסבל נעמט אויף זיך צו פאַרזאָרגן מיט בעלי־חיים־שפּייז דורך געיעג, פיש־פאַנג און בהמות האָרעווען. די פרוי געפינט אַרויס דאָס קאָכן, דער מאַן דאָס בראָטן אויפן שפּיז. פון דער דאָזיגער אַרבעט פון דער פרוי אַנטוויקלט זיך די טעפּעריי, ווי אַ וויכטיג הילפס־מיטל צום קאָכן, און אין אַ געוויסער איינגערער פאַרבינדונג דערמיט די פלעכטעריי און דער הייזער־בוי. נאָר וועגן דעם וועלן מיר דאָ געגויער ניט רעדן. די ערשטע באַזונדערע אַרבעט פונם מאַנסבל נעמט זיך פונם קאַמף צווישן חיה און מענש: כלי־זיין אַרבעטן אויס די מאַנסבלען ביי אַלע נאַטור־פעל־קער. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט שטייט די שניצעריי־קונסט, די פעל־באַ־אַרבעטונג אָדער די צוגרייטונג פון לעדער; דאָס זיינען אַרבעטן פאַר מאַנסבלען.

אויב די איינטיילונג לויט געשלעכטער איז דער יסוד פאַר דער אַרבעטס־טיילונג, גייט די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג אַזוי, אַז גאַנצע גרופּעס מענשן הויבן אָן ציהען זייער חיונה נאָר פון אויסאַרבעטן באַשטימטע זאַכן. די הויפּט־ראָלע דעריין שפּילן מסתמא די נאַטירליכע תנאים, די רוי־מאַטע־ריאַלן, באַשטימטע מינים שטיינער, ליים, אייזן, וואָס געפינען זיך אין דעם אָרט, און ערשט אויפן צווייטן פּלאַן שטייט די געשיקטקייט און שולונג, ד. ה. די טעכנישע פייהיגקייט. רעמאָלט ווערן די פּראָדוקטן פון איין גרופּע אויסגעביטן אויף פּראָדוקטן פון אַן אַנדערער: כלי־זיין אויף קליידער אָדער שפּייז. אַזוי אַרום הויבט זיך אָן מיט דער ספּעציאַליזירונג פון דער אַרבעט דער ערשטער האַנדל, דער בייט־האַנדל.

אַכטער קאַפּיטל

קונסט און קולט

די נטיה אויסצופּוצן קינסטלעריש די פּראָדוקטן פונם האַנטווערק, צו פאַרבינדן, הייסט דאָס, דאָס שיינע מיטן נוציגן, וואָס איז צו באַמערקן כמעט בײַ אַלע נאַטור־פעלקער, איז באַשיימפּערליך קענטיק אויך בײַ די פּאַלעאָליטיקער.

מיר זעהען דאָס, למשל, שוין בײַ די פּראָדוקטן פון דער געצייג־טעכניק. זינט דער אַשעל־צייט אָן זיינען פאַראַן האַנט־קלינעס, וואָס וואָלטן שוין אין זייער אַלגעמיינער פאָרם געטויגט צום באַנוץ. אָבער צי דערפאַר, וואָס איין זייט פון דער קלינע האָט זיך באַזונדערס גוט איינגעגעבן, אָדער ווייל דער שיין גלאַנציגער טיף־שוואַרצער קאָליר פונם שטיין איז גאַנץ באַזונדערס געפעלן געוואָרן דעם פּרימיטיוון יעגער — נאָר בכל אופן האָט ער אַ סך פון אַזאַ געצייג אַרומגעאַרבעט מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט און זאָרגעווירנקייט, אַזוי אַז עס איז געוואָרן ניט נאָר אַ זאַך צום געוויינליכן באַנוץ, נאָר ממש אַן אָביעקט פון קונסט־האַנטווערק.

ענליכע פאַלן לאָזן זיך ברייגנען אַ סך פון עלטערן און מיטלסטן פּאַלעאָליטיקום. און אַז עס קומט צו דער יינגערער אַלטשטיין־צייט, ווען דער זין פאַר קונסט און די קינסטלערישע אויפנעמעווירנקייט זיינען באַזונדערס אַנטוויקלט, געפינט מען נאָך אָפטער אַזעלכע זאַכן. די פּלאַסטישע שילדערונגען פון מענשליכע געשטאַלטן, די רייך־באַצירטע ביינערנע קינזשאַלן און קולט־שטעקנס זיינען שוין אָביעקטן פון קונסט־האַנטווערק אין עצם זין פון וואָרט. אין דער סאָליטרע־צייט פאַרחידושט דער פאַקט, אַז דער באַאַרבעטער פון געצייג און כּלי־זיין פלעגט אויסקלייבן שטיינער מיט באַזונדערס שיינע קאָלירן און באַאַרבעטן זיי מיט אַ זעלטענער זאָרגעווירנקייט און געשיקטקייט. איך בין דאָ אויסן דערמיט די גרויסאַרטיגע לאָרבער־

בלאַט־שפּיצן, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט דין ווי פּאַפּיר און זעהר שאַרף, אָפּטמאָלס דורכלויכטיג. אין אַ געלן אָדער ראָזעווען פאַרבן־טאָן און מאַכן זעהר אַ פיינעם איינדרוק.

אויף אַ זעהר גייסטרייכן אופן האָט ביכער געפּרובט צו ערקלערן די דאָזיגע ערשיינונג: „קודם כל האָט דאָס קינסטלערישע פורימען פאַר זיך די טבע, אַז עס וועקט כּסדר פון דאָס נייַ דעם חשק צו דער אַרבעט. אָבער אַפילו נאָכדעם ווי די אַרבעט איז געענדיגט, קאָן זי פאַרשאַפן פאַרגעניגן. פּונקט ווי די באַפּוצונג פונם קערפּער איז דער איינציגער מיטל, וואָס דורך אים קאָן דער פּרימיטיווער מענש זיך אויסטיילן צווישן די איבעריגע חברים פון זיין שבט, זיך אויסצייכענען אין אמתן זין פון וואָרט, אַזוי בלייבט אויך איטליכער פּראָדוקט, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט, כּסדר ווי אַ באַשטאַנד־טייל פון זיין פּערזענליכקייט. היות ווי בכלל גערעדט האָט יעדערער ברעה צו באַנוצן אַליין זיין אַרבעטס־פּראָדוקט, אַזוי לעבט שוין די פרייד און דער כבוד צו פאַרמאָגן די זאַך אין דער נשמה פונם אַרבעטנדיגן און גיט אים צו מוט און חשק אויסצוהאַלטן און צו דערפירן די אַרבעט ביזן סוף. דער אויסגעאַרבעטער פּראָדוקט ווידער, לויט זיין אָפּשטאַם און באַשטימונג, טראָגט אַ בולטן אינדיווידועלן כאַראַקטער; ווי די פאַרקערפּערונג פון אינדיווידועלער אַרבעט און ווי אַ געצייג פאַרן לעבן, ווערט ער ערשט רעכט צו אַ שטיק פון דער פּערזאָן, וואָס האָט אים געשאַפן. אין אָט דעם כּסדרדיגן צונויפבונד צווישן דעם פּראָדוצירער און דעם פּראָדוקט ליגט געוויס אַ מאָמענט, וואָס העלפט דער קולטור זיך אַנטוויקלען, וואָס פאַר־גרינגערט די מיה פון דער אַרבעט. דאָס, וואָס ביי הייַנטיגן טאָג לעבן איבער ביי זייערע ווערק נאָר די פרייע קינסטלער, דער דיכטער, דער געלערנטער, דאָס געפיל צו ווערן באַרימט, דאָס איז מסתמא לכתחילה געווען שייך צו איטליכן פּראָדוקט פון מענשליכער אַרבעט, וואָס האָט זיך גוט איינגעגעבן. די פרייד פון שאַפן, וואָס דער קולטורמענש פילט זי כמעט נאָר ביי גייסטיגער אַרבעט, האָט געמוזט באַהערשן דעם נאַטור־מענש אומעטום, וואו ער האָט געפּרובט צו מאַכן כלים און צירונג, געצייג און כלי־זיין“.



צירונג פון דער סאָליטרע־צייט (הענגערס). (זאַמלונג האַוזער)

עס וואַרפֿט זיך שטאַרק אין די אויגן, אַז אַלע פֿרויען־פֿיגורן פֿון דער פּאַלעאָליטישער צייט זיינען שטאַרק באַלייבט. דער געניאַלער קינסטלער פֿון דער אָריניאַק־תּקופֿה האָט אַרויסגעאַרבעט די „ווענוס פֿון ווילענדאָרף" מיט אַ מגוזמדיג פֿעטן געזעס, בויך און בריסט פֿונם שטיק קאַלך־שטיין, בעת אויפֿן פּנים האָט ער גאָר קיין אַכט ניט געווענדט. אַ גרויסער



ווענוס פֿון ווילענדאָרף

שיכט פֿעטס נעמט אַרום די גאַנצע פֿיגור. דאָס נעמליכע איז אויך ביי דער „ווענוס פֿון בראַסאַמפּוי", וואָס איז אויסגעשניצט פֿון העלפֿאַנד־ביין, ביי דער פֿרויען־פֿיגור, אויסגעשניצט פֿון סטעאַטיט, וואָס איז געפֿונען געוואָרן אין די היילן פֿון מענטאָן, ביי די רעליעפֿן פֿון לאָסעל. אַלע די דאָזיגע פֿרויען־געשטאַלטן דערמאָנען מיט זייער צו גרויסער גרעב, וואָס גרענעצט שוין בנוגע דעם געזעס מיט דער קרייַנק, וואָס טראָגט דעם נאָמען סטעאַטאָ־פּיגיע („געזעס־פֿעטקייט"), אָן איצטיגע אַפֿריקאַנישע מוסטערן, בפֿרט די

פרויען פון האָטנטאָטן. בײַ אַ סך נאַטור־פעלקער, און ניט נאָר בײַ זיי, זיינען פולע פאָרמען אַן אידעאַל פאַר פרויען. קלאַאַטש דערמאָנט מיט רעכט אין דעם צוזאַמענהאַנג דעם „גוסט פון די דרום־איטאַליענער פאַר דער bella grossa (די באַלייבטע שיינהייט)". דער אַראַבישער דיכטער עמרו פאַרלאַנגט פון דער שיינער פרוי „לענדן, אַזוי ליבליך פול, אַז די טיר פון געצעלט זאָל קוים זיי קאָנען אַרומנעמען"; אין דער אַלטער אינדיע זאָל דער גאַנג פון די שיינע פרויען זיין אַזוי „גראַציעז, ווי דער גאַנג פון אַ יונגען העלפאַנד". אין דרום־נוביע לאָזט מען די פרויען זיך אָפּפיטערן פאַר דער חתונה דורך קאַשע פון דורראַמעל, אַזוי אַז זיי ווערן צו אמתע פלייש־קניידלאַך, בכדי זיי זאָלן ווערן געגליכן צום „נילוס־פערד" מיט זייער קערפּער. אויף די האַוואַי־אינזלען ווערט פעטקייט גערעכנט פאַר דער גרעסטער שיינקייט פון דער פרוי. לויט ווי קרעוואָ דערציילט, פאַרגאַרטלען זיך די רוקויען־אינדיאַנערינס אַזוי שטאַרק די לענדן, אַז דער בויך נעמט זעהר שטאַרק אַרויסשטאַרצן — דאָס רעכנט זיך בײַ זיי פאַר באַזונדערס שיין. אַזאַ אין עצם געגומען סעקסועלע באַטאָנונג פון דער פרויען־שיינקייט איז, לויט היילבאָרנס השערה, מסתמא פאַרבונדן מיט דער לאַגע פון דער פרוי אין די פּרימיטיווע פאַמיליעס, ווי זייער צענטער, און מיט דער מיסטעריע פון דער מוטערשאַפט.

שוין אין דער בעלי־חיים־וועלט ווערט אַזוי ווי געשאַפן די ערשטע געשלאָסענע אָרגאַניזאַציע, די ערשטע איינגער פאַרבונדענע גרופּע אין מיטן דער טשאַטע דורך דער אָפּהייננגיקייט, וואָס דורך איר זיינען פאַרבונדן די קינדער מיט דער מוטער. אמת, דאָרט האַלט דער צונויפבונד נאָר אַזוי לאַנג, כּל זמן די יונגע בעלי־חיים זיינען אומבאַהאָלפן, דאָס הייסט, כּל זמן זיי זיינען ניט אין שטאַנד זיך אַליין צו שפּייזן. דאָס נעמליכע איז בלי ספק געווען אין די פאַרהיסטאָרישע מענשן־שבטים. מער ניט וואָס דען? די אָפּהייננגיקייט פון דער מוטער האָט געדויערט לענגער, מחמת די „אַנטוויי־נונג" האָט זיך לענגער פאַרצויגן, ווייל ס'איז ניט געווען קיין צוועקמעסיגע איבערגאַנגס־דערנערונג (ווי קאַשע וכדומה אַזעלכע זאַכן). בײַ אַ סך נאַטור־פעלקער זויגט די מוטער נאָך בײַ היינטיגן טאָג דאָס קינד ביזן פערטן יאָר און נאָך לענגער.

לויט קלאַאַטשס מיינונג האָט דאָס די אַוסטראַאַלידע מענשן־ראַסע אַריבערגעטראָגן די ערשטע השגות פון קונסט אין אונזער איצטיגער אייראָפּע. קונסט און קולט שטייען אין זייערע ערשטע התחלות אין אַ געוויסער קעגנזייטיגער פאַרבינדונג. מיט דעם, וואָס מיר רופן אָן „רעליגיע", האָט דער באַגריף פון פאַרהיסטאָרישן קולט נאָר אַ רעלאַטיווע שייכות. קולט און

רעליגיע שטאַמען מסתּמא אַרויס פון אַ געפיל פון מענשליכער אָהנמעכטינקייט, פון אַ געפיל פון שוואַכקייט, וואָס לאָזט זיך מערקן אַנטקעגן אַלע כּחות, וואָס מען פאַרשטייט זיי ניט. דעם פּרימיטיוון מענשן איז ניט געווען פאַרשטענדליך דער צוזאַמענהאַנג צווישן סיבּה און ווירקונג פון פאַרשיידענע ערשיינונגען, וואָס האָבן אים געבראַכט שאָדן אָדער איינגעיאָגט שרעק און אימה. דאָס פייער פון הימל ,דער בּליץ, דער דונער, שטורעם און ערד־ציטערניש האָבן בּאַוועגט און אויפגערודערט דאָס געמיט פונם פּשוטן היילן־מענשן. אויך אַלטעגליכע ערשיינונגען האָבן געוויס צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פונם פאַרהיסטאָרישן מענשן: דער זונען־אויפגאַנג, וואָס פירט אַריין טאָג אויס טאָג איין דעם יונגען פריהמאָרגן, דער סורות־פולער בּין־השמשות, וואָס נאָך אים קומט די נאַכט און צינדט אָן אויפן הימל אַ נייַ ליכט, די לבנה — דאָס אַלץ האָט דער פּרימיטיווער יעגער בּאַוואונדערט זיין גאַנץ לעבן לאַנג. דערבּיי האָט ער געשפּירט זיין אָהנמעכטינקייט צו פאַרענדערן כאָטש דאָס מינדסטע אינם גאַנג פון די דאָזיגע געשעהענישן. דער בּאַטייט פון דער לבנה פאַר אונזער איצטיגער צייט־רעכענונג שטאַמט ניט ערשט פון דער היסטאָרישער צייט. די ווילדע ריכטן אָפּ ימים־טובים בּיים גלאַנץ פון דער פולער לבנה און ווייזן אונז דערמיט אָן אויף פּאַראַלעלע צושטאַנדן אין דער גרויער פאַרהיסטאָרישער צייט.

מען מוז אַליין איבּערלעבּן יענע זילבּער־נעכט פון די דרום־לענדער, בּכדי צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט געראַפט מאַכן דער פולער גלאַנץ פון דער לבנה אויף דעם פּשוטן גייסט פון דעם פּאַלעאָליטישן מענשן. נאָך דער גליהענדיגער היץ פון טאָג בּריינגט דער בּין־השמשות קילונג. בּיים בּרעג פון טייך שטייגן אויף גרינגע נעפּלען און וועבן אַ צאַרטן שלייער צווישן וואַסער און בּרעג, אַזוי ווי מען וואָלט דאַרפן איינהילן דאָס פּנים פון דער אויפגייענדיגער נאַכט. די פעלזן פון די אַלטע ישובים זינקען איין בּיסלאַכווייז אין גרויען חושך פון דער נאַכט, און די גאַנצע געגנט בּאַקומט אַ פאַנטאַסטישע געשטאַלט. נאָר אָט ווערט פּאַמעליך בּאַלויכטן אַ שפּיץ פון אַ פעלז, אויפן וואַסער נעמט טאַנצן און שפּרינגען אַ זילבּערנע שיין — איבּער דעם גרויען שיפוע בּאַווייזט זיך אַ ליכט און שטייגט, בּיז עס גייט צולעצט אויף די פולע לבנה אין הפלאדיג לויטערער קלאָרקייט הויך איבּער דער גאַנצער לאַנדשאַפט.

אַ נייע וועלט גייט אויף, די וועלט פון דער נאַכט, און זי האָט גאָר אַן אַנדער פּנים, ווי די וועלט פון טאָג. נייגעריג קוקט די לבנה אַריין אין אַ הייל, צינדט דאָרט אָן אַלע ווינקעלאַך, גליטשט זיך בּאַלד ווייטער — דאָרט צייכענען זיך אָפּ שאַרפע פעלזן־שפּיצן פון לויטערן הימל — עס

שטייען אויף אויסטערלישע בילדער — דאָרט איבער דעם אַלטן פעלד־צורעק ווייזט זיך דער שאָטן־סילועט פון אַ פּאַרהיסטאָרישן מענשן: אַ גרויסער שאַרבן מיט אַן אויסגעשטאַרצטן שטערן און צוריקגעבויגענעם קינבאַק. שאַרף צייכנט די לבנה אויס די קאָנטורן פונם פעלז, דאָס בילד איז דער קאָפּ פון אַ מוסטיער־מענשן — אַ זעהונג פון אַ לאַנג פאַר־שטאָרבענער וועלט: הויך איבער די אַלטע היילן, וואָס אין זיי ליגן נאָך היינט פאַרבאָרגן אוצרות אָהן אַ צאָל, באַווייזט זיך עטליכע מאָל אין יאָר, געוועקט דורך דער פולער לבנה, דער אַלטער אורמענש. ער קוקט זיך אַרום אין זיין מיליאָנען־יאָריגער מלוכה. פון קראָ־מאַניאָן אויס האָב איך ניט איין מאָל געקאָנט באַוויזן דעם אַלטן חברה־מאַן, און ווען דאָס גליק האָט געשפילט צו זעהן לעז־אייזי אין קלאָרן לבנה־גלאַנץ, איז מיט מיר אין איינעם געשטאַנען פאַרגאַפט פאַר דער דאָזיגער זעהונג. און ווער עס האָט געקאָנט זיך אַריינטון אין דער שטימונג, האָב איך אים מיטגענומען אויף מיין אַווטאָמאָביל, און אום האַלבער נאַכט האָבן מיר פּאַוואָליע, אָהן רעש פאַרביינעגליטשט זיך פּאַזע די פעלזן־ווענט, אַרויף און אַראָפּ מיטן וועג, וואָס לויפט און קרימט זיך צווישן די פעלזן, אונטער אונז די גלאַנציגע סטענגעס פון דער אַלטער וועזער, און מיר זיינען געפאָרן קיין מוסטיער, און פון דאָרט צוריק קיין לאָזשרי. און די גאַנצע צייט זיינען מיר געזעסן פאַרגאַפט, ניט צו רייד אַ וואָרט, מיר האָבן נאָכגעקוקט די לויפנדיגע שאָטנס, אונז האָט זיך פירגעשטעלט, ווי די אַלטע היילן ווערן ווידער באַלעבט, דאָס לאַנד אין הייליגער שטילקייט איינגעהילט, קיין טאָן פון לעבן, פון ווייטנס נאָר ווען ניט ווען אַ געשריי פון אַ נאַכטפויגל — און מיט אונז דאָס רוהיגע, גלייכע ליד פון מאָטאָר.

דאָס גליהען פון די אַלפּן, דער נצחונדיגער אויפשטאַנד פון דער זון, דאָס אַראָפּגירערן פונם פייערדיגן קויל אין אָהנבּרעגיגן ים — דאָס זיינען געוויס געהויבענע בילדער. אָבער ניט קלענער פון זיי איז דער כישוף פון דער לבנה אין טאָל פון וועזער. ווען עס נעמען זיך אויסטיילן פון דער נאַכט־פינסטערניש איין הייל נאָך דער אַנדערער — ווען די פעלזן נעמען אָן די אויסטערלישסטע פאָרמען — דעמאָלט כאַפּט אויך דעם מאָדערנעם מענשן אַרום התפעלות, דעמאָלט הויבט ער אָן קלערן און טראַכטן, אַריינדרינגען און פאַרשטיין, פאַרוואָס איז אויף יענעם קליינעם שטיקל ערד געשטאַנען די וויג פון דער אורמענשהייט; און דער גלאַנץ און דער כישוף פון דער זעלביגער לבנה איז אוראַלט; זי האָט געלויכטן שוין פאַר די היילן־מענשן, וואָס האָבן געוויס מיט יראת הכבוד באַוואונדערט די ליכט־ראָד פון דער נאַכט, און אין אַזעלכע כישוף־נעכט האָט אפשר דער כהן אָפּגעריכט זיין

רינסט פֿאַרן מזבח, און דער גאַנצער שבט האָט זיך צונויפֿגעקליבן אונ־טער דעם פֿעלזן־דאַך פֿון זשאַרוש־ד׳אַנפֿער צוליב מיסטישע צערעמאָניעס און צוליב באַשטימען די ענינים פֿון די שבטים און משפּחות דורך צייכן־שפּראַך און אויסרופֿן.

נאָך אַ גרעסערער סוד האָט זיך געשטעלט פֿאַר דעם יעגער פֿון דער אַלטשטיין־צייט, ווען איינער פֿון זיינע שבט־ברידער איז פּלוצלים אַנטשטומט געוואָרן, געבליבן ליגן אָהן באַוועגונג, אָהן לעבן, און קאַלט. און איז דער פֿאַרשטאָרבענער געווען אַ גבור פֿון זיין שבט, איז מסתּמא פֿאַר די איבער־געבליבענע געשטאַנען די שאלה, צי זיין ממשלה האָט זיך שוין טאַקע גע־ענדיגט און צי דאַרף מען שוין מער ניט מורא האָבן פֿאַר דעם איצט שטיל געוואָרענעם, וואָס פֿריהער האָבן אַלע געציטערט פֿאַר זיין וואונק. דער אָנדענק פֿונם פֿאַרשטאָרבענעמס מעשׂים, פֿון זיין השפּעה אין שבט האָט ווייטער געלעבט און איז געוואָרן צו דער „נשמה" פֿונם טויטן, וואָס האָט שטענדיג געוועקט אַ סורות־פֿולע אימה.

פֿון אַכטונג ווענגן האָט מען דעם טויטן קערפּער באַגראָבן און פֿון מורא ווענגן האָט מען דעם קבר געהיט.

אין אָט דער מורא ליגט די אידייע פֿונם ערשטן געדאַנק וועגן אַ „יענער וועלט" און די ערשטע שפּראָצונג פֿונם גלויבן אין השאָרת הנפֿש. דאָס דאַרפֿן זיין די התחלות פֿון דעם, וואָס הויך אַנטוויקלטע פֿעלקער האָבן שפּעטער אויסגעבויט צו „רעליגיע" און איבערגעגעבן די שפּעטערדיגע דורות ווי אַ דאָגמע.

אין לעבן איז דעם הייל־איינוואוינער קיין זאַך ניט געשטאַנען אַזוי נאָהענט, ווי די בעלי־חיים, וואָס זיי האָט ער נאָכגעשפּירט אויף דער פּאַשע און וואָס זיי האָבן אים פֿאַרשאַפֿט די מיטלען צום לעבן. זיין גאַנצע פּרימיטיווע פֿאַנטאַזיע האָט זיך געדרייט נאָר אַרום איין זאַך: אַרום גע־יעג און שפּייז־פֿאַרזאָרגונג. אַלע חיות, וואָס ער האָט געזעהן, האָבן געמוזט אים טיף אינעווייניג אינטערעסירן, און דער פֿאַרלאַנג צו כאַפּן דאָס גע־ווילד האָט געמוזט וועקן און פֿאַרנעמען זיין גייסט. אַזוי האָט ער ניט ווילנדיג געמוזט קומען דערצו, ער זאָל אויסדריקן דעם געדאַנק, וואָס האָט אים באַהערשט, דורך אויסמעלן די געהעריגע חיה אויף דער וואַנט פֿון זיין הייל, אויף אַ שטיין אָדער אַ ביין.

פֿון אָט דעם חשק און ליבשאַפֿט צו געיעג שטאַמען געוויס די ערשטע געמעלן פֿון בעלי־חיים אין דער פֿאַרהיסטאָרישער צייט. עס איז אַפֿילו ניט נויטיג אָנצונעמען, אַז די גרויסאַרטיגע הייל־צייכענונגען און וואַנט־געמעלן פֿון די דרום־פֿראַנצויזישע און שפּאַנישע היילן זיינען געמאַכט

געוואָרן מיט דער כּונה צו „באַכּישופֿן" דאָס געווילד. אַוודאי קאָן געמאָלט זיין, אַז מיטן הייסן פֿאַרלאַנג צו כאַפּן און צו טויטן די אָדער יענע חיה איז געווען פֿאַרבונדן די פֿאָרשטעלונג, אַז דאָס געיעג וועט האָבן מער הצלחה, ווען דער פּשוטער מענטש וועט זיך האָבן פֿאַרזיכערט די געגאַרטע חיה דורך אויפֿצייכענען זי אין שטיין. דאָס, וואָס עס האָבן אויסגעמעלט די פֿאַרהיס־טאָרישע קינסטלער, זעהען מיר אויך ביי פֿאַרשיידענע איצטיגע נאַטור־פֿעלקער: געיעג־סצענעס, געווער, חיות, איינגעקריצט אין שטיין. בכל אופֿן איז זעהר אינטערעסאַנט, וואָס נאָך די אייז־צייטן איז די קונסט־אַקטיווי־טעט פֿון די נייע פֿעלקער קענטיג געגאַנגען צוריק, און ערשט מיטן אָנהייב פֿון דער בראָנזע־צייט לעבט ווידער אויף אַ נייע קונסט אין אָרנאַמענטיק און צירונג.

די סיבה דערפֿון, וואָס די קונסט־אַקטיוויטעט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, קאָן אפֿשר ליגן דערין, וואָס מען האָט אָנגעהויבן צוגעוויינען בעלי־חיים צו דער שטוב. דער מענטש, וואָס איז געוואָרן איצט מער איינגעזעסן, האָט איצט גרינגער געפֿונען זיין שפּייז אין דער בעלי־חיים־וועלט, וואָס האָט זיך איצט פֿרידליך געפּאַשעט אַרום אים. ער האָט מער ניט געהאַט דעם הייסן פֿאַרלאַנג צו גיין אויף געיעג אויף גרויסע חיות, בכדי צו שטילן זיין הונגער; וואָס ער האָט באַדאַרפֿט צום לעבן, איז אים געווען נעהענטער און גרינגער צו דערלאַנגען. די באַדערפֿעניש צו כאַפּן דאָס געווילד האָט שוין מער ניט באַוועגט זיינע חושים אין אַזאַ מאָס, ווי פֿריהער, און דעריבער האָט ער ניט געפֿונען פֿאַר נויטיג צו מאָלן אָדער צו „כּישופֿן" די חיות אויף ביינער און שטיינער. און וויל די חיות פֿון וואַלד האָבן אים איצט ווינציגער אינטע־רעסירט, האָט ער אויך אָנגעוואָרן די פֿייהיגקייט זיי קינסטלעריש אויסצומעלן.

די צייכענונגען, וואָס דער פּאַלעאָליטיקער האָט אונז איבערגעלאָזט, זיינען ביז גאָר געטריי דער נאַטור. ער האָט פֿאַרשטאַנען מיט עטליכע שטריכן פֿאָרצושטעלן אַ חיה אין אַ לעבעדיגער פּאָזע. אין זיינע „עסקיזן־ביכער" באַמערקן מיר, אַז ער האָט כּמעט ניט נויטיג געהאַט קיין מאָל צו פֿאַר־ריכטן דעם אָדער יענעם שטריך. דער גרעסטער רוב פֿון די געמעלן פֿון חיות זיינען אַזוי געטריי דעם לעבן, אַז דער פֿייהיגסטער צייכענער וואָלט קוים געקאָנט זיי בעסער איבערגעבן. ס'איז בעצם אַ חידוש, וואָס די קונסט־פֿאָרשונג האָט שוין לאַנג זיך ניט פֿאַרנומען מיט דער גענויער אויספֿאָרשונג פֿון די פּראָבלעמען פֿון די פּאַלעאָליטישע חיות־געמעלן. עס וואָלט געווים געווען אַ דאַנקבאַרע אויפֿגאַבע פֿאַר אַ דיינקענדיגן קינסטלער, און די אויפֿקלערונג פֿון דער פּראָבלעם וואָלט געהאַט אַ גרויסן ווערט ניט נאָר פֿון ריין קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, זי וואָלט אויך



פּאַרהיסטאָרישע פעלזן־בילדער פון די אַטלאַס־בערג. די פיגורן פון די חיות זיינען פאָרגע־
שטעלט אין נאַטירליכער גרייס (לויט דער נאַטור)

געקאָנט אויפקלערן אַ סך זאַכן אין דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון דער קונסט־געשיכטע.

די שיינע געמעלן פון פּאָלאַר־הירש, מאַמאָנט, ווילטיר (בּיזאָן), בּער, ווילדן פערד א. אַז. וו. זיינען אויסגעפירט געוואָרן מיט אַ זעהר פּשוטן אינסטרומענט: מען האָט גענומען אַ מעסער־שאַרף פון פייערשטיין, אַראָפּ־געשניטן אין דער שרעג דעם אויבּערשטן שפּיץ און געמאַכט צו אַ גראַוויר־שטיק, וואָס מיט דעם האָט דער פּאַרהיסטאָרישער קינסטלער אויסגעפירט זיינע ווערק אויפן בּעסטן אופן. מיט אַ קליין מעסערל פון פייערשטיין האָט



יעגערס מיט מאַסקעס. פּאַרהיסטאָרישע פעלזן־גראַווירונג אין די אַטלאַס־בּערג
(לויט דער נאַטור)

ער פאַרשטאַנען אויסצושניצן פון בּיין און העלפאַנד־בּיין עכטע סקולפּטורן, וואָס האָבּן בּאַזונדערס אין דער מאַגדאַלען־צייט דערגרייכט צו דער העכס־טער מדרגה. געווענדט אָן דער פיינקייט פונם קונסט־ווערק, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסבּריינגען, האָט דער פּשוטער הייל־קינסטלער בּאַנוצט גרעי־סערע אָדער קלענערע גראַוויר־שטיק און מעסערלאַך און געוויס האָט ער צו אייניגע פון די ראָזיגע געציינ צוגעמאַכט אויך הענטלאַך.

חוץ די געמעלן פון חיות, ווייסן מיר פון עטליכע מענשן־פיגורן, וואָס האָבּן אַלע אַ שייכות צו געיעג. די סקולפּטורן פון דער פּאַלעאָליטישער צייט ווייזן אָן אין זעהר אַ סך פאַלן אין דער פאָרם פון פאַלוס און סטעאַטאָפּיגיע אויפן סעקסואַלן געבּיט און אויף די אַלגעמיינע השגות פון פּרוכפּערקייט. איך דערמאָן נאָר אָן די פרויען־פיגורן „ווענוס“ פון בּראַסאַנפּוי, „ווענוס“

פון ווילענדאָרף, „וועגוס“ פון לאָסעל, ווייטער אָן די זעהר כאַראַקטעריס־טישע פאַלוס־פיגורן, וואָס איך האָב געפונען אין מיינע אויסגראָבונגען, אָן די סטעאַטאָפיגישע פיגורן פון מיין קרבן־פלאַץ....

אויפן אָרנאַמענטאַלן געביט האָט דער פּאַלעאָליטישער קינסטלער זעהר ווינציג געאַרבעט. דערפאַר אָבער האָט ער, פאַרקערט, געפּרובט אויסמעלן אויך גרופּעס פון בעלי־חיים. אַ פּשוטן אָרנאַמענט האָט מען אַרויסגעקראָגן דורך איינקריצן פּאַראַלעלע שטריכן, און אָפטמאָלס האָט אַט דער פּשוטער אָרנאַמענט זיך אַנטוויקלט צו אַ נעץ־אַרטיגער צייכענונג דורך דעם, וואָס מען האָט די דאָזיגע שטריכן געקרייצט דורך אַנדערע פּאַראַלעלע שטריכן.

געמעלן פון בלעטער אָדער געוויקסן־טיילן באַגעגענען מיר אויף פּאַלעאָלי־טישע קונסט־פּראָדוקטן נאָר זעהר זעלטן. אַ רוהיג שיין בלאַט האָט אַ סך ווינציגער באַוועגט די פאַנטאַזיע פונם הייל־קינסטלער, ווי אַ גיכפיסיגע חיה, ווי דער פיל געגאַרטער פּאָלאַר־הירש אָדער דער גוואַלדיגער מאַמאָנט.

ווען מען באַטראַכט אַ גרופּן־בילד, געפינט מען אויפן ערשטן בליק ניט קיין צוזאַמענגעבונדענע ליניעס. ערשט ווען דאָס אויג געוויינט זיך צו נאָכצו־קוקן די איינציגע שטריכן, דעמאָלט ווייזט זיך באַלד אַרויס דאָ די צייכענונג פון אַ קאָפּ, דאָרט די ליניע פון אַ רוקן; עס באַווייזן זיך ליניעס פון פיס, הערנער, אויך דער כאַראַקטעריסטישער האָרב פון אַ ביזאָן אָדער די געקרימטע שטוים־ציין פון אַ מאַמאָנט. קוקן מיר זיך איין אין די איינציגע ליניעס, דערקענען מיר באַלד די אויסגעמעלטע חיה אין גאַנצן און שיירן אויס די גרופּעס. באַזונדערס האָבן מיר הנאה, ווען דער הייל־צייכענער האָט אויסגעמעלט די חיות אין וואָסערע עס איז לעבעדיגע פּאָזעס, גרייט צום שפּרונג, שפּאַנענדיג פּאַמעליך, קלעטערנדיג אָדער לויפנדיג גאַלאָפּ. דער אַלטער קינסטלער איז על פּי רוב געווען בכח אַריינצוגעבן אין די פאַרשיידענע טיפּן בעלי־חיים רעאַל לעבן און זיי פירצושטעלן געגוי לויט דער נאַטור.

דעם באַגריף קונסט דאַרף מען בעצם זוכן שוין אין אַ פריהערדיגער צייט. די צייכענונגען פון דער אָריניאַק־, סאָליטרע־און מאַגדאַלען־תּקופה זיינען בעצם אַ פּראָדוקט פון אַ צייטיגער אַנטוויקלונגס־ליניע. דאָס זיינען הויך אַנטוויקלטע קונסט־ווערק, וואָס פון זיי קאָן אויך אַ מאָדערנער קינסטלער אָפּלערנען, וואָס הייסט אַ צייכענונג. אָבער שוין אין פּשוטן געצייג אַנטפּלעקט זיך די אַנטוויקלונגס־מעגליכקייט פונם דילוויאַלן קונסט־באַגעם.

ביים באַטראַכטן פּרימיטיווע קונסט און אירע התחלות איז מען על פּי רוב נוטה צו מאַכן צו קאָמפּליצירטע אויספירן און מען פאַרגעסט דערביי שטענדיג, אַז איין און דאָס זעלביגע געצייג, אַשטייגער, איז אויפגעקומען גלייכצייטיג אויף געאָגראַפיש ווייט אָפּגעשיידטע געביטן.

וואו און צו וואָסער צייט איז צוערשט אויפגעקומען קונסט, איז אַן איבעריגע פראַגע. די טעכניק און די קונסט קומען אויף שטענדיג און אומעטום, און איטליך ניי־געבאָרן קינד באַווייזט אונז די התחלות פון דער קולטור און דעם באַגינען פון אונזער אייגענער אַנטוויקלונג. צו יעדער צייט און אין יעדער אָרט זיינען געווען מער פייהיגע און ווינציגער פייהיגע, מייסטערס און לערן־יונגען; דאָס ווייזט זיך אַרויס בולט גענוג אין די קולטור־רעשטן פון איטליכער גרויסער אויסגראָבונג.

מען מעג אַוראַי פילאָזאָפיש באַקלערן און קאָנסטרואירן צוליב דער אויסטייטשונג פונם פרימיטיוון צושטאַנד; אָבער מען טאָר די ראָזיגע פילאָזאָפישע באַטראַכטונג ניט מאַכן פאַר אַ חקירה, וואָס איר באַגרינדונג ליגט חוץ די פאַקטן, וואָס עס האָט אַרויסגעבראַכט די פאָרשונג פון דער רילוויאַל־צייט.

אין תוך גענומען איז שוין די האַנט־קלינגע פונם Homo Mousteriensis אַ קונסט־פראָדוקט; זי איז ניט נאָר אַ רעזולטאַט פון טעכנישער געשיקטקייט און ניט דער באַנוץ־צוועק האָט געהאָלפן ביים אויסבילדן איר פאָרם, נייערט זי לאָזט דערקענען, אַז עס איז געווען ביי דער אויסאַרבעטונג אַ געפיל פאַר שיינקייט, וואָס דאַרף ווערן פאַרבונדן מיטן נוצן. אין די אָפּלעגערונגען פון דער אַשעל־צייט געפינען מיר סיי היפש גרויסע קלינגעס, געמאַכט מיט זעהר אַ שיינער טעכניק, און סיי קליין געצייג פונם זעלבינגן מין, וואָס זיינען אַזוי פיין און ציכטיג אויסגעאַרבעט, אַז מען וואָלט זיי געקאָנט אויסטייטשן פאַר קינדער־שפילעכלאַך און אפשר מיט מער רעכט פאַר אַמולעטן. אין דעם פרט האָט זיך גאָר באַזונדערס אויסגעצייכנט מיין אויסגראָב־סטאַנציע לאַ ראָשעט. דאָרט האָב איך געפונען אַ סך אמת אויסגעצייכנטע האַנט־קלינגעס, און אויך יענע חפצים פון דער אַשעל־צייט, וואָס דער שפעטערדיגער אָריניאַק־מענש האָט זיי געפונען ביי אַ גראָב־אַרבעט און באַהאַלטן זיי ווי אַ מערקווירדיגקייט ביי זיך אין היים, געהערן צו אַ געביט פון הויך אַנטוויקלטער קונסט. לכל הפחות איז די פייערשטיין־טעכניק, וואָס האָט זיך גיך אַנטוויקלט, פון אַ געוויסן מאָמענט אָן אויב ניט קיין קונסט, דאָך אַ קונסט־האַנטווערק.

הערנעס רעדט אין זיין „אורגעשיכטע פון דער פלאַסטישער קונסט“ וועגן אַן איינגעשטאַנענקייט פון פאָרמען, וואָס איז באַזונדערס קענטיג פון דער אָריניאַק־צייט ביז דער מאַגראַלען־צייט. ער מיינט, אַז געהעריגע אויסגעקליבענע קונסטווערק פון דער מאַגראַלען־צייט גלייכן זיך אויס מיט די זעלביגע מינים פון דער אָריניאַק־צייט. איך בין ניט נוטה מסכים צו זיין לכתחילה מיט דער ראָזיגער מיינונג; וואָרום אַז מען פאָרשט גענויער אויס

די טעכניק פון דער אָריניאַק־צייט, זעהט מען גאַנץ באַשטימט אָפּגעגרענעצטע און פאַרשיידנאַרטיגע זייטן פונם האַנטווערק, און עס ווייזט זיך קענטיג אַרויס דער אונטערשייד צווישן דעם ראָזיגן געצייג און צווישן די פּראָדוקטן פונם סוף קוואַרטער־פּעריאָד, דאָס הייסט, גראָד פון דער מאַגדאַלען־צייט.

אָבער גאָר פון אויבן אויף באַטראַכט איז דאָס ריכטיג, אַז די קונסט־פאָרמען האָבן זיך ניט געביטן, בפרט אין דער אָרנאַמענטיק. דאָס באַווייזט ווידער, אַז עס איז פאַראַן אַ געוויסער אַנטראָפּאָלאָגישער צוזאַמענהאַנג פון אָריניאַק ביז צו שאַנסלאַד, ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט. אויב מען קאָן ראַסן־אַנאַטאָמיש קאָנסטאַטירן אַ כסדרדיגע אַנטוויקלונג אויף דער ראָזיגער ליניע, מוז זיך דער ראָזיגער פאַקט אַרויסווייזן אויך אין די אויס־וויינגסטע ערשיינונגען פונם פּאַלעאָליטישן לעבן. קודם כל מוז זיין ענליך די אויסאַרבעטונג פון געצייג, ווי דער פּועל־יוצא פון אַ געזעצמאָסיגער מח־פונקציע ביי דער גלייכער אָדער קרובישער ראַסע. די געפינסן זאָגן דערויף בפירוש ערות, און די איינגעשטאַנעקייט פון די פאָרמען, וואָס הערנעם נעמט אָן, איז, ווי ווייט זי איז גילטיג, אַ נייער באַוויז פאַר דעם ראַסן־אַנטראָפּאָלאָגישן צוזאַמענהאַנג פון אָריניאַק ביז לאַ מאַדלען.

די אַנטראָפּאָפאַגיע, די מענשן־פרעסעריי, ווייזט זיך אַרויס אַזוי אַלט, ווי דער מענש גופא. די געפינסן פון קראַפּינאַ (קראָאַציע), וואו דער אַגראַמער פּאַלעאָנטאָלאָג גאָריאַנאָוויטש־קראַמבערגער האָט צווישן די יאָרן 1899 און 1905 אַרויסגעגראָבן אַ סך רעשטן פון מענשישע סקעלעטן, וואָס טייל פון זיי געהערן צו דער נעאַנדערטאַל־ראַסע און אַ טייל צו דער אָריניאַק־ראַסע, האָבן אונז דערוויזן, אַז דעמאָלט, דאָס הייסט, מיט פערציג טויזנט יאָר צוריק, האָט די מענשן־פרעסעריי געבליהט. אַ סך הוילע ביינער זיינען געווען אויפגעשפּאָלטן אין דער לייננ, בכדי אַרויסצונעמען פון דאָרט דעם מאַרך, און כמעט אַלע ביינער טראָגן סימנים פון בראַנד, וואָס עס באַווייזט באַשיימפּערליך געגנוג אויף אַ מאָלצייט פון קאַניבאַלן. און גראָד דאָס, וואָס דאָ רעדט זיך וועגן פאַרטרעטער פון צוויי פאַרשיידענע פעלקער, באַשטעטיגט נאָך מער די השערה. נאָך איצט באַטראַכטן אין אַוסטראַליע פרעמדע מענשן איינע די אַנדערע פאַר ווילדע חיות, און חיות עסט מען, פאַרשטייט זיך, אויך, ווען מען דערהרגעט זיי. נאָך איצט, דערציילט שניי, ווערן אין אייניגע געביטן פון די ביסמאַרק־אינזלען געמאַכט געיעגן אויף מענשן, אַזוי ווי מען מאַכט אין אייראָפּע געיעג אויף ווילדע חיות. פאַראַן אייניגע פּאַפּואַסן־שבטים, וואָס האַלטן ביי זיך שקלאַוון און פיטערן זיי אָפּ, אַזוי ווי שטוב־בעלי־חיים, בכדי זיי אויפצועסן אויף אַ יום־טובדיגער סעודה.

זוכן מיר די סיבות, וואָס קאָנען האָבן געבראַכט די מענשהייט צום קאַניבאַליזם, געפינען מיר, אַז בײַ די איצטיגע ווילדע זײַנען דער עיקר־מאָטיוו געוויסע אָבערגלויבישע פאָרשטעלונגען. דורך אויפעסן אַ מענשן וויל מען אַזוי ווי אַרײַננעמען אין זיך זײַן נשמה, זײַן גײַסט, זײַנע מעלות; זיי דאַרפן, לויט ווי אַנדריי זאָגט, ווערן דאָס אייגנס פונם עסער, פּונקט ווי דורך עסן אַנדערע שפּײַז קומט אים צו פיזישער כּח.

דאָס „אויפפרעסן פון ליבשאַפט“, באַטאָנט קלאַאַטש בנוגע די אַווסטראַליער אין דעם זין, האָט אַ רעאַלן יסוד: מען וויל געליבטע מענשן ניט פאַרלירן, און דעריבער זוכט מען צו פאַרהאַלטן בײַ זיך זייערע נשמות דורך דעם, וואָס מען עסט אויף דעם גוף. קיין מאָל הרגעט ניט דער אַווסטראַליער אַ מענשן, בכדי צו פרעסן; אָבער אַ מוטער עסט אויף דאָס פליש פון איר פאַרשטאָרבן קינד און טראָגט אַרום מיט זיך די אַרומגערייניגטע און רויט־געפאָרבענע ביינער. דאָ ווירקט דער פאַרלאַנג צו באַהאַלטן דאָס פאַרלאָרענע.

נעבן די דאָזיגע פאָרשטעלונגען און אײַנג מיט זיי פאַרבונדן שפּילט בײַ די ווילדע אַ ראָלע דער געדאַנק, אַז אויף דעם אופן קאָן מען אַ מענשן צום זיכערסטן אין גאַנצן באַזייטיגן: מען עסט אויף דעם דערהרגעטן שונא אויס נקמה־געפיל. בײַ די באַטטאַס אויף סומאַטראַ, וואָס שטייען קולטורעל גאַנץ הויך, איז מענשנפרעסערײַ אין געוויסע פאַלן (בײַ בגידה, אָנפאַל פון אַ שונא, מזנה זײַן מיט אַ פרוי פונם פירשט) אַזוי ווי באַשטימט פון געזעץ, און דער דאָזיגער געזעץ ווערט אָפּגעהיט עד היום, ניט געקוקט אויף דער השגחה פון דער האָלענדישער פאַרוואַלטונג. אַז פון דער אַנטראָפּאָפאַגיע קאָן דערנאָך ווערן אַ רגילות, באַווייזן אַ סך בײַשפּילן פון דער עטנאָגראַפיע. אַזוי פלעגט מען אַמאָל אין אַלט־קאַלאַבאַר (דרום־ניגעריע) פאַרקויפן מענשן־פליש אין קערב אויפן מאַרק; די בראַזילישע יופּי־אינדיאַנער האַלטן דאָס געדויכערט בײַ זיך.

טויטע גייען אַרום. אַזעלכע פאָרשטעלונגען זײַנען אײַנג פאַרבונדן מיט די ערשטע רעליגיעזע שפּירונגען פון דער פרימיטיווער מענשהייט. שוין גאָר פריה האָט געמוזט זיך אײַנשטעלן דער באַגריף דערפון, וואָס מיר רופן אָן „נשמה“. איטליכער פאַל פון טויט האָט געמוזט אָנווייזן דעם מענשן אויפן „לעבנס־פּרינציפּ“. אָקאָרשט איז דער חבר געגאַנגען נעבן אים, פול מיטן זעלביגן לעבן, וואָס ער, מיטן גלײַכן ווילן, וואַרעם און רויט, און אָט ליגט ער בלאַס און קאַלט און שטײַף אויסגעצויגן אויף דער ערד. דער גוף איז געבליבן פּונקט דער אייגענער, אַ האָר ניט געמינערט, אָבער צום לעבן פעלט דאָך עפּעס, וואָס איז אָקאָרשט נאָך געווען און איצט איז עס

באַשיימפּערליך פאַרשוואונדן. אַזוי האָט זיך פון זיך אַליין געמוזט שטעלן די פראַגע, וואָס איז דאָס אַזוינס אָט דאָס רעטענישפולע עפּעס. און ממילא האָט דער מענש געמוזט קומען צו דער פּאַראַלעל צווישן טויט, שלאָף און חלשות.

אין שלאָף און ביי אַ חלשות־פאַל איז אויך געווען דאָס זעלביגע: דער קריגסמאַן איז אויך געלעגן אין פלוק אָהן לעבן; מער ניט וואָס דען? ביים אויפכאַפּן זיך איז דאָס רעטענישפולע עפּעס באַשיימפּערליך צוריק גע־קומען אין גוף אַריין פון זיך אַליין. ס׳איז קיין ספק ניט: אין אַלע דריי צושטאַנדן גייט צו די גלייכע ערשיינונג, און אפשר — ווער קאָן דאָס וויסן אויף זיכער — קערט זיך אויך די „נשמה" צוריק צום טויטן.

אַז די נשמה האָט אַ מין אייגן לעבן, דאָס האָט דער פּרימיטיווער אָפּ־געלערנט פון איטליכן חלום. בעת זיין גוף איז געלעגן אהן באַוועגונג, האָט ער געזעהן זיין „איך" ריידנדיג און טוענדיג: אין חלום האָט די נשמה אַזוי ווי געמאַכט נסיעות, און די חלומות דאָס זיינען געווען אירע איבער־לעבונגען דערביי. דאָס זיינען פאָרשטעלונגען, וואָס מיר באַגעגענען ביי אַלע נאַטור־פעלקער. און גראַד די חלומות, וואָס שטאַמען פון נשמה־אויפרע־גונגען, זיינען, ווי באַוואוסט, באַזונדערס לעבעדיג און פיינפול. אַזעלכע אויפרעגונגען האָט געשאַפן און שאַפט בפרט אַ טויט־פאַל. דאָ האָט דעם ווילדן זיך באַוויזן אין חלום זיין פאַרשטאָרבענער פאָטער, אַ געפאַלענער ברודער, אַ שונא, דערהרגעט אין קאַמף, מיט פאָדערונגען און סטראַשונקעס. די „נשמה" פונם טויטן האָט קיין רוה ניט, זי גייט אַרום. מיר אַלע וויסן, ווי אַזוי אַזעלכע חלומות קאָנען זיך ווייטער שפּינען אויף דער וואָר, אַזוי אַז מיר זיינען אָפטמאָלס ניט בכח צו אונטערשיידן, צי מיר האָבן דאָס אָדער יענץ טאַקע איבערגעלעבט אָדער נאָר געזעהן אין חלום. אַ פּשיטא שוין האָט געמוזט אין אַזאַ פאַל זיין אין ספק דער ווילדער, דער פּאַרהיסטאָרישער מענש, וואָס האָט נאָך ניט די פייהיגקייט צו אונטערשיידן שאַרף צווישן ווירקליכקייט און ניט־ווירקליכקייט. דער טויטער איז סוף כל סוף גאָר ניט טויט, ער איז נאָר אַנדערש געוואָרן, ער איז געוואָרן „גייסט", עפּעס פרעמדס, קאַלטס, ניט־היימליכס, וואָס מען מוז זיך היטן פון דעם, עפּעס פיינטליכס, וואָס מען מוז דאָס אָפּשטויסן. ס׳איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס מען האָט געזוכט תחבולות אויף צו באַשיצן זיך קעגן דער נשמה.

הפלאדיג איז ווידער אַמאָל די גלייכקייט פונם מענשליכן גייסט: צו אַלע צייטן און אומעטום אויף דער גאַנצער ערד איז די מענשהייט געפאַלן אויף איין גלייכער סגולה, ווי אַזוי צו מאַכן די נשמה אומשעדליך. דאָס איז געשעהן און געשעהט דורכדעם, וואָס מען מאַכט אומשעדליך דעם טויטן גוף.

מחמת דעם האָבן שוין די פּאַלעאָליטישע מענשן דעם טויטן געבונדן, אַרויפֿגעקייקלט אויף אים גרויסע, שווערע שטיינער, בכדי „ער", ד. ה. די נשמה, זאָל מער ניט קאָנען אויפשטיין. דאָס איז אויך, אין גרונט גענומען, דער זין און דער צוועק פונם קבר־בערגל און פונם מצבה־שטיין. נאָך מער, אַזעלכע געראַנקען האָבן זיך אַזוי טיף איינגעראָבן, אַז וואו ניט וואו בינדט מען די טויטע נאָך איצט. נאָך ניט לאַנג איז, ווי ריכאַרד אַנדריי דערציילט, געווען אין אַ רייטשער געגנט דער מנהג צו בינדן דעם טויטן אין טרומנע די הענט מיט אַ טוך, „בכדי ער זאָל ניט צוריקקומען און מיטנעמען עמיצן מיט זיך". אין דער גאַנצער וועלט איז פאַרשפּרייט דער מנהג צו באַגראָבן טויטע אין אַן איינגעקאָרטשעטער לאַגע: מען לייגט צונויף דעם טויטנס הענט צו די פיס און מען פאַרבינדט זיי שטייף. דאָס האָט אויך געוויס אַ שייכות צו דער דערמאָנטער פאָרשטעלונג. אין דער יינגערער שטיין־צייט איז אָט דער באַגרעבעניש־מנהג געווען שטאַרק פאַרשפּרייט. דאָס געפינס פונם Homo Aurignacensis האָט באַוויזן בלי ספק, אַז ער איז נאָך אַ סך עלטער. צווישן די איצטיגע נאַטור־פעלקער געפינען מיר אָט די באַגרעבעניש אין איינגעקאָרטשעטער לאַגע ביי אַ טייל שבטים אין דרום־אָקעאַן, אין מאַלאַאישן אַרכיפּעלאַג, אויף די אַנדאַמאַנען־אינזלען, ביי די עסקימאָסן און אויף די אַלעאוטן. אין אַמעריקע איז זי געווען אַמאָל שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די איינגעבאָרענע. אין אינדיע איז די ראָזינע באַגרע־בעניש פאַרבליבן באַשיימפּערליך, ווי אַן עלטערער מנהג, צוזאַמען מיט דער פאַרברענונג פון די טויטע, באַזונדערס ביי די בערג־פעלקער.

ערטערווייז איז ביי די ווילדע נאָך פאַראַן, חוץ דעם מנהג פון בינדן, דער מנהג צו באַלזאַמירן די טויטע און מאַכן פון זיי מומיעס, אַזוי ווי אין אַלטן עגיפּטן. קלאַאַטש האָט מכח אָט דעם מנהג אַראָפּגעבראַכט אינטערעסאַנטע ידיעות פון אַוסטראַליע. מען לאָזט דאָרט צוערשט דעם גוף אַזוי לאַנג פוילן, ביז עס גייט אַראָפּ די אויבערשטע הויט (די עפּידערמיס). דערנאָך נעמט מען אַרויס די געדערים און מען טריקנט אויס דעם קערפּער אויף אַ פייער. אין אַ געוויסער צייט אַרום איז דער קערפּער פאַרטיג צו מאַכן פון אים אַ מומיע. מען בויגט אים אַריבער אויף פאָרנט, די קני ציהט מען אַרויף ביזן קאָפּ, די הענט ווערן צונעפּרעסט ביי די זייטן קאָפּ און דערנאָך אַרומגעבונדן מיט שטריק. מען פאַרשטאָפּט נאָך אַלע עפענונגען פון קערפּער (דאָס מויל, די נאָז, די אויערן, דעם אחור), בכדי די נשמה זאָל פון דאָרט ניט קאָנען אַרויס. אַזאַ מומיע — מומיעס מאַכט מען נאָר פון אַזעלכע מענשן, וואָס זיינען ביים לעבן געווען באַזונדערס חשוב, וואָרום אַזעלכע קאָנען ווי „גייסטער" ווערן באַזונדערס שעדליך — באַטראַכטן

די אַוסטראַליער ווי אַ לעבעדיגע: זיי נעמען זי מיט אויף וואַנדערונגען, מען גיט איר אָפּ דעם בעסטן אָרט ביים פייער, און מען רעדט צו איר.

מסתּמא איז דער פאַרלאַנג פּטור צו ווערן פונם געפערליכן טויטן אָדער פון זיין נשמה געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו קאַני־באַליזם. געוויס הייגנט דער־מיט צוזאַמען, ווי עס איז שוין באַטאָנט געוואָרן, דער מנהג אָנצושיטן קברים־בערגלאַך און צו שטעלן מצבה־שטיינער. דער מנהג איז אויך זעהר אַלט; די אַלט־גערמאַנישע ריזן־קברים מיט זייערע גוואַל־דיגע שטיינער און די עגיפּטישע פּיראַמידעס זיי־נען אַ ביישפּיל, ווי אַזוי אָט דער מנהג איז דער־גאַנגען ביז צום קאָלאָסאַלן. ביי אַ סך מנהגים, וואָס גילטן נאָך ער היום אין דייטשלאַנד, אַשטייגער, לאָזט זיך אויפּווייזן, ווי דורך דעם שלייער פון פּיעטעט קוקן אַרויס אַלט־היידנישע מנהגים. אין העסען, דערציילט וואוטקע, קייקלט מען אַרויף אויפן קבר אַ שווערן שטיין. „בכדי צו פאַרהאַלטן די אָרימע נשמות אין קבר”, איז מען זיך נוהג אין אָלדענבורג צו מאַכן די גרוב וואָס טיפער, „אַניט קומט דער טויטער אַרויס און גייט אַרום”. הײלבאָרן האָט ניט לאַנג צונויפגעשטעלט אין אַ שטודיע אַ סך אַזעלכע באַגרעבעניש־מנהגים און האָט אָנגעוויזן, אַז די „דריי הויפנס ערד”, וואָס מען וואַרפט צו דעם טויטן אויף אָפּשייד, שטאַמען אויך אַרויס פון די זעלבינע פאָרשטעלונגען, הגם מען זאָגט דערביי די קריסטליכע ברכה.

מומיע פון אַ שבט־אָנפירער פון אַוסטראַליע

אין פּאָנטלאַנד ריכט מען אָפּ דעם ראָזינגן מנהג בּפירוש צוליב דעם, „מען זאָל פּטור ווערן פונם געדאַנק וועגן טויטן“. ער איז אין אייראָפּע געווים עלטער פאַרן קריסטנטום. דאָס איז אָהן שום ספק געדרונגען פון דער אַזוי גערופענער אַרכיטאַס־אָרע פון האָראַציוס, וואו די נשמה פון אַ דערטרונקענעם בּעט זיך בּיים ריכטער: „דריי מאָל זאָל אויף מיר ערד געוואָרפן ווערן“, און סטראַשעט, אַז זי וועט נעמען אַרומגיין, אויב מען וועט איר בּקשה ניט ממלא זיין.

הייליבּאָרן בּאַטאָנט מיט רעכט, אַז אין דער קולטור־אַנטוויקלונג זיינען קיין שפּרונגען ניטאָ. „איטליכער מנהג קומט אויף אין דער טראַדיציע, אין איבּערגעבּן צו קינדער און קינדס־קינדער און אַזוי דורך אַלע גלידער פון פאָלק ערגעץ אַ מיינונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף דעם אָדער יענעם אופן, ערגעץ אַ צערעמאָניע, וואָס איז ווען עס איז איין מאָל אָפּגעריכט געוואָרן“. דעריבּער זיינען נאָך איצט, דורך אַלע עטישע און עסטעטישע צורעקן, קענטיג אין אונזערע צערעמאָניעס פון בּאַגרעבּעניש און אבלות די לעצטע אָפּזאַצן פון יענע פריהע אָנשויאונגען פון דער מענשהייט.

פון אַלע לעבּנס־רעטענישן איז דער נאַטירליכער טויט פאַרן פּרימיטיוון מענשן געווען די האַרבּסטע און די אומהיימליכסטע. איך האָבּ שוין וועגן דעם גערעדט, ווי אַזוי עס האָבּן געקאָנט אַרויסשטאַמען פון יענער שרעק די התחלות פון קולט, פונם געדאַנק וועגן „יענער וועלט“, און דערפון האָבּן זיך אַרויסגעבּילדעט די סגולות, וואָס דאַרפן פאַרהיטן, אַז דער טויטער זאָל ניט צוריקקומען. די ערשטע סגולה איז אפשר בּאַשטאַנען דעריין, וואָס מען איז אַנטלאָפן פונם טויטן, וואָס מען האָט געלאָזט ליגן דעם טויטן גוף אויף הפקר. אין אַ ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיגער פאָרם איז אויפגעקומען דער מנהג אַוועקצוטראָגן דעם טויטן אין אַן אָפּגעלעגן אָרט ווייט פון ישוב און אים דאָרט לאָזן ליגן; אַזאַ מנהג איז נאָך היינט פאַרשפּרייט אין אַפריקע. מען בּאַדאַרף ניט מיינען, אַז אין אַרויסטראָגן דעם טויטן און אין דער מורא פאַר אים זיינען נאָר גראָבּע געפילן די בּאַוועגכחות; פאַרקערט, אויך אין אָט דעם מנהג אבלות זיינען מאָרנע אויסגעמישט מוראָ און יראת־הכבוד פאַרן טויטן. הערראָט דערציילט, אַז די פּערסער בּאַגראָבּן קיין מאָל ניט קיין טויטן פריהער, איידער אַ פויגל אָדער אַ הונט האָבּן פון אים עפּעס געפרעסן. אין מאָנגאָליע צעהאַקט מען דעם קערפּער אויף שטיקער און מען לאָזט אים ליגן פאַר ווילדע חיות אָדער מען טראָגט אים אַרויף אויף אַ שפּיץ בּאַרג; דעם קאָפּ אָבּער בּאַהאַלט מען בּיי זיך אין שטוב אין אַ געוויסער מאָס ווי אַ הייליגטום.

אין טייל ערטער פלעגט מען אויך מסתמא פאַרצייטנס אַריינוואַרפן דעם טויטן אין וואַסער, אַזוי ווי מען טוט דאָס איצט אין מעלאַנעזיע. זעהר אָפט האָט מען מיר געשטעלט די פראַגע: „פאַרוואָס געפינט איר ביי אייערע גוואַלדיגע אויסגראָבונגען אַזוי ווינציג שאַרבנס אָדער אַנדערע טיילן פון מענשליכן סקעלעט?" דאָס איז געוויס אַ פּראָבלעם, וואָס איז נאָך ניט פאַרענטפערט און וואָס נאָר ווייטערע סיסטעמאַטישע אויסגראָבונגען אין גרעסטן מאָסשטאַב קאָנען דאָ אַריינברייגען אויפקלערונג. ווי ווייט מיר באַטראַכטן די ביז איצט געפונענע סקעלעטן פון דער אייז־צייט לויט דעם, ווי זיי זיינען געלעגן, מוזן מיר ניט אַנדערש דרינגען, אַז קודם כל זיינען „באַגראָבן" געוואָרן נאָר די אויסגעצייכנטע מענשן פון שבט. די געוויינליכע מיטגלידער האָט מען מסתמא, ווי מען מעג אָננעמען לויט די מוסטערן פון דער עטנאָגראַפיע, אַריינגעוואָרפן אין טייך, וואָס האָט געשטראָמט אין ים אַריין, אָדער געלאָזט ליגן אויף די שטילע, סודותפולע הייכקייטן, וואָס ציהען זיך אומעטום פאַזע די פּאַלעאָליטישע ישובים. איך בין אָבער איבערצייגט, אַז מען וועט נאָך געפינען פּאַלעאָליטישע באַגרעבניש־ערטער פאַר עטליכע אינדיווידן. אויף דער דאָזיגער מעגליכקייט ווייזן שוין אָן די אַנטדעקונגען פון קראַ־מאַניאָן, פון קראַפּינאַ און פון פּשעדמאָסט.

אויך נאָך דער באַגרעבניש איז דער גוף פונם שבט־אָנפירער ניט געווען זיכער, מען זאָל ניט שטערן זיין רוה. בשכנות האָבן אַרומגעלאָ־קערט הייל־היענעס און לייבן, און מען האָט געמוזט אַ לאַנגע צייט היטן דעם באַגראָבענעם, אַז די חיות זאָלן אים פון קבר ניט אַרויסשלעפּן. איינציגע סקעלעט־טיילן פון אַן אינדיוויד, וואָס געהער צום אָריניאַק־טיפּ, האָב איך געפונען אין יאָר 1910 אויף לאַראָשעט. איניגע ביינער פון די ענדגלידער האָבן געהאַט דייטליכע סימנים, אַז אַ חיה האָט זיי געגריזעט, און באַלד ווי איך האָב געפונען דאָס דאָזיגע שטיק, האָב איך פאַרלאָרן די האָפענונג צו געפינען אַ שאַרבן אין דעם זעלבינן שיכט. בכל אופן איז דער טויטער קערפּער אַרויסגענומען געוואָרן פון דעם לכתחילהדיגן אָרט, וואו ער איז געלעגן, און פונם אַלטן טויטן זיינען געבליבן נאָר עטליכע סקעלעט־ביינער.

פון די געפינסן אין דער הייל פּלאַקאַרד, איינעם פון די גלענצנדסטע סאָליטרע־ישובים איז, משמעות, קענטיג, אַז וואו ניט וואו האָט שוין אין דער אַלטשטיין־צייט געהערשט דער מנהג צו באַהאַלטן דעם קאָפּ פון טויטן. הינטן אין הייל פון פּלאַקאַרד זיינען געלעגן עטליכע שאַרבנס, אָבער פון די ביינער פון די ענדגלידער און פון איבעריגן סקעלעט איז קיין זכר ניט געווען.

די איצטיגע טרומנע איז, לויט ווי היילבּאָרן זאָגט ריכטיג, מסתּמא אַ ווייטערדיגע אויסבילדונג פֿונם פֿאַרצייטיגן טויטן־שיפֿל. אַן אויסגעהוילטער בוים־שטאַם, „דער איינבוים“, האָט געדינט אויף צו באַהאַלטן דעם טויטן קערפּער, און אַזוי האָט מען אים אין דער ערד אַריינגעלעגט. די, וואָס שטאַרבן אויף שיפֿן אין מיטן אָקעאַן, לאָזט מען דאָך נאָך היינט אַראָפּ אין וואַסער — האָבן מיר, הייסט עס, נאָך איצט די וואַסער־קבורה.

די פֿייער־קבורה איז אפֿשר זעהר אַלט. אפֿשר האָט זי זיך אָנגעהויבן דערמיט, וואָס מען פֿלעגט אונטערצינדן דאָס שטיבל, וואו דער טויטער איז געלעגן, אין איינעם מיט אים, בכדי אַזוי אַרום צו פֿאַרטיליגן אים צוזאַמען מיט זיין האָב און גוטס. אין געווויסע צייטן האָט די פֿאַרברענונג פֿונם גוף באַטייט דירעקט אַ כּבוד פֿאַרן טויטן, און דערביי האָט געקאָנט מיטווירקן דער גלויבן, אַז ביי דער פֿאַרברענונג גייט די נשמה גיכער אַריבער אין דער וועלט פֿון די גייסטער. באַווייזן פֿון דער פּאַלעאָליטישער צייט פֿעלן נאָך לעת עתּה, פֿאַרצייטיגע טויטן־פֿאַרברענונג באַגעגענען מיר צוערשט אין דער אייזן־צייט. אין אייראָפּע האָט דאָס קריסטנטום געאַסרט די פֿאַרברענונג, און די מיינונג הערשט נאָך עד היום אין אַ סך ערטער, דערפֿאַר נעמט זיך זעהר שווער אָן דער ניי איינגעפֿירטער מנהג צו פֿאַרברענען טויטע, וואָס איז אַ סך היגיענישער און עסטעטישער, ווי דער איצטיגער מנהג צו באַגראָבן.

אָבער אַפֿילו ווען דעם טויטנס גוף איז שוין פֿאַרהוילן פֿאַרן אויג, קאָן דאָך זיין נשמה, זיין גייסט ברייגגען שאָדן די לעבעדיגע. דער טויטער איז אין שטאַנד צו דערקענען ווידער זיינע אַמאָליגע שונאים און צו שעדיגן זיי. דעריבער זוכט מען זיך צו שיצן קעגן אים; מען הילט זיך איין אין שוואַרצע קליידער, מען באַהאַלט דאָס פּנים אונטער געדיכטע שוואַרצע שלייערס און מען זוכט אויך, ווי ליפּערט האָט גייסטרייך באַמערקט, צו פֿאַרבאַהאַלטן די אייגענע זאַכן, וואָס זיינען געווען דעם טויטן באַקאַנט און האָבן אפֿשר אַמאָל ביי אים דערוועקט קנאה. מען פֿאַרדעקט מיט פֿאַרב אָדער מיט בלעטער די צירונג, בראָנזועלעטן און דעם שטערן־רייף — דעמאָלט וועט שוין דער גייסט פֿונם פֿאַרשטאָרבענעם מער ניט קאָנען מזיקן דעם לעבעדיגן; דער דאָזיגער מנהג איז געבליבן ביזן היינטיגן טאָג. מען טוט אָן אויפֿן הוט און אויפֿן אָרעם שוואַרצע טרויער־קרעפּ, מען גייט אין „זאַק און אַש“, הגם מען ווייס ניט, אויף וואָסערע גרונט־אידייען עס האָבן זיך אויפֿגעבויט די איצטיגע מנהגי אבלות.

צו די אויבן געשילדערטע אַזוי אָנגערופֿענע „אַנימיסטישע“ פֿאָרשטעלונגען, דעם גלויבן, אַז די נשמה לעבט ווייטער נאָכן טויט פֿון גוף, קומען

שוין זעהר פריה צו „מאַגישע“ פאָרשטעלונגען, כּישוף־אידייען. ווי אַזוי דער פאַרהיסטאָרישער מענש אָדער דער ווילדער זיינען געקומען צו זיי, האָבּן באַזונדערס קלאָר געמאַכט פּרייס און פירקאַנדט. לויט זייער מיינונג, שטאַמען אַ טייל מאַגישע צערעמאָניעס צום טייל אַפילו פון רעפלעקסיווע אָדער אינסטינקטיווע באַוועגונגען, כמעט אַלע אָבּער פון צוועקמאָסיגע „וואָכעדיגע“ באַוועגונגען. אַהער געהערן, למשל, דאָס קראַצן און שייערן דעם קערפּער, בּכדי אים אָפּצורייניגן פון פּאַראַזיטן, אויסזויגן אַ וואונד אין פלייש א. אַז. וו. דאָס זיינען אַלץ רעפלעקטאָרישע און אינסטינקטיווע באַוועגונגען, וואָס עס מאַכן אויך די העכער אָרגאַניזירטע בעלי־חיים. ווען זיי דינען דעם מענשן צוליבּ דעם דערמאָנטן צוועק, זיינען זיי דורכאויס לאָגיש. אָבּער ווען דער מענש באַנוצט זיי ווי אַ הייל־מעטאָדע בּיי אינעווייניגסטע קראַנקהייטן, דאָס הייסט, ער טראָגט זיי אַריבּער על פּי אַנאַלאָגיע אויף אַזאַ געביט, וואו זיי קאָנען ניט דינען, דעמאָלט ווערן זיי צו מאַגישע צערעמאָניעס. אַז דער ווילדער פאָכעט מיטן שפּיז אויף אַ שונא, וואָס שטייט פאַר זיינע אויגן, און איז אויסן דערמיט אים צו פאַרטרייבּן אָדער צו טויטן, דעמאָלט איז דאָס אַ טועכץ, וואָס לייגט זיך אויפן שכל. ווען אָבּער דער אַוסטראַליער גלויבּט, אַז דורכדעם, וואָס ער וועט אַ פאָכע טון מיט זיין מעסער אין דער ריכטונג, וואו עס דאַרף זיך, לויט זיין מיינונג, געפינען זיין שונא, וועט ער יענעם איינשרעקן אָדער אַפילו טויטן, דעמאָלט איז פון דער צוועקמאָסיגער וואָכעדיגער טועכץ געוואָרן אַ מאַגישע. דאָס זאָל דאָ געזאָגט ווערן, בּכדי אויפצוקלערן, ווי אַזוי זיינען אויפגעקומען די מאַגישע צערעמאָניעס.

אויפן ביישפּיל פון שטיין איז נאָך כּדאי אָנצווייזן, ווי אַזוי אומבאַלעבּטע זאַכן קאָנען קריגן אַ שם, אַז זיי האָבּן אין זיך אַ כּישוף־כּח. דער שטיין איז אין גאָר דער וועלט פון דעם פאַרהיסטאָרישן מענשן און פונם ווילדן דאָס ווערטפולסטע געווער און דאָס וויכטיגסטע געצייג. דערפון, צי דער בּעל־הבית פון שטיין האָט אים אין נעהעריגן מאָמענט געהאַט בּיי זיך אָדער ניט, איז געווען געווענדט, צי ער איז בּכח צו באַשטיין דעם קאַמף און אויסצופירן די אַרבּעט אָדער ניט. באַשיימפּערליך, אַז אין שטיין האָבּן געמוזט זיצן סודותפולע כּחות, וואָס טראָגן זיך אַריבּער אויף זיין בּעל־הבית. „די שטאַרקייט פון די אָביעקטן“, איז מוסיף דערצו פּרייס, „שטימט מיט די האַרטע מוסקלען פון דער אָנגעשפּאַנטער האַנט אָדער פוס, וואָס אין זיי שטעקט דער כּח און וואָס מען פלעגט זיי אַמאָל דורך פעסט אַרומבּינדן — באַשיימפּערליך, בּכדי צו פאַרגרעסערן דעם כּח — לאָזן בּולטער אַרויסשטאַרצן. דער שטיין איז אויך זעהר שטאַנדהאַפטיג, עס איז שווער אים

צו שעריגן, און דערפאַר איז ער אויך מסוגל אַריבערצוטראָגן זיין שטאַרקייט אויף אויפן יעגער". מיר געפינען דעריבער (ביי טייל פעלקער פון דרום־אָקעאַן און אַנדערשוואו) שטיינערנע העק פון אַזאַ גוואַלדיגער גרייס, אַז צוליב פראַקטישע צוועקן האָבן זיי ניט געקאָנט דינען, און מיר דרינגען דערפון, אַז זיי זיינען באַנוצט געוואָרן צוליב רעליגיעזע צערעמאָניעס. ווייטער זיינען פאַראַן אין קאָסטאַ־ריקאַ, עקוואַדאָר און ניי־זעלאַנד פאַרמען פון שטיינערנע העק, וואָס האָבן געדינט ווי אַ צירונג צו טראָגן אויפן האַלז. די עסקימאָסן פון סמיט־אויסגוס נייען איין אַ שטיקל שטיין פון פייערפלאַץ אין זייערע קליידער; דאָס דאַרף געבן אַ לאַנג לעבן און שטאַרקייט אין אומגליק, וואָרום אַזאַ שטיין האָט דורות לאַנג אויסגעהאַלטן אין פייער. עס קאָן זיין, אַז אַזעלכע מאַגישע פאָרשטעלונגען האָבן שוין געווירקט אין דער פאַרהיסטאָרישער צייט און זיי האָבן דאָס גורם געווען צו באַנוצן באַאַרבעטע שטיקער פייערשטיין פאַר צירונג.

טייל פאָרשער מיינען אויך, אַז מאַגישע פאָרשטעלונגען, כישוף־אידייען האָבן סיי ביים פאַרהיסטאָרישן מענשן און סיי ביים ווילדן געבראַכט צו די התחלות פון קונסט. דאָס איז די פאָרשטעלונג, אַז דורך אויסמעלן דעם געהעריגן אָביעקט (אַ מענש אָדער אַ חיה), קאָן מען אויף אים האָבן אַ מאַגישע ווירקונג.

דער פאַלעאָליטיקער האָט פאַרשטאַנען זעהר געשיקט אויסצושניצן פון שטיין, ביין און העלפאַנד־ביין פיגורן פון חיות און אָפט פרובט ער אויך אַרויסצוברענגען מענשליכע געשטאַלטן. צווישן די סקולפטורן פון בעלי־חיים זיינען באַזונדערס לעבעדיג און געטריי דער נאַטור פירגעשטעלט דאָס פערד, דער מאַמאָנט, פאָלאַרהירש און פיש. ווייניגער געבן זיך איין דעם אַלטן סקולפטאָר מענשליכע פיגורן. דערביי האָט ער זיך באַזונדערס געמיהט צו לאָזן דערקענען דאָס געשלעכט, און על פי רוב האָט ער די ראָזיגע אַטריבוטן אונטערגעשטריכן אין אַ מגוזמדיגער פאָרם.

קלאַאַטש זעהט איין אין די ראָזיגע קונסטווערק דעם צוועק „צו באַקומען מאַכט איבער ווייטע באַשעפענישן" און שטעלט זיי אַריין אין דער סעריע פון־דער־ווייטן־כישוף. ער ברענגט אַ ראיה דערצו פון די אַפריקאַנישע נעגערס, וואָס שאַפן זיך באַזונדערע געצנבילדער צום געיעג, און דווקא פון אַזעלכע חיות, וואָס זיי וואָלטן זיי גערן כאַפן.

די פאַלעאָליטישע קונסטווערק באַווייזן אַלע ניט נאָר אַ שאַרפע באַאָבאַכטונג פון דער זאַך, וואָס איז אויסגעמעלט, נייערט אויך די פייהיגקייט זי זיכער אויפצונעמען; דערפון נעמט זיך דאָס געטרייע איבערגעבן לויט דער נאַטור.

דערפון, וואָס דער פּרימיטיווער מענש פון דער אייז־צייט האָט זיך אַזוי שטאַרק אַריינגעטאָן אין דעם אָביעקט, מעג מען אַוודאי דרינגען, אַז ער האָט ניט געשפּילט אין זיין פאַנטאַזיע קיין טפל־ראָלע, נאָר פאַרקערט, אַז ער איז געווען כסדר מיט אים פאַרנומען, אַז ער האָט אים געוואָלט האָבן אין זיין רשות.

קלאַאַטש דערציילט, אַז די אַוסטראַליער נעמען ליאַלקעס אָדער מאָרעלן ווי סימבאָלן פון זייערע פיינט און שטעכן אָדער צעבּרעכן זיי און מיינען דערמיט צו טרעפן די שונאים. אַזעלכע פאָרשטעלונגען



טאַרפּאַנאַ־אָגער (ווילדפערד)
(לויט דער נאַטור)



פערדן־קאָפּ פון פּאָלאַר־הירש־האָרן פון די הייל־איינוואוינער (לויט פּאָרדער)

קאָנען אפשר דינען צום ערקלערן ענליכע געשעהענישן ביי די פּאַלעאָליטיקער.

איך קאָן אמת זיך ניט פאָרשטעלן, אַז דער נאַאיווער יעגער פון וועזער־טאָל זאָל האָבן געהאַט אַ פאָרשטעלונג וועגן כישוף, וואָס ווירקט פון דער ווייטן און דערגרייכט דעם שונא; איך וועל גערן מודה זיין, אַז דורכגעלעכערטע זאַכן זיינען געטראָגן געוואָרן ניט נאָר צוליב צירונג און אויסצייכענונג, נייערט אַז דער הייל־מענש האָט געקאָנט אין זיי אַריינ־לייגן אויך אַ הייליגן כח, בעת ער האָט צונויפגעקליבן און אָפּגעהיט דעם גלאַנציגן גלימער־שטיין, בעת ער האָט אויסגעאַרבעט פון באַרג־קרישטאָל די פיינסטע זאַכן און האָט אַרויסגעוויזן אַ הפלאה'דיגע טעכניק אין פאַרטיג מאַכן לאָרבערבלאַט־שפּיצן פון דורכלויכטיגע קאַלצעדאָן. ער האָט מסתמא

קאַמף־סצענע. מאָלעריי פֿון בושמענער אין אַ הייל אין די דראַקאָן־בערג

די דאָזיגע זאַכן באַזונדערס געשאַצט, און דעריבער האָט ער גרינג געקאָנט אַריבערטראָגן אויף זיי דעם כּח פֿון אַן אַמולעט אָדער טאַליסמאַן. אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע זאַכן געפֿינען זיך דאָך אין די אויסגראָבונגען זעהר זעלטן, און על פּי רוב זיינען זיי אַזוי גוט אויסבאַהאַלטן, אַז מיר נעמען זיי אַרויס פֿון דער ערד ניט־באַשעדיגטערהייט. דאָס, וואָס אָט די חפֿצים זיינען אַזוי זאָרגעוודיג געמאַכט און אייגנאַרטיג אויסגעאַרבעט, איז שוין אַ ראיה דערפֿאַר, אַז מען האָט זיי ניט געהאַלטן צוליב דעם טאָג־טעגליכן באַנוץ.



מאָלעריי פֿון בושמענער. געיעג אויף שטרויס־פֿויגלען

די געלעכערטע הערנער, וואָס מען האָט געפּרובט זיי אויסטייטשן ווי קאָמאַנדער־שטעקנס, געהערן אויך צו די מערקווירדיגע ערשיינונגען פֿון די פּאַלעאָליטישע געפֿינסן. געוויס זיינען זיי באַנוצט געוואָרן ווי אַן אויסצייכענונג, ווי די מטה פֿונם פֿירער פֿון שבט; דערין קאָן מען שוין קיין טעות ניט האָבן, ווען מען באַטראַכט נעהענטער דעם אופֿן, ווי אַזוי עס זיינען געלעגן די „קאָמאַנדער־שטעקנס" ביים קרבן־פּלאַץ, וואָס איך האָב געפֿונען. דער מזבח, די הערנער, כּלים פֿאַרן בלוט, מעסערס פֿון פֿייערשטיין, צירונג־שטיקער און געלעכערטע האָרן־שטאַמען פֿון פּאָלאַר־הירשן באַוויזן איינס אויף דאָס אַנדערע, צוליב וואָס זיי האָבן געדינט, און דעריבער האָב איך קיין ספֿק ניט געהאַט צו באַצייכענען אָט די זאַכן פֿאַר קולט־חפֿצים.

גאָר ענליך באַשטייט די זאַך מיט די הפֿלאדיגע שפּיצן פֿון לאַ מיקאָק, וואָס מען האָט זיי אַ צייט לאַנג געשילדערט ווי די מוסטער־טיפּן פֿון דער סטאַנציע לאַ מיקאָק. איך האָב שוין אין מיין ווערק וועגן לאַ מיקאָק אָנגעוויזן, אַז איך מוז באַטראַכטן אָט די פֿיין אויסגעאַרבעטע קלינע־שפּיצן פֿון לאַ מיקאָק פֿאַר קולט־חפֿצים. וואָרום שוין דער שטייגער, ווי אַזוי זיי זיינען געלעגן באַהאַלטן אין אַ טיף ווינקל פֿון דער אַלטער וואויך־הייל, באַווייזט, אַז זייער בעל־הבית האָט זיי געשאַצט באַזונדערס הויך.

קלאַאַטש זאָגט, אַז הייליגע שטיינער שפּילן אין אַלע רעליגיעס אַ געוויסע ראָלע, אַז די אַוסטראַלישע מכשפֿים ציהען אַרויס אַזעלכע הויכע שטיינער פֿון גרונט פֿון טיפֿע וואַסערן, און אַז דערביי איז פֿאַראַן אַ געוויסער צוזאַמענהאַנג מיט די שלאַנגען־מיטן. אויך די אַלטשטיין־צייט באַווייזט בילדער פֿון שלאַנגען און קריצונגען אויף שטיין און אויף הערנער פֿון פּאָלאַר־הירשן.

אויף שטיקער האָרן און אויף קליינע שטיינער איז קיין אָרט ניט געווען אויף אויסצומעלן פֿיגורן אין כּמעט נאַטירליכער גרייס. האָט אָבער דער אורמענטש געווענדט זיין בליק אויף די נאַקעטע ווענט פֿון זיין וואויך־הייל, און דאָ האָט ער ווידער גלענצנד אַרויסגעוויזן זיין קונסט. איך האָב אַרויסגעגראָבן אין דעם פֿרט אַ נייעם באַווייז, און נאָר דער אָנהויב פֿון דער מלחמה האָט מיר געשטערט איבערצוגעבן דער וויסנשאַפֿט די ערשטע וואויך־הייל מיט דעקאָראַטיווער קונסט. וועגן דעם פּונקט וועט מען נאָך דאַרפֿן ריידן שפּעטער.

קוקן מיר זיך אַרום צווישן די איצטיגע נאַטור־פֿעלקער אויף צו געפֿינען פּאַראַלעלן צו דער קונסט־שאַפֿונג פֿון די פּאַלעאָליטיקער, מוזן מיר צווישן די אָהנצאָליגע פּרימיטיווע צייכענונגען פֿון די ווילדע, וואָס זיינען פֿאַרשפּרייט איבער גאָר דער וועלט, אַוועקשטעלן אויפֿן ערשטן אָרט די אַרבעטן פֿון



טײלן פון א בויגן מיט געמעלן פון עסקימאָסן

די בושמענער אין דרום־אַפריקע, פון די אַווסטראַליער און פון די עסקימאָסן, וואָס זיינען מער ווי אין איין פּרט גלייך צו די שאַפונגען פון דער אַלטשטיין־צייט.

די בושמענער מאָלן זייערע בילדער על פּי רוב אויף ווענט פון היילן, אויף פעלזן, פּונקט ווי עס זיינען זיך נוהג געווען די פּאַלעאָלי־טישע מענשן. די בילדער שטעלן פיר כמעט דורכאויס נאָר חיות, סצענעס פון געיעג און מלחמה. זיי זיינען אָדער אַרויסגעקראַצט מיט אַ שאַרפן שטיין פון דער פעלד־וואַנט, אַזוי אַז זיי זעהען אויס פאַרטיפט, אָדער זיי זיינען געמאָלט אויף דער וואַנט מיט פאַרב. צו באַוואונדערן איז די ניט־געוויינטליכע געטריי־קייט צו דער נאַטור און די אויסגעצייכנטע כאַראַקטעריסטיק, וואָס באַוויזן גלייכצייטיג הן אַ הויך אַנטוויקלטע נאַטור־באַאָבאַכטונג און הן אַ געשיקטע האַנט. אין איינציגע ערטער געפינען זיך טויזנטער אַזעלכע בילדער, וואָס טייל פון זיי זיינען בלי ספק שוין אַלט כמה הונדערט יאָר.

די אַווסטראַליער קלייבן אויך אויס פאַר זייערע געמעלן על פּי רוב פעלזן־ווענט און היילן. זיי מאָלן קענגורוס, וואַלפיש, סצענעס פון טענץ, געיעג, מלחמה. אָבער דאָס מערקווירדיגסטע זיינען אפשר די בילדער פון הענט, און אינטערעסאַנט זיינען זיי קודם כל דער־פאַר, וואָס מיר באַגעגענען ענליכע בילדער אויך אין די פרעהיסטאָרישע פראַנצויזישע און שפּאַנישע היילן. די דאָזיגע בילדער ווערן געמאַכט אַזוי: מען מאַכט פייכט די פעלזן־וואַנט, מען לייגט דערויף די האַנט אַרויף און מען באַשפּריצט מיט טרוקענעם פאַרב־פּולווער פון מויל אַרויס (מיט אָכרע, צע־ריבענע האָלץ־קוילן און כרומה). אַזוי קומען


עסקימאָסן אויף געיעג רעדן זיך צונויף דורך סיגנאַלן (לויט וו. י. האָפמאַן)


געיעג אויף פּאָלאַר־הירשן און טריקענען די פעלן (לויט וו. י. האָפמאַן)





אויבן: בילד פון פּאָלאַר־הירש פון דער הייל פון טאַינגען.
אונטן: בילד פון פּאָלאַר־הירש פון די עסקימאָסן אין אַליאַסקאַ (לויט נעלסאָן)

אַרויס די קאָנטורן פון אַ האַנט, וואָס טרעטן בולט אַרויס אויפן פאַרביגן אונטערגרונט. פּונקט אויפן זעלביגן שטייגער ווערן געמאַכט, לויט ווי מאַטיוס זאָגט, סילועטן פון כּלי־זיין און פון פיש. אָפּדרוקן פון הענט מאַכט מען אויך אַנדערש: מען טונקט איין די האַנט אין אַן אָנגעגרייטער פאַרבמאַסע און מען דריקט זי אָפּ אויפן אונטערגרונט. אין דעם זין פרעגט איין מאָל ווילהעלם יאָעסט מיט רעכט: „צי איז ניט יענער אורמענטש געווען דער ערשטער מאָלער, וואָס האָט זיין מיט בלוט אָדער מיט ערד באַשמוצטע האַנט אָפּגעדריקט אויף אַ פעלז־וואַנט?“

די אַווסטראַלישע צייכענונגען געפינען זיך ערטערווייז אין אַן אומגעהויער גרויסער צאָל. אַזוי האָט סטאָקס געפונען אויפן פעלז פון דעם רעפּעטש־אינזל ביים צפונית־מערבית־ברעג פון אַווסטראַליע, וואוהין מען קומט צוליב פיש־פאַנג אין געווויסע צייטן פון יאָר, אַן אמתע „בילדער־גאַלעריי אין מיטן דעם אָקעאַן“; אויף די ראָזיגע בילדער האָבן געוויס דורות געאַרבעט. איין יאָרגאַנג, זאָגט ער, האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן צווייטן, די פאַראַנענע פיגורן (פויגלען, פיש, קראַבן) האָבן געוועקט צו נאָכמאַכונגען, און אַזוי איז די מאַסע כּסדר געוואַקסן. ריכטיג מאַכט דערויף אויפמערקזאַם ריכאַרד אַנדריי אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ראָזיגער ערשיינונג, אַז אַזאַ



בילד פון פּאָלאַר־הירשן פון די עסקימאָסן אין אַליאַסקאַ (לויט נעלסאָן)

נאָכמאַכן און ווייטערפירן שוין פאַראַנענע געמעלן איז געדרונגען פון אַ נאַטור־געזעץ, און מען קאָן עס געפינען פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד. „וואו נאָר עס באַווייזט זיך אויף אַ ווינקל גאַס עפּעס אַ צייכענונג“, זאָגט ער, „באַלד קומט אַ צווייטער און לייגט צו זיינס. אַזוי ווערן באַדעקט מיט צייכענונגען און אויפשריפטן שול־בענק, שפּיצן בערג, וואו עס קומען זיך צונויף רייזנדער, פרעמדן־ביכער, געוויסע פונקטן ביי קאַראַוואַן־וועגן. איינגעקריצט און איינגעשניטן אין שטיין, אין קאָרע פון בוימער, געמאָלט און געצייכנט געפינען מיר דאָס אין אַלע ערד־טיילן“.

גאָר פון אַן אַנדער מין זיינען די צייכענונגען און די שניצערייען פון די עסקימאָסן און אַנדערע פּאָלאַר־פעלקער. זייער ענליכקייט צו די ביין־גראַווירונגען און שניצערייען פון דער מאַגדאַלען־מענשהייט וואַרפן זיך אַזוי אין די אויגן, אַז אַ טייל פאָרשער האָבן געוואָלט דערפון אַרויסדרינגען, אַז די דאָזיגע „פּאָלאַרהירש־פראַנצויזן“ געפינען זיך אין אַ ראַסן־קרובע־שאַפט מיט אָט די צפון־פעלקער. די עסקימאָסן קריצן איין זייערע צייכענונגען אין ציין פון ים־פערד און אין ביין מיט דער הילף פון שטיין־שפּיצן און אין דער לעצטער צייט מיט מעסערס. אויסגעמעלט ווערן קודם כל געיעג־חיות. עס ווערן פירגעשטעלט פּאָלאַרהירשן, ים־פערד, וואַלפיש און אַז. וו., אָבער אויך מענשן און סצענעס פון געיעג און קאַמף און בילדער פון טעגליכן לעבן; אָט די בילדער־סעריעס מוז מען אָפּט באַטראַכטן ווי אַ מין בילדער שריפט. דער עסקימאָס מאָלט אויס געשעהענישן, וואָס זיינען וויכטיג פאַר אים אין אַזעלכע רייהען בילדער, און דערביי ווערט איטליך טועכץ אָדער פאַקט אָפּגעשיידט פון דעם ווייטערדיגן בילד דורך אַ שטריך. אַדריאַן יאַקאָבסען האָט מיטגעבראַכט אַ געוויסע צאָל שריפט־בילדער פון די עסקימאָסן אויף אַליאַסקאַ, וואָס, לויט זיין אויסטייטש, דאַרפן זיי דער־ציילן אַפילו געוויסע היסטאָרישע פאַקטן, ווי אַשטייגער, דעם באַזוך פון די ערשטע אייראָפּייער אין יענע אָפּגעלעגענע קאַנטן.

אַזעלכע בילדער־ס ע ר י ע ס, וואָס זאָלן האָבן דעם באַטייט פון התחלות פון דער שריפט, זיינען פון דער פאַרהיסטאָרישער צייט פון אייראָפּע ביז אַהער, אמת, נאָך ניט באַקאַנט. אָבער מיר מעגן אין געוויסע צייכנס אויף די חפצים פון די פּאַלעאָליטיקער איינזעהן אַ פּאַראַלעל צו דער אַזוי אָנגערופענער סימבאָלישער שריפט פון די נאַטור־פעלקער.

אויף פּאַלעאָליטישע ביינער און שטיינער געפינען מיר שטריכן, וואָס זיינען טיילמאָלס איינגעקאַרבט אויף אַ מערקווירדיגן אופן. שוין פריה האָט מען געפּרובט אויסצוטייטשן די צייכנס, און היות ווי מען האָט זיי געפונען נאָר אויף שטיקער ביין פון פּאָלאַר־הירשן און אַנדערע חיות, האָט מען

געמיינט, אַז דאָס זיינען געיעג־צייכנס. די איינציגע קאָרבן זאָלן פירשטעלן די צאָל דערהרגעטע חיות, און אַנדערע האָבן געמיינט, אַז דאָס זיינען צייכנס פאַר טאָג און נאַכט אָדער זון און לבנה, וואָס קערן זיך כסדר אום. בײַ דער דאָזיגער ערקלערונג האָט מען זיך געהאַלטן, ביז די אַנטדעקונג פונם קרבן־פּלאַץ האָט מיר אָנגעוויזן, אַז מען קאָן אפשר אויסטייטשן אָט די צייכנס אויף אַן אַנדער אופן.

איך האָב איינגעזעהן, אַז אָט די קאַרבן און שטריכן זיינען טיילמאָלס געשטעלט אין אַ מערקווירדיגן סדר: עס ליגן צוויי אָדער מער אַזעלכע שטריכן פּאַראַלעל נעבן אַנאַנד, דערנאָך גייט אַ פּוסט אָרט, דערנאָך אַן איינציגער שטריך פּאַראַלעל צו די ערשטע, און דערנאָך גייען אין אַ באַשטימטן סדר נאָך פּאַראַלעלע שטריכן. אָפטמאָלס געפינען מיר אויף אַ ביין אָדער אַ שטיין אַזעלכע שטריכן ניט נאָר נעבן אַנאַנד, נאָר אויך געשטעלט איבער אַנאַנד. טיילמאָלס בייטן זיך לאַנגע מיט קורצע שטריכן, און דאָס, וואָס דאָס חזרט זיך איבער אויף איין און דעם זעלביגן שטיק ביין, לאָזט דרינגען, אַז עס איז געווען אַ באַשטימטע כּונה דערין צו מאַכן לענגערע און קירצערע שטריכן. טיילמאָלס שטימען געוויסע שטריכן, וואָס געפינען זיך אויף דער פאָדערשטער זייט פון שטיק ביין, מיט פּונקט אַזעלכע שטריכן אויף דער הינטערשטער זייט. אָפטמאָלס שטייען צווישן ווערטיקאַלע צייכנס שרעג געצויגענע אָדער האָריזאָנטאַלע ליניעס.

היות ווי מען האָט פון שטענדיג אָן אָפּגעגעבן אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט די ביין־געפינסן פון די פּאַלעאָליטישע קולטור־אָפּלעגערונגען, רעדיבער זיינען באַקאַנט געוואָרן על פּי רוב נאָר די דאָזיגע ביינער. די אויסגרעבער פון די זיבעציגער ביז די ניינציגער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט פלעגן כּסדר געבן זייערע אָנגעשטעלטע פּרעמיעס (אין געלט און נאַטור) פאַר באַזונדערס שיינע ביין־געפינסן. איך ווייס פאַלן, וואו מען האָט דירעקט אָנגעזאָגט די אַרבעטער, זיי זאָלן בכלל קלייבן נאָר גאַנץ גוט געצייג און שניצערייען אין ביין, דאָס איבעריגע אָבער זאָלן זיי לאָזן ליגן. מען קאָן זיך קוים פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ חורבנות מען האָט אָנגעמאַכט אויף אַזאַ אופן אין די וואונדערליכסטע קולטור־אָפּלעגערונגען. איך האָב ניט איין מאָל זיך אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע ערטער. איך האָב אַפילו נאָך געהאַט צו טון מיט אַרבעטער פון יענער אַלטער צייט. זיי האָבן גאַנץ גענוי געוואוסט, אין וואָסערע ערטער מען האָט געפונען ביינער, וואו זיינען געלעגן שיינע שניצערייען, און זיי האָבן געקאָנט אָנווייזן, אין וואָסערע ערטער מען האָט בכלל ווייטער ניט געגראָבן, ווייל די געפינסן האָבן אויסגעוויזן צו זיין ניט־אינטערעסאַנט. בײַ אַזעלכע אויסגראָבונגען האָט מען, פאַר־

שטייט זיך, ניט געמאַכט קיין שום סטראַטאָגראַפֿישע באַאָבאַכטונגען; מען האָט געזוכט נאָר שיינע זאַמלונגען און מען האָט מיט ביטול אַוועקגעוואָרפֿן אַ סך אַזעלכע זאַכן, וואָס איצט זיינען זיי אָנגענומען פֿאַר וויכטיגע קולטור־דאָקומענטן. ביי אַזאַ גראָבעניש נאָך אוצרות האָט מען קיין מאָל ניט זיך צוגעקוקט, צי אויף גרויסע שטיינער זיינען ניט איינגעקריצט נאָר שטריכן. אַזעלכע געפֿינסן האָט מען אַוועקגעוואָרפֿן ווי פּשוטן אָפּגראָב־מאַטעריאַל, און זיי זיינען פֿאַרלאָרן געגאַנגען. איך האָב מיינע מענשן אויסגעלערנט צו באַהאַלטן אַפֿילו דעם פּשוטסטן שטיין, און דורך דעם האָט מיר אָפּגעגליקט צו מאַכן אַזאַ באַאָבאַכטונג:

איך האָב קאָנסטאַטירט, אַז אין די ישובים, וואו מען געפֿינט קאַרבונגען אין ביין, געפֿינען זיך אויך שטיינער און שטיינערנע פּלאַטן מיט שטריכן. גאַנץ באַזונדערס האָט זיך מיר דאָס געוואָרפֿן אין די אויגן ביי מיין קרבן־פּלאַץ; איך האָב דורך אַ סך מוסטערן זיך איבערציינגט, אַז גראָד אויף דעם אָרט שטימען די „ביין־מאַרקעס“ מיט זייערע ליניעס און אין סדר פֿון זייערע פּרימיטיווע שטריכן מיט שטיינער, וואָס האָבן אויך נאָר שטריכן, און אין דעם זעלבינן סדר. דעריבער מוז זיין אַן אינעווייניגסטער צוזאַמענהאַנג צווישן אָט די שטיינער און צווישן די געקאַרבטע ביינער; אָדער עס ליגט אין די ענליכע צייכנס אויף די ביינער און אויף די שטיינער איין און דער זעלבינער זין, אָדער די דאָזיגע צייכענונגען זיינען ממלא איינע די אַנדערע און שטעלן פֿיר די התחלות פֿון אַ שריפֿט. ברייננגט מען אָט די אַלע צייכנס אין צוזאַמענהאַנג מיטן קרבן־פּלאַץ גופֿא, באַטראַכט מען די לאַגע פֿון די שטיינער מיט צייכנס און אהן צייכנס, די שייכות צווישן די געקאַרבטע שטיקער ביין צום מזבח, צו די כלים פֿאַרן בלוט און צו די גאַנצע שטיין־צייכענונגען, מוז מען ניט ווילנדיג קומען צו דער מסקנא, אַז עס איז פֿאַראַן אַ טיפֿערער צוזאַמענהאַנג צווישן די דאָזיגע שטריכן און צייכנס.

אויף אַ פֿעלד־וואַנט האָב איך געפֿונען ענליכע צייכנס, און איך שטעל זיך איין אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג, אַז מיר שטייען דאָ פֿאַר אַן אָנהויב פֿון אַ שריפֿט־שפּראַך. מען מוז, פֿאַרשטייט זיך, נאָך צונויפֿקלייבן און פֿאַרגלייכן דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס איז ביז איצט געפֿונען געוואָרן און ליגט צעשפּרייט איבער פֿאַרשיידענע מוזייען. היות אָבער ווי אין די באַאָבאַכטונגען קאָנען זיך אַרויסווייזן פּוסטע ערטער, גראָד דערפֿאַר, ווייל דעם פֿריהערדיגן מאַטעריאַל האָט מען, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, אַרויסגענומען, אָהן צו באַאָבאַכטן די סטראַטאָגראַפֿישע שייכותן, דעריבער מוזן מיר אין אַ געווויסער מאָס בויען אויפֿס ניי, ביי נייע אויסגראָבונגען מוז מען ווענדן מער אויפֿמערקזאַמקייט אויף די געפֿינסן, און איטליך ענליך

געפינס פון איין און דעם זעלבינן האָריזאָנט מוז געגוי פּראַקטאָקאָלירט ווערן און באַטראַכט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיטן שכנותדיגן געפינס־אָרט.

אין טאָל פון ווזער איז די קאַרב־שריפט פאַרבליבן ביזן היינטיגן טאָג. דעם בעקערס חשבון מיט זיינע קונדן באַשטייט אין געקאַרבטע העלצלאַך; ניט דער בעקער און ניט דער קונד פירן ניט קיין בוכהאַלטעריע. בײַם אַרויסגעבן ברויט האַלט מען צוזאַמען צוויי פלאַכע העלצלאַך, דער בעקער מאַכט מיט אַ מעסער אַ קאַרב איבער ביידע; איין העלצל הייגגט ער אויף זיין וואָגן צוזאַמען מיט די העלצלאַך פון זיינע איבעריגע קונדן, דאָס צווייטע העלצל בלייבט בײַם קונה. ווען מען רעכנט זיך דערנאָך אויס אַלע וואָך אָדער אַלע חודש, לייגט מען ווידער צונויף די צוויי העלצלאַך און מען ציילט איבער די שטריכן: די בעל־הביתטע באַצאָלט איר חוב, דער בעקער שאָבט אָפּ די קאַרבן, און דער „הויפּט־בוך" איז ווידער גרייט אויף צו פאַרציי־כענען דעם נייעם חשבון.

אַהערצו געהערן אויך די אייגנטומס־צייכנס און „הויז־מאַרקעס", וואָס מיר באַגעגענען בײַ אַ סך היינטיגע נאַטור־פעלקער. זיי באַשטייען פון פּשוטע שטריכן, שרעגע קרייצן און באַליביגע ליניעס. אויך בילדער פון זאַכן רינגען אויף צו באַצייכענען אַ וואָסערע עס איז כּלי, אַ געווער אָדער אַ שטוב־בעל־חי, וואָס געהער דעם בעל־הבית פונם געהעריגן צייכן און וואָס ער האַלט פאַר ווערטפול, ווי זיין אייגנס, וואָס די איבעריגע מיטגלידער פון שבט האָבן אויף דעם קיין רשות ניט.

עס איז געוויס מערקווירדיג, וואָס אַזעלכע אייגנטומס־צייכנס זיינען פאַרבליבן נאָך עד היום אין טייל דייטשע געגנטן. הייליבאָרן האָט צו־נויפגעקליבן אויפן אינזל הירדענזע (בײַ ריגען) נאָך צום סוף פון פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט אַ סך אַזעלכע „הויז־מאַרקעס". דאָ איז דאָס אייגנ־טומס־צייכן צונויפגעבונדן מיטן הויז און גייט איבער אין איינעם מיט דעם בירושה צום עלטסטן זון. דער צווייטער זון מאַכט צו אָט דער הויז־מאַרקע אַ „בײַצייכן", דער דריטער קלייבט אויס אַן אַנדער בײַצייכן אַ. אַז. וו. מיט דער הויז־מאַרקע ווערט באַצייכנט דאָס גאַנצע האָב און גוטס, סיי דאָס באַוועגליכע, סיי דאָס פעסטע. אויף די ווייד־פלעצער, למשל, געפינט זיך אַ סטויפּ מיט דער הויז־מאַרקע — דעם פישערס שיפל, דער רודער, די בהמות — אַלץ טראָגט דעם זעלבינן צייכן. בײַם פאָרשטייער פון דאָרף הייגגט אַ בייטל מיט שטעקלאַך, וואו עס זיינען אויסגעקריצט אַלע צייכנס פון די דאָרף־בעלי־בתּים. בעת מען פלעט פונאַנדער די פישפאַנג־פלעצער, ווי דאָס קומט פאַר אַלע יאָר, גילטן אָט די שטעקלאַך מיטן אייגנטומס־צייכן פאַר דאָקו־מענטן. אַזוי ווערט נאָך היינט אין טייל געגנטן אָנערקענט פאַר אַ גילטיגער

אונטערשריפט דער צייכן פון איינעם, וואָס קאָן ניט שרייבן. אין ווײמאַרער קאַנט איז דורך אַ פּסק־דין פון געריכט אין יאָר 1887 אַזאַ אייגנטומס־צייכן אויפן אויער פון אַ בהמה אָנערקענט געוואָרן ווי אַ יורידישער דאָקו־מענט, און די בכּונדיגע צעשטערונג איז באַשטראָפט געוואָרן ווי פעלשונג פון דאָקומענטן.

אַהערצו געהערן אויך די צייכנס פון די קאַרב־העלצער, ווי זיי זיינען נאָך ער היום געבליבן, אַשטייגער, אין דער שווייץ ביי חשבונות איבער מילך־ליווערונג און ביי קויף־קאָנטראַקטן וכדומה. כּדאַי נאָך צו דערמאָנען די אַזוי גערופענע „צינקען" פון די בראָדיאַגעס און גנבים, ווייטער די „פאַ־בריק־מאַרקעס" אויף פּאָרצעליי — אַזעלכע „פאַבריק־מאַרקעס" האָבן אויך טייל נאַטור־פעלקער, למשל, די טעפּערינס אויף ביליבילי (ניי־גווינעאַ).

ניינטער קאַפּיטל

אויפבליה

די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון מענשן באַווייזט אונז, און דאָס איז דאָך אָנערקענט פון אַלעמען, אַז ער גייט כּסדר און לויט באַשטימטע כּללים פּאָראויס. ווען מען געפינט אַמאָל צייטווייליגע צוריק־בילדונגען אויף זיין קערפּער, וואָס מען דערקענט זיי אָבער על פּי רוב נאָר אויפן פאַרגלייך־אַנאַטאָמישן וועג, דאַרף מען זיי ניט באַטראַכטן ניט אַנדערש ווי אַ שריט צוריק. וואָרום זיי האָבן על פּי רוב מיטגעהאָלפן אויסצובילדן וואָסער עס איז אַנדער אָרגאַן און זיינען בּכן געוואָרן אומדירעקט מיטהעלפער צו אַ העכערער אַנטוויקלונג. אויב דער מענש איז בּכן געווען פיהיג צו אַ שטענדיגער אַנטוויקלונג, האָבן דאָס ניט ווינציגער געדאַרפט זיין די פּראָדוקטן פון זיין האַנט־אַרבעט; וואָרום זיי זיינען סוף כּל סוף דער רעזולטאַט פון זיין מח־אַרבעט. אינם גבול פון די ראַסן־גרופּעס פון דער אייז־צייט דערקענען מיר שטענדיג אַן אַנטוויקלונג אין גוטן זין בּיי געצייג און כּלי־זיין פון פּרימיטיוון מענשן.

אויף דעם אָרט מוז איך זיך אָפּזאָגן פון צו באַטראַכטן דאָס אויספירליך. איך וועל וועגן דעם ריידן בּיי דער דיאַגנאָסטיק פון פּאַלעאָליטיש געצייג און כּלי־זיין אין מיין געפּלאַנטן לערן־בּוך. אין גרויסע שטריכן אָבער זאָל דאָ אָנגעוויזן ווערן אויף דער דאָזיגער אַנטוויקלונג אין משך פון די איינציגע אייז־צייט־עפּאָכעס, ווי ווייט זיי לאָזן זיך אַנטראָפּאָלאָגיש אָפּגרענעצן. פון דער קלינגע פון דער שעל־תּקופה בּיז צום האַמער פון דער אַשעל־צייט גייט אַ גראָדע ליניע פון פּראָגרעס. די מוסטיער־צייט איז נאָר אין אַ באַגרענעצטער מאָס אַ צוריקגאַנג לגבּי דער אַשעל־צייט; וואָרום זי בּריינגט אונז אַ נייעם אינסטרומענט, דאָס ערשטע געווער אין עצם זין, אַ פייל־שפּיץ. געאָלאָגיש און פּאַלעאָנטאָלאָגיש ענדיגט זיך דערמיט איין פּאַזיס,

און אַ נייע קולטור באַווייזט זיך פאַר אונז אין די אָפּלעגערונגען פון דער מיקאָק־צייט. די קערפּערליכע ערקלערונג פאַר דער גאַנץ נייער טעכניק פון דער ראָזיגער תקופה געפינען מיר מסתמא אין די שימפּאַנזע־ענליכע אונטערשטע קינבאַקן פון עהרינגסדאָרף ביי ווייםאַר. דער Homo Aurignacensis, וואָס איז אַ פאַרטרעטער פון אַ נייער ראַסע, ברענגט אונז מיט אויך אַ נייע קולטור. די עפּאָכע פון סאָליטרע אַנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגן אין די הפלאה געאַרבעטע לאָרבערבלאַט־שפּיצן, ווי הויך אַנטוויקלט עס איז געווען די קונסט פונם אַלטן הייל־מענטש. די מאַגדאַלען־תקופה, מיט איר קונסט און איר קולט, איז אין אַ געוויסער מאָס דער אַפּאָטעאָז צו דער געשיכטע פון דער אייז־צייט־מענשהייט.

די קונסטווערק פונם פּאַלעאָליטישן מענטשן זיינען פאַר אונז פּונקט אַזוי וויכטיג, ווי פאַרמעטענע דאָקומענטן פאַרן היסטאָריקער. זיי געבן אונז דריי זאַכן: ערשטנס, זעהען מיר פון זיי אַרויס דעם קולטור־גראַד פון זייער באַשעפער; צווייטנס, האָבן מיר דורך זיי אילוסטרירטע ראיות פאַר אַלע פּאַלעאָנטאָלאָגישע געפינסן; און דריטנס, לאָזן אונז אָט די אַלטע קונסט־פּראָדוקטן וואַרפן אַ בליק אינם נשמה־לעבן פון יענע ווייט אָפּגעלעגענע צייטן און פעלקער.

איך וואָלט זיך ניט איינגעשטעלט צו זאָגן, אַז די בילדער פון בעלי־חיים פון דער אַלטשטיין־צייט זיינען „טאָטעמס“. מיר רוכט, אַז די רעאַליסטישע צייכענונגען פון דער קוואַרטער־צייט האָבן ניט קיין שום מעטאַפיזישן באַזים. דאָס גאַנצע קלערן און טראַכטן פונם אייז־צייט־יעגער איז געווען געווענדט נאָר צום געווילד אַרום אים, ווי צו אַן ענדציל, און זיין איבערגעבן קינסט־לעריש די בעלי־חיים־בילדער האָט קיין שום שייכות ניט מיט צייכענונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט מאַגישע פאָרשטעלונגען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די געפינסן פון געצייג און כלי־זיין געבן די געמעלן און שניצערייען פון אַ האָריזאָנט אַ לעבעדיג און ריכטיג בילד פון אַמאָליגן לעבן און דענקען. ווען מען באַטראַכט אַלע די ראָזיגע געפינסן אין איינעם, באַקומט זיך אַ דאָקומענט, וואָס ווירקט מיט זיין אינהאַלט ווי אַ גוט דאַטירטער פּאַפּירוס.

הערנעס רעדט מיט רעכט וועגן אַ קולטור־ און קונסט־געאָגראַפיע פון דער פאַרגאַנגענהייט; זי גרייכט אויף צוריק ביז אין די טעג פון די ערשטע פּאַלעאָליטישע ישובים אין דער איצטיגער אייראָפּע. זי איז אַזוי אַלט, ווי דער פאַרהיסטאָרישער מענש גופא.

אָבער דאָרט, וואו מיר פאַרמאָגן קולטור און קונסט, וואו די געאָגראַפישע אויספּרייטונג פון די דאָזיגע גרויסע מענשהייטס־סימנים טוט פאַרענטפערן

פּראָבלעמעס און ברייננען אויפקלערונגען פאַרן אויפבוי פון דער מענטש־הייטס־געשיכטע בכלל, דאַרט טאָר מען שוין ניט ריידן מער וועגן א „פּרעהיסטאָרישער ליבהאָבעריי", וואָס שטייט אין קיין צוזאַמענהאַנג ניט מיט דעם, וואָס עס לערנט אונז די היסטאָרישע צייט. פאַרקערט! עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די פּערים צווישן דער פאַרהיסטאָרישער צייט און צווישן דער איצטיגער געשיכטע פאַרקניפּן זיך ניט צו צערייסן זיי.

קלאַאַטש האָט שוין פריהער שאַרפזיניג באַטאָנט, אַז די קונסט־פייהיג־קייט איז געבליבן פאַרבאָרגן און האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט, דוקא ווייל די קולטור־פעלקער פון אייראָפּע זיינען על פּי ירושה פאַרבונדן מיט די קינסטלער פון דער קוואַרטער־צייט.

איך האָב ניט לאַנג באַוואונדערט אַ באַזעלער אַרבעטער־יינגל, ווי ער איז אַוועקגעלאָפן אָן אַ זייט פון זיינע חברים און האָט אויף אַ פּריש אָפּ־געטינקעוועטער וואַנט פון אַ הויז אָנגעצייכנט מיט קויל אַ פערד, וואָס איז פולקום גלייך געווען צו די פערד־בילדער פון די מאַגדאַלען־מענשן. אַזוי נאַאיוו און לעבנס־געטריי האָט דאָס זיבן־יאָריגע יינגל געצייכנט, אַזוי זיכער אין שטריך און אַזוי עכט נאָך דער נאַטור, אַז זיין ווערק וואָלט געקאָנט פאַרביטן ווערן מיט אַ גראַווירונג פון דער אַלט־שטיין־צייט. מען קאָן נאָר באַרויערן, ווען אַזאַ פייהיגקייט ווערט ניט אָפּגעשאַצט אין דעם צייכן־לימוד פון דער שולע.

די קולטור און די קונסט־געשיכטע פון XX־טן יאָרהונדערט האָבן ניט זייערע וואָרצלען אין דער נייער צייט; וואָרום ביידע, די קונסט און די קולטור, באַווייזן אויף צוריק אין דער גרויער פאַרהיסטאָרישער צייט, און מען קאָן זיי נאָר דעמאָלט פאַרשטיין, ווען מען דערקענט די גרויסאַרטיגע אַנטוויקלונג, וואָס שטעקט אין איר, ביז צו אירע פריהסטע התחלות. מען קאָן זיי ניט באַטראַכטן אָפּגעזונדערט פון דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פונם מענשן; וואָרום ביידע זיינען גראָד ז י י נ ע וויכטיגע באַשטאַנד־טיילן. די דיינק־מעלער פון דער פאַרהיסטאָרישער צייט לערנען אונז, אַז געשיכטע און פאַרגעשיכטע זיינען געוואָרן דיסציפּלינעס, וואָס מען קאָן זיי ניט אָפּטיילן פון אַנאַנד.

ווען מיר באַטראַכטן אַזאַ שטענדיגע אַנטוויקלונגס־ליניע, וועלן מיר ניט קאָנען זיך אָפּזאָגן פון דער מיינונג, אַז פאַר דער ערשטער שיינער קלינגע פון דער שעל־צייט און פאַר דעם מוסטערהאַפטן האַמער פונם Homo Mousterienssis האָבן שוין עקסיסטירט מענשן אין אַ באַשטימטער פאָרם. אמת, מיר ווייסן ניט פון קיין סקעלעט־רעשטן פון יענער צייט, אָבער בעל־גישע און פראַנצויזישע שטיין־געפינסן לאָזן דריננען, אַז זיי האָבן זיך

געפונען אין דער האַנט פון אַ באַשעפעניש, וואָס איז ענליך צום מענטשן. די ביז גאָר פּרימיטיווע געצייג לאָזן זיך איינטיילן אין אַזעלכע, וואָס אויף זיי איז ניט קענטיג, אַז מען זאָל האָבן זיי אויסגעפורימט צוליב אַ געוויסן צוועק, און אין אַזעלכע, וואָס זייער אויסזעהן באַווייזט, אַז אַ מענטשנס האַנט האָט זיי אויפן פּשוטסטן אופן אַרומגעהאַקט. דער מענטש פון דער יינגערער טערציער־צייט האָט מסתמא לכתחילה באַנוצט שטיינער, וואָס ער האָט געקאָנט זיי נעמען אין האַנט אַריין, ווי אַ געווער צום שלאָגן. אַ פאָרם, וואָס איז עפּעס העכער אַנטוויקלט, באַווייזט נאָר פּשוטע אַרומהאַקן ביים ראַנד. ביידע מינים רופט מען אָן מיטן נאָמען „עאָליטן". עס בלייבט אַן אויפגאַבע פון דער ווייטערדיגער פאָרשונג צו אַנטדעקן אַלע סטאַדיעס, וואָס זיינען דורכגעמאַכט געוואָרן פאַר דער אייז־צייט־טעכניק, און דורכ־דעם אויספאָרשן דעם וועג, ווי אַזוי דער מענטש איז געוואָרן נאָך טיפער. אָבער לאָגיש קאָן ניט אָפּגעפרעגט ווערן די הנחה, אַז אַ טערציער־מענטש האָט געמוזט עקסיסטירן. די שייד־ליניע צווישן געווער און געצייג איז אין די ערשטע התחלות שווער צו דערקענען; דער פּשוטסטער שטיין האָט געקאָנט באַנוצט ווערן סיי אַזוי און סיי אַזוי.

אין דער גייסטיגער אַנטוויקלונג פונם פאַרהיסטאָרישן מענטשן צייכנט זיך אָפּ דאָס „אַרויף" אין אַ סך אַ געהויבענערער מאָס, ווי ביים ווילדן. ביים לעצטן קאָנען מיר קוים אָנערקענען פאַר אַ פּראָגרעס דאָס אַלץ, וואָס האָט אים געפירט צו אַ בעסערן לעבנס־פּיר. וואָס די אייראָפּייער האָבן אַריינגעבראַכט אין די טיפענישן פונם אורוואַלד, איז געווען פרעמדס און האָט אַרויסגעשטופּט איינגעוואָרצלטס. בראָנפן, קליידער און געווער האָבן ניט געמאַכט פונם ווילדן קיין קולטור־מענטש אין דעם הייליגסטן באַ־טייט פונם וואָרט. די פרעמדע רעליגיעס האָט מען זיי אויפגעצוואונגען, און זיי האָבן צו קיין אינעווייניגסטער בעסערונג ניט געבראַכט; עס איז געבליבן אַן אויסגעהזרטער פרעמד־שטאָף.

אַנדערש באַשטייט דאָס מיטן „ווערן מענטשן" ביי די פעלקער פון דער אייז־צייט. די זון פון קולטור איז אויפגעגאַנגען איבער זיי און אין זיי; פּאַמעליך איז זי געוואַקסן, אָבער זיכער האָט דער פאַרהיסטאָרישער מענטש געשטייגט פון מדרגה צו מדרגה. אויב מיר קענען אים אַפילו ניט אין זיין שפּראַך און אין זיין פילן, די אויסדרוקס־פאָרמען פון זיין אינעווייניגסטן מהות זיינען דאָך געקומען צו אונז.

אין יאָר־טויזנטער האָט ער זיך אויפגעהויבן פונם הייל־שרעקעניש, באַוואָפנט מיט דער פויסט־קלינע, ביז צום כהן ביים מזבח, ביז צום קינסטלער, וואָס האָט מיט ריינע אויגן דערזעהן די וואונדער פון דער נאַטור

און געקניט פאַר זיי. זיין קולט, ווי פּרימיטיוו ער זאָל אויך זיין, שטעלט דאָך פיר אַ דערגרייכטן אַנטוויקלונגס־ציל.

ווען אין טאָל פון וועזער האָבן זיך צעשפּילט די כּחות פון דער נאַטור, ווען די בליצן זיינען געשפּרונגען מיט רעש פון באַרג־שפּיץ צו באַרג־שפּיץ, ווען דונער און שטורעם האָבן אָנגעפילט דעם טאָל מיט שרעק און אימה, דעמאָלט האָט דער יעגער זיך אויסבאַהאַלטן אין די טיפענישן פון זיין הייל.

איין איינציג אָרט אין טאָל פון דער אורוועלט־פּאָמפּיי האָט איבערגעגעבן די געשרייען פון חיות, די קולות פון די יעגערס אין אַ פינף־פאַכיגן עכאָ; און דאָרט האָט דער פּאַלעאָליטישער מענש זיך אויסגעבויט זיין מזבח; דאָ האָט ער אויסגעשטעלט אין אַ קרייז די בילדער פון די חיות, וואָס ער איז אויף זיי געגאַנגען אויף געיעג, איינגעקריצט אין שטיין, און האָט אויסגעקליבן דעם כּהן, וואָס האָט, אויסגעפּוצט מיט מייערקעפּלאַך און גלאַנציגן קרישטאָל, צוגעפּגעקליבן דאָס האַרץ־בלוט פון דערהרגעטן געווילד אין אַ פּשוטער שטיינערנער שאָל. דאָ האָט דער שוואַכער מענש געבראַכט קרבּנות צו די כּחות, וואָס ער האָט ניט געזעהן, וואָס ער האָט זיי געקאָנט נאָר שפּירן אין שטורעם און דונער.

אין דער זיכערער מעגליכקייט פון אַ שטענדיגן פּראָגרעס ליגט דער געהויבנסטער מאָמענט פונם מענשנטום, ליגט זיין גרויסקייט און קראַפט. דאָס ווערן און שאַפן פונם פּאַרהיסטאָרישן מענשן ווערט צום מאָס־שטאַב פון זיין קולטור.

די סומע פון דער גאַנצער פּאָרשונג אין דעם באַגינען פון דער מענשהייט באַשטייט אין דערקענען די אַנטוויקלונג און דעם ווערט פון דער קולטור. האַנט ביי האַנט מיט דער קערפּערליכער אַנטוויקלונג, וואָס לאָזט זיך אָנווייזן בחוש, איז געגאַנגען אויך דער אויפבליה פונם מענשליכן גייסט.

אויף די טיפסטע שאלות געפינט דער דיינקענדיגער מענש אַן ענטפער אינם בוך פון דער ערד. די פּאַלעאָליטישע פּאָרשונגען קלערן אויף די ערשטע טעג פונם מענשליכן מין — פּונקט ווי היינט, זעהען מיר דעמאָלט קאַמף, שאַפן און ווערן: אָבער זיי ברייננען אונז דעם אמת — און אמת איז ליכט!